# צווייטער סעזאָן

## אין אירווינג פּליים-טעאַטער (1919-1920)

די טרופּע איז באַשטאַנען (לויט א'ב) פון די פרויען: בערטאַ גערסטען, לוסי גערמאַן, חנה האָלענדער, דזשעני וואַליער, ליזע זילבערט און בעטי פערקוויץ, און די מענער: מישאַ גערמאַן, יודל דובינסקי, מוני ווייזענפריינד, אליהו טענענהאָליץ, אברהם טייטעלבוים, מנשה סקולניק, מאַרק שווייד, גוסטאַוו שאַכט און מאָריס שוואַרץ.

### „טוביה דער מילכיקער"


שלום עליכם — מחבר

**דעם 29 אויגוסט 1919 ווערט א'ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „טוביה דער מילכיקער" פון שלום־עליכם.**

**די פּיעסע און שוואַרצס אינטערפּרעטאַציע פון טביהן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַזוי אָנערקענט, איז לכתחילה גאָרניט אַזוי וואַרם אויפגענומען געוואָרן.**

**ב. וולאַדעק שרייבט:**

„אויפן פּראָגראַם איז „טוביה דער מילכיקער" באַצייכנט אַלס טראַגי־קאָמעדיע. דאָס איז ניט ריכטיק. אין דעם שטיק איז ניטאָ קיין שום פאַרהאַנדלונג, וואָס זאָל קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אַלס קאָמיש. דער הויפּט־העלד, טוביה דער מילכיקער, איז הומאָריסטיש. אַלע צרות, וואָס באַפאַלן אים, נעמט ער אויף מ׳ט אַ באַשטימטער פילאָזאָפישער גלייכגילטיקייט, און זיין סאָרט ריידן, זיין ברענגען יעדע ווילע אַ פסוק און זיינע אייגנאַרטיקע פאַרטייטשונגען מאַכן אָפּט דעם עולם לאַכן. אָבער דאָס האָט ווייניק צו טאָן מיט דעם אינהאַלט פון דער זאַך, וועלכע איז אַ הונדערט־פּראָצענט דראַמע.

...דורך דער גאַנצער צייט פון דער אויפפירונג פרייט ק אָוונט, ווען מיר האָבן די פּיעסע געזען, און אויך אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, האָט דער עולם ניט געקאָנט באַשטימען צי די זאַך איז אַ גרויסער ערפאָלג צי ניט, און ווי זיי זאָלן זיך צו דעם באַציען. די הויפּט אורזאַכע פון אָט דער אומבאַשטימטקייט, איז וואָס דער עולם האָט ניט דערוואַרט פון שלום־עליכמן אַ פול־בלוטיקע דראַמע. אַלע קענען שלום־עליכמן אַלס דעם גרויסן יידישן הומאָריסט. טוביה דער מילכיקער איז איינער פון שלום־עליכמס געלונגסע הומאָריסטישע טיפּן. אַז מען דערמאָנט נאָר דעם נאָמען „שלום־עליכם" שמייכלען שוין מענטשן. אַזוי טיף איז איינגעוואָרצלט דער געפיל שלום־עליכם מיינט הומאָר, געלעכטער, אפשר געלעכטער דורך טרערן, אָבער פאָרט געלעכטער. און דאַן קומען זיי אין טעאַטער און געפינען, אַז אַנשטאָט לאַכן, זיינען זיי געצווונגען צו וויינען, אַז אַנשטאָט פאַרגעסן אָן צרות, קומען די צרות צוריק, און אַזעלכע, וואָס מען קאָן פון זיי ניט אַנטלויפן. נאַטירלעך איז דאָס ניט שלום־עליכמס שולד. פאַרקערט, עס איז אַן אָנגענעמע איבעראַשונג פאַר אַלע שלום־עליכמס ליבהאָבער. עס איז אָנגענעם צו וויסן, אַז אונדזער גרויסער פאָלקס־שרייבער האָט אין זיך געהאַט די פעיִקייט אויך פון אַ דראַמאַטורג, און האָט געהאַט ניט נאָר דעם כוח צו מאַכן לאַכן, נאָר אויך צו מאַכן וויינען.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען אויפגעפירט געוואָרן אומצאָליקע טעאַטער־שטיק ווו די הויפּט־טעמע איז די יידישע פראַגע אין איין פאָרמע אָדער אַן אַנדערער. פון די אַלע איז שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער" די שטאַרקסטע און אינהאַלטסרייכסטע. דער שמד איז אַפילו ניט אַזאַ אָפּטע ערשיינונג אין יידישן לעבן, און די יידן ליידן פון דעם אַמווייניקסטן, אָבער קיין זאַך קאָן אַזוי ניט אַרויסברענגען די טיפקייט פון דער יידישער פראַגע ווי דער שמד. די יידן האָבן שטענדיק געקוקט אויפן משומד ניט נאָר ווי אַ פאַרעטער צו דער יידישער רעליגיאָן, נאָר אויך ווי אַ פאַרעטער צום יידישן פאָלק. אינם באַוווסטזיין פון דעם יידן איז שמד דער גרעסטער און עקלהאַפסטער פאַרברעכן, און דאַרום האָט וואַרשיינלעך שלום־עליכם באַשלאָסן צו דראַמאַטיזירן חוהן און ניט די אַנדערע טוביהס טעכטער, ווייל חוה האָט אים געגעבן אַ בעסערע און אַ טיפערע געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן יידישקייט, אַרויסשטעלן די יידישע וועלט קעגן דער גויִשער. דאָ איז אַ „קול יעקב". אַ געוויינלעכער האָרעפּאַשנער ייד, אַ פּראָסטער מענטש, וואָס איז דאָך שטאַרק און גרויס, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט אַן אַלטער קולטור און רעליגיאָן. טוביהס פסוקים זיינען נאָר דער אויסדרוק פון דעם פאַקט, פון מעכטיקן אידעאַל, וואָס רופט זיך יידישקייט. פאַרקערט, די גויִשע וועלט לויט שלום־עליכמן, איז „הידים ידי עשיו", אַ שטאַרקייט פון פיזישער מאַכט, אַ רעגירונגס און קלויסטער־שטאַרקייט, אַן אויסערלעכע שטאַרקייט, אָבער אַן אינעווייניקסטער מענטשלעכקייט.

פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן אַקט קעמפן אויף דער בינע די צוויי וועלטן — די יידישע און די גויישע און אויף קיין איין מינוט קאָנען די צושויער אין דעם קאַמף ניט פאַרגעסן. און ביים היינטיקן טאָג, ווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז אין געפאַר אויסגעראָטן צו ווערן, ווען קיין טאָג גייט ניט פאַריבער אָן נייע נייעס וועגן יידישן אומגליק, אַנטהאַלט אין זיך שלום־עליכמס דראַמע אַ צייטמעסיקייט, וואָס איז כמעט סענסאַציאָנעל, און ווען חוה קומט צוריק און טוביה קומט אַרויס דער זיגער אין גייסט, דער זיגער אין גלויבן, און דער עולם אַפּלאָדירט מיט שטורם,

זיינען די אַפּלאָדיסמענטן אַן אויסדרוק אויך פון ד'י צושויער, אַז דעם יידן קאָן מען ניט ברעכן.

די דראַמאַטיזאַציע איז עקסטרעם נאַציאָנאַליסטיש. אַ פאַקט, וואָס איז אַ ריכטיקער אויסדרוק אי פון שלום־עליכמן, אי פון דער איצטיקער שטימונג פון די ברייטע יידישע מאַסן, כאָטש מען האָט געקאָנט גענוג דעבאַטירן מיט אונדזער פאַרשטאָרבענעם קינסטלער אויב ער איז גערעכט, און אויב טאַקע יידישקייט מיט „גויישקייט" קאָנען זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענקומען.

וועגן דער אויפפירונג פון דער פיעסע איז פיליכט ניט רעכט צו ריידן נאָך אַן ערשטע נאַכט־פאַרשטעלונג. מאָריס שוואַרץ האָט קענטיק אַריינגעלייגט אין טוביהן אַ היבש ביסל אַרבעט און געלט, און ס'איז נאַטירלעך דעריבער אָנצונעמען, אַז די ערשטע פאָרשטעלונג זאָל זיין דורכגעפירט געווען ניט גלאַט. מאָריס שוואַרץ אַלס טוביה איז זייער גוט. אַ פּאָר קליינע ראָלן זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן זייער גוט. איבערהויפּט דער דאָרף־שרייבער זאַזוליאַ פון ווייזענפריינד און דער סטאַראָסטע פון דובינסקי. ניט שלעכט זיינען אויך מאַדאַם פּערקויף אַלס טוביהס ווייב גאָלדע און ליזאַ זילבערט אַלס זיין עלטערע טאָכטער ציטל גוסטאַוו שאַכט אַלס דער גלח האָט ניט געשאַפן קיין טיפּ און האָט גערעדט און געשפילט ווי כמעט יעדע איינער וואָלט געשפילט אַ גלח, אַ באַסאָווע שטימע, אַ הילצערנע שפּראַך און הילצערנע מאַניערן, אָבער פאַרדריסלעך ניט געראָטן האָט דעם ערשטן אָוונט געשפילט בערטאַ גערסטען אַלס חוה. זי האָט כמעט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער פּיעסע ווי טוביה זעלבסט און אַ גרעסערע ראָלע צום שפּילן. אַ יידישע מיידל שמדט זיך ניט אָפּ גלאַט מיר־ניט דיר־ניט און קומט ניט צוריק נאָך אַכט יאָר פאַרפרעמדקייט גלאַט מיר־ניט דיר־ניט. דאָס איז אַן אָנגעשטרענגטע נערוועזע טעמפּעראַמענטפולע ראָלע אין וועלכער אַ יידישע אַקטריסע קאָן זיך מאַכן אומשטערבלעך. בערטאַ גערסטען האָט די ראָלע געשפילט אָן פייער און דאַרום ניט אַרויסגעבראַכט גענוג איניקע מאָמענטן, וואָס זיינען גוואַלדיק דראַמאַטיש. אין דעם ערשטן אַקט, צום ביישפּיל, איז דאָ אַ סצענע ווי טוביה קומט אַריין נאָכדעם ווי זי איז געווען מיט פעדיאַן. ער פרעגט זי ווער איז דאָ געווען, און וואָס האָט ער געטאָן. פריִער פּרוּווט זי אָפּלייקענען, אָבער זי ברעכט צוזאַמען און דערציילט, אַז ער איז געווען ביי איר. די גערסטען שפּילט אין דער סצענע אָן אַ ברעקל סימן פון אויפגערעגטקייט, פון אינעווייניקסטן קאַמף, און דער גאַנצער דראַמאַטישער אינטערעס וועפּט זיך אויס. דאָסזעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט טעגנעהאָלצן, וועלכער שפּילט פעדיאַן, און ביידע האָבן אָפּט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי ווייסן ניט זייערע ראָלן און וואַרטן אויפן סופליאָר. אויסער די אויסגערעכנטע נעמען אָנטייל אין דער פּיעסע מאָריס סקולניק אַלס פעדיאַס פאָטער, מאַדאַם ווילענסקי אַלס פּיעקלאַ, זיין פרוי, מאַרק שווייד אַלס די סטאַרשינאַ, סאַמואילאָוו אַלס דער אוראַדניק און נעטי סאַמינגער און רוט שוואַרץ אַלס טוביהס איניקלעך. די אויסשטאַטונג, איבערהויפּט אין ערשטן אַקט, איז זייער געשמאַקפול, און די טייבעלעך מיט הינדעלעך העלפן פיל צו באַשאַפן אַן אמתע דאָרף־שטימונג".

### ב. גאָרין שרייבט:

„עס איז אַן אַלטער כלל, אַז אַ דראַמע, וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון אַן ערציילונג אָדער ראָמאַן דערמאָנט אַ צעבראָכענע כלי, וואָס איז צוזאַמענגעקלעבט געוואָרן. די זעלבע כאַראַקטערס, וואָס קומען אַרויס אין אַן ערציילונג בולט, לעבעדיק, ווערן אין דער איבערגעמאַכטער דראַמע, מאַט. דאָס קומט דערפון וואָס די קונסט פון די דראַמע און די קונסט פון בעלעטריסטיק זיינען גאַנץ פאַרשיידן. אין אַן ערציילונג שטייט קיינער איבערן קאַרק פון דעם שרייבער און ער קאָן זיך פאַרגינען אַזוי פיל פּלאַץ ווי ער וויל און מאַכן די פאַרשיידנסטע סיטואַציעס כדי צו אַנטוויקלען און אַרויסברענגען די כאַראַקטערס, אָבער אין אַ דראַמע מוז זיך דער שרייבער פאַסן קורץ. ער מוז זיין זייער שפּאָרזאַם און עקאָנאָמיש מיט די סיטואַציעס, און ווען די דראַמע איז איבערגעמאַכט פון אַן ערציילונג, געפינט אויס דער שרייבער, אַז אָדער ער קאָן ניט קומען צום וואָרט און ער דאַרף שניידן און אַרויסוואַרפן בריליאַנטענע סצענעס אָדער עס פעלט אויס האַנדלונג און ער מוז אויספילן אַן אַקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף לחלוטין ניט און וואָס איז ניט אינטערעסאַנט.

עס ווייזט אויס, אַז דער פאַרשטאָרבענער שלום־עליכם האָט פון דעם כלל ניט געוווּסט אָדער ער האָט צופיל פאַרלאָזן זיך אויף זיינע כוחות און געגלייבט, אַז ער וועט די שוועריקייטן בייקומען. שלום עליכם האָט געקענט אָנשרייבן אַ דראַמע ווען ער האָט לכתחילה געבויט אַ פּיעסע אויף דראַמאַטישע יסודות. נאָר ווייל „טביה דער מילכיקער" איז איבערגעמאַכט פון אַן ערציילונג, האָט די דאָזיקע דראַמע געליטן פון דער איבערמאַכונג.

דער אינהאַלט פון „טביה דער מילכיקער" איז אַזאַ, וואָס איז שוין שטאַרק עקספּלאָאַטירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע. כמעט יעדער, וואָס האָט געשריבן מער אָדער ווייניקער פאַרן יידישן טעאַטער, האָט געברויכט דעם דאָזיקן סוזשעט און דאָס האָט אַוועקגענומען אַ סך פון דעם אינטערעס צו דער פּיעסע, נאָר הגם דער סוזשעט איז שוין אַ סך עקספּלואַטירט געוואָרן, איז דאָך געלונגען שלום־עליכמן צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס די פריערדיקע האָבן ניט געזאָגט.

... לויט דעם אינהאַלט, וואָס מען קאָן איבערגעבן אין עטלעכע געציילטע ווערטער, איז גרינג צו זען, אַז דאָס איז אַ פּיעסע פון דעם בעסערן סאָרט. דאָ איז קיין זאַך ניט פאַרפּלאָנטערט, ניט פאַרדרייט, און דאָ איז מער פּלאַץ פאַר דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער דראַמע און פאַר אַרויסברענגען די כאַראַקטערס. מער געלונגען איז דעם שרייבער „טביה" וועמנס בילד קומט אַרויס גאַנץ בולט. די אַנדערע בילדער זיינען ווי פאַרוואָלקנט. ווער איז חוה? ווער איז פעדיאַ? ווער איז ציטל? זיי קומען אַרויס בלייך, הגם זיי זיינען וויכטיקע פּערזאָנען אין דער דראַמע.

עס איז כדאַי אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם לעזער, אַז שלום־עליכם האָט אויסגעמיטן די שאַבלאָנע בילדער, וואָס מען זעט געוויינלעך אין די דראַמען מיט אַזאַ סוזשעט. זיין פעדיאַ, למשל, איז ניט אַרויסגעקומען קיין שכור, וועלכער שלאָגט זיין ווייב. ניין, פעדיאַ איז ביז דער סאַמע לעצטער מינוט איבערגעגעבן זיין יידישער ווייב און ווייזט איר אַרויס זיין טיפסטע ליבע און גרעסטע רעספּעקט, און דערפון געווינט אַ סך די אידעע פון דער דראַמע. חוה קערט זיך צוריק צום טאַטן ניט ווייל זי האָט געוואָרפן אַן אום־חן אויף איר מאַן, נאָר ווייל איר גאַנצע וועלטאַנשויונג האָט באַנקראָטירט. אַ שיינע רירנדע סצענע איז ביים סוף ערשטן אַקט ווען טביה קריגט מער ווי אַ חשד, אַז דער שייגעץ איז געווען ביי אים אין הויז און האָט זיך געזעגנט מיט זיין חוהן. מיט אַלע יסודות פון דער יידישער אָרעמער אָבער גליקלעכער היים צעטרייסלט איז גענוג איין וואָרט פון חוהן, אַז ער

זאָל צוריק ווערן רויִק און בויען אויף איר ווי אויף אַן אייזערנע וואַנט. די שילדערונג איז דאָ אַזאַ אידעלע, אַזאַ פיינע, און די סצענע איז דורכגעדרונגען מיט אַזאַ וואָרהייטלעכקייט פון קונסט, אַז עס איז אַן אמתדיקער פאַרדרוס פאַרוואָס די זעלביקע שילדערונג איז ניט אויסגעהאַלטן אין דער גאַנצער פיעסע. דער סאַמע שוואַכסטער איז דער צווייטער אַקט, אין ביידע סצענעס, און איז גאַנץ לאַנגווייליק. אינטערעסאַנט ווערט די פיעסע ביים סוף לעצטן אַקט ווען חוה באַגעגנט זיך מיטן פאָטער. די קאָנסטרוקציע איז ניט קיין געהויבענע און דאָס האָט זיך ווידער גענומען דערפון וואָס די פיעסע איז איבערגעמאַכט פון אַן ערציילונג.

עס ווייזט אויס, אַז דער דירעקטאָר האָט זיך געסטאַרעט צו געבן אַ פאַסנדע אויסשטאַטונג און דעקאָראַציעס, נאָר דאָס איז אים ניט זייער געלונגען. די עלעקטרישע עפעקטן זיינען אַרויסגעקומען קינדיש. הייבט אָן די לבנה אַרויפצוגיין אין מערב־זייט און טביהס הויז ביזן האַלבן דאַך איז באַגאָסן מיטן לבנה־שיין פון מזרח־זייט. אויך די טענץ און געזאַנג אין צווייטן אַקט האָבן ניט קיין טעם און זיינען ניט אָם [אין] פלאַץ. דער יונגער דירעקטאָר שוואַרץ האָט הפנים אַ שוואַכקייט צו בהמות און עופות. אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" האָט ער אַרויפגעפירט אויף דער בינע אַ ציג, אין „דעם שמידס טעכטער" איז געווען אַ פערד, אין „טביה דער מילכיקער" האָבן מיר שוין אַ פערד און אַ וואָגן, אַ קו, טויבן, הינער, און אויב עס וועט אַזוי אָנגיין ווייטער, וועלן שוין קיין בהמות און עופות ניט קלעקן און מען וועט דאַרפן אַריינפירן אַ וואַלד מיט חיות, און דאָך האָט [האָבן] מער קאָליר געגעבן דעם מילכיקערס דאָרף־שטיבל די עטלעכע קעז־זעקלעך, וואָס זיינען געהאָנגען אויפן פלאַנקען. דערפון איז גרינגער צו זען ווי ווייניק מען דאַרף האָבן צו שאַפן לאָקאַלן קאָליר און די ריכטיקע אַטמאָספערע.

די פיעסע איז דורכגעפירט געוואָרן גאַנץ נישקשהדיק. מאָריס שוואַרץ אין דער ראָל פון „טביה" איז געווען אַמבעסטן אין די לייכטערע מאָמענטן, ווו עס ווייזט זיך אַרויס טביהס הומאָר, נאָר ער האָט זיך ניט אַריינגעלעבט גוט אין די טראַגישע מאָמענטן. אין דער סצענע ביים גלח האָט ער ניט געמאַכט דעם געווונטשטן איינדרוק. ביי דער הבדלה אין דריטן אַקט האָט ער ניט אַרויסגעוויזן די טיפע גייסטיקע יסורים, וואָס דאַרפן זיין באַהאַלטן אונטער דער צערעמאָניע, און עס האָט מער געשמעקט מיט שאַרזש. אויסגעצייכנט איז ער געווען ביים סוף ערשטן אַקט. מרס. גערסטען אין דער ראָל פון „חוה" האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין באַשטימטן פנים. איר ערשטע ערשיינונג איז געווען פון אַ דאָרפס־מיידל און באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז אַ גרויסע לייענערקע פון דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור, הגם דער אופן ווי זי נעמט גאָרקיס בוך, קאָן מען מיינען, אַז זי האָט זעלטן געהאַלטן אַ ביכל אין די הענט. צו זיך קומט זי ערשט אין דעם דריטן אַקט, אין דער סצענע צווישן איר און דעם פאָטער, און דאָרטן איז זי זייער גוט. טענענהאָלץ אין דער ראָלע פון פעדיאַ איז אַ בלייכע געשטאַלט. איבעריגנס, זיין בלייכקייט אַזוי ווי חוהס קומט פון דעם אויטאָר. נאָך איינע פון די גרעסערע ראָלן איז די ראָל פון „צייטל", וועלכע עס שפילט מרס. זילבערט. זי האָט זיך ביים ערשטן אָוונט נאָך ניט געפילט היימיש. שאַכט אין דער ראָלע פון „אַטיעץ אַלעקסייאַיטש" האָט גיכער דערמאָנט דעם אינקוויזיטאָר פון די היסטאָרישע שטיקער ווי אַ גלח פון אַ רוסישן דאָרף. קליינע ראָלן האָבן געהאַט סקאָלניק (אַלס מיקיטאַ



גאַלאַגאַן), מאַרק שווייד (אַלס סטאַרשינאַ), דובינסקי (אַלס סטאַראָסטע), סאַמואַאילאָוו (אַלס אוראַדניק) און זיי האָבן פאַר זייערע ראָלן געטאָן וואָס זיי האָבן געקאָנט.

אַ פנים חדשות איז אין דער פיעסע געווען מוני וויזענפריינד. ער האָט געשפילט די קלייניקע ראָלע פון דעם דאָרפס־שרייבער זאַזוליאַ, און ווי עס ווייזט אויס, איז ער דער קאָמיק פון טעאַטער. ער האָט זיין ראָל געשפילט ווי „מען פאַרטייטשט אין טעאַטער קאָמיש, דאָס הייסט, ער האָט בורלעסקירט און מיר קאָנען דעריבער נאָך קיין מיינונג ניט געבן וועגן אים. מיר וועלן וואַרטן און זען ווי ער וועט דורכפירן אַ קאָמישן כאַראַקטער. מרס. פערקויף האָט געשפילט די ראָלע פון „גאָלדע" ווי מען שפילט געוויינלעך די ראָלע פון אַ מוטער. מען דאַרף אויך דערמאָנען די צוויי קינדער נעטי סאַמינגער און רות שוואַרץ".

## אב קאַהאַן שרייבט:

„פאָרלעצטן דאָנערשטיק אָוונט האָב איך בייגעוווינט אַ פאָרשטעלונג פון „טביה דער מילכיקער" אין שוואַרצס טעאַטער. ווען מען האָט עס אויפגעפירט צום ערשטן מאָל, בין איך געווען אין אייראָפע. מיר האָט לאַנג אינטערעסירט צו זען ווי שלום עליכמס באַרימטע ווערק איז דראַמאַטיזירט און ווי עס ווערט אויפגעפירט. ענלעך, אַלזאָ, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט. דראַמאַטיזירט איז דאָס גאָר ניט קשהדיק. אַזאַ „דזשאָב" צו מאַכן איז ניט לייכט און עס פאַרשטייט זיך, אַז צו דער דראַמע האָט מען זיך געקאָנט באַנוצן בלויז מיט אַ טייל פון דער סעריע ערציילונגען, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „טביה דער מילכיקער". עס קומט אַרויס זייער דראַמאַטיש, האַרצרייסנד דראַמאַטיש.

שוואַרץ אין דער הויפטראָלע מאַכט ערנסטע אָנשטרענגונגען פאַרצושטעלן דעם אינטערעסאַנטן טיפ אויף אַ רעאַלן, לעבהאַפטן שטייגער. אין שונד־עפעקטן קאָן מען אים געוויס ניט באַשולדיקן, אויך ניט אין טריקס [קונצן] אַרויסצורופן ניט־פאַרדינטע אַפלאָדיסמענטן. ער האָט געשפילט מיטן גאַנצן האַרצן ווי אַן אמתער אַרטיסט דאַרף שפילן. ער האָט געטרייעט [זיך באַמיט] זיך אַריינצולעבן און אַריינצודרינגען אין יעדן מאָמענט פון זיין ראָלע. מען קאָן ניט זאָגן, אַז עס איז אים אימער געלונגען צו כאַפן דעם ריכטיקן לעבנס־טאָן, אָבער קיין גרילצנדע פאַלשע טענער האָט מען פון אים ניט געהערט און אָפט האָט ער געהאַט קינסטלערישן ערפאָלג. אין אַ פאָר פון די וויכטיקסטע סצענען אין דעם לעצטן אַקט האָט ער זאָגאַר דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון קינסטלערישן ערפאָלג. אין דיזע סצענען האָט זיך אים אַזוי ווייט איינגעגעבן, אַז ער האָט געשפילט ניט מיטן קאָפ, נאָר מיט אמתע אינספיראַציע. דאָס הייסט, מיט יענעם נבואה־גייסט, וועלכן מען קאָן זיך ניט אויסלערנען און וועלכן מען מוז האָבן פון געבוירנשאַפט אָן.

די גאַנצע פאָרשטעלונג איז אין סך־הכל דורכגעפירט געוואָרן זייער צופרידנשטעלנד. מאַדאַם פערקויף, וועלכע האָט געשפילט די ראָלע פון דער מוטער, האָט אין די טראַגישע מאָמענטן אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן פון כמעט אַלע אָנוועזנדע פרויען, ניט אימער האַלט זי זיך און רעדט לויט די פאָדערונגען פון דעם מאָמענט. צום ביישפיל, ווען איר פאַרהייראַטע טאָכטער קומט צו איר צו גאַסט, זיצט זי און זי רעדט טאַקע ווי אַ קליינשטעטלדיקע יידענע רעדט, אָבער ווי אַ יידענע מיט אַ שכנה, ניט מיט אַן אייגענע טאָכטער. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד. נאַטירלעך —

און דיזע שאַטירונגען איבערצוגעבן ריכטיק — דאָס קאָן ניט אַבי וועלכער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע. איר טרויער אָבער איז געווען אַן אמתער ערנסטער, און האָט זיך געלאָזט פילן זייער שאַרף. מיס גערסטען האָט געהאַט די ראָלע פון חוה, די טאָכטער, וועלכע שמדט זיך. זי האָט געשפּילט נישטקשהדיק, הגם צו אָפט האָט זי געשריען ווו דער שרייען פאַסט זיך גאָרניט. וועגן שאַטירונגען איז אין איר שפּילן דאָ זייער ווייניק וואָס צו זאָגן. זי שפּילט אין אַלע פּיעסן אויפן זעלבן שטייגער, אָבער דאָך ווען זי איז צוריקגעהאַלטן, טרייעט זי זיך צוצופּאַסן צו דער ראָלע, און דאָסזעלבע איז געווען אויך אין דיזן פאַל״.

**נאָכדעם ווי לאַגאָס [ש. ראָזענפעלד] אַנאַליזירט די כאַראַקטעריסטיק פון שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער״ שרייבט ער:**

„אָט דאָס איז טביה אין טעקסט און אַזוי פאַרטייטשט אים זיין לעבעדיקער פירוש: מאָריס שוואַרץ. יעדער קנייטש, יעדע באַוועגונג, יעדע אינטאָנאַציע איז טביה און טביה. פון דער ערשטער ביז דער לעצטער מינוט, פונם ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. יעדער איינער, וואָס קען טביהן פון בוך, פון לייענען, קאָן שווערן, אַז אָט דאָס איז טביה .... און אַפילו די וואָס קענען טביהן דורך און דורך — און מיין ווייניקייט געהערט, דוכט זיך, צו זיי — ווערן ניט אַנטוישט, אַז זיי דערזעען טביהן מיט שוואַרצס פירוש, און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, וואָרעם יעדער לעזער מיט אַ ביסל פאַנטאַזיע, אַז ער לייענט אַ דראַמע, מאָלט ער זיך אויס דאָס געלייענטע אין לעבעדיקע פערזאָנען און אומגעבונגען. און די סצענע ווי גוט זי זאָל אויך זיין, שטימט ניט מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס יענער האָט זיך געשאַפן פון די מענטשן און די זאַכן. עס קומט תמיד אויס ניט אַזוי...


מאָריס שוואַרץ אַלס ׳טוביה״

דערזעט איר אָבער טביהן אין שוואַרצס שאַפונג, ווילט זיך אייך צוגיין און אים געבן שלום־עליכם, וואָרעם איר דערקענט אין אים אייער אַלטן באַקאַנטן. און טביה איז דאָך, ברוך השם, אומעטום אַן אייגענער מענטש, יעדערן איינגעבאַקן אין האַרצן. און דערזעט איר שוואַרצן, דערקענט איר טביהן מיט הויט און ביין. איר דערקענט אים אין גאַנג, איר דערקענט אים אין קול. און אַ טשיקאַווע: מיר דוכט זיך, אַז ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל האָבן געזען שוואַרצן אַלס טביהן און זאָל זיך קאָנען פאָרשטעלן טביהן ניט אַלס שוואַרץ, ניט ווי ער האָט אים פאָרגעשטעלט, וואָרעם זיי האָבן זיך דאָ געפונען איינער דעם אַנדערן. שוואַרץ האָט אין טביהן געפונען דאָס געניאַלע שטיק תורה און טביה האָט געפונען אין שוואַרצן זיין געניאַלן, לעבעדיקן פירוש, זאָלן זיי זיך שוין אַזוי ביידע עלטערן אין עושר און אין כבוד. זיי האָבן עס ביידע כשר פאַרדינט״.

**ישראל דער יענקי שרייבט:**

„...אַז איר לייענט „טביה דער מילכיקער״ אין שלום־עליכמס אָריגינעלע ווערק, ניט אין דער איבערגעמאַכטער, וואָס ווערט



איצט געשפּילט אין „אירווינג פּלייס טעאַטער״, פילט איר אונטערדעסן ניט, אַז די גויישע ביכלעך, וואָס חוה, טביהס מוזיניק, לייענט, האָבן זי געטריבן צו דער שמד. און ווען איר זעט דאָס „שטיק״ מיט דעם זעלבן נאָמען אויף דער בינע, פילט איר ווי שלום־עליכם האָט געוואָלט אָנצייגן אויף אַ סאָרט נייעם געפאַר אויף יידישע טעכטער — זיי טאָרן ניט לייענען טאָלסטאָי אָדער גאָרקי, ווייל זיי קאָנען זיך נאָך באַקענען מיט שקצים און דערנאָך אַריינפאַלן אין שמד. אין דער גאַנצער אַטמאָספערע אין וועלכער די געשיכטע מיט חוהן שפּילט זיך אָפּ, פילט זיך דוקא יאָ די שולד פון די דאָזיקע ביכלעך. אויף אַזויפיל האָט דאָס שלום־עלכם באַטאָנט אין דער דראַמאַטיזירונג פון זיין ווערק, אַז ער האָט געהייסן באַהענגען די ווענט אין הויז מיט טאָלסטאָי און גאָרקיס בילדער צוזאַמען מיט משה מאָנטעפיאָרע און אַנדערע יידישע בילדער. עס הייסט, אַלזאָ, אַז חוה האָט אין דיזע צוויי שרייבער געהאַט אירע געטער, איר עבודה זרהלע און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער שריט, וואָס האָט זי פאַרפירט, רחמנא לצלן. שווער, הייסט עס, איז נאָר געווען דער ערשטער שריט, און שפּעטער, די שמד, איז שוין אָנגעקומען גרינגער. אַז אין דעם שטעקט אַ היבש ביסל בטלנות, קאָן ביי קיינעם קיין צווייפל ניט זיין. דאָס זיינען דוקא די „ביכלעך״, וואָס טרייבן ניט צו דער שמד. די וואָס לייענען זיי, האַלטן ניט פון גאַנצן קריסטנטום, און ווען די וואָס לייענען זיי, זיינען קיין קריסטן ניט, איז דאָס די בעסטע סגולה זיי אָפּצוהאַלטן פון דעם שמד. אַפילו קיין ליבע קאָן זיי דאַן צו דער שמד ניט טרייבן. און קומען קומט דער פעלער אַרויס דערפאַר וואָס שלום־עליכם האָט זיך געגעבן שטאַרקע מי צו מאַכן אַ דראַמע פון זיין סעריע בילדער וועגן טביהן. אין אַ דראַמע מוז מען אַלעס מאַכן „שטאַרקער״, האָט ער געקלערט, און עס איז אַרויסגעקומען אייזנשטאַרק.

דאָס הייסט אונטערדעסן ניט, אַז מען האָט טביהן ניט געקאָנט דראַמאַטיזירן, אַז ער זאָל אויף דער בינע מאַכן דעם זעלבן איינדרוק ווי אין געלייענטן ווערק. מאַנכע ווילן האָבן, אַז טאַקע דערפאַר האָט שלום־עליכם ניט אַרויסגעבראַכט דעם ריכטיקן טביה און דאָס לעבן פון זיין פאַמיליע, ווייל עס איז אוממעגלעך צו מאַכן אַ דראַמע פון אַ געשיכטע. דאָ איז עס אָבער ניט דער פאַל. עס געפינען זיך אין דעם אָריגינעלן ווערק גענוג דראַמאַטיש מאַטעריאַל און מען האָט געקאָנט „מאַכן״ דערפון, אָבער עס ווייזט אויס, אַז ניט שלום־עליכם האָט דאָס געקאָנט. ביי יידן איז אַ מאָדע, אַז אַ שריפטשטעלער מוז אַלעס קאָנען, און מען האָט דעריבער מורא צו זאָגן, אַז שלום־עליכם האָט דאָס און דאָס ניט געקאָנט, נאָר מען זאָגט, אַז קיינער האָט ניט געקאָנט, אַז פון אַ געשיכטע קאָן מען קיין דראַמע ניט מאַכן. דער אמת איז, עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז שלום־עליכם האָט דאָס ניט געקאָנט, און אַן אַנדער, אַפילו אַ קלענערער טאַלענט פון אים, וואָלט עס פיליכט יאָ געקאָנט. וואָס קאָן מען זיך העלפן?, עס איז פאָרט ניט געווען אין זיין „ליין״ [פאַך] צו שרייבן דראַמען. ווי וואָלטן איבערהויפּט אויסגעהאַלטן אַ פאַרגלייך שלום־עליכמס אַלע שריפטן פאַר דער בינע מיט די וואָס ער האָט געשאַפן פאַרן לעזנדן פובליקום? און דערפאַר טאַקע האָט שלום־עליכם אויסגעקליבן דעם שוואַכסטן מאַטעריאַל פון „טביה״ און אים אַריינגעפּאַקט אין דער דראַמע אָדער טראַגי־קאָמעדיע, ווי מען רופט זי אין טעאַטער. ער האָט אַרויסגענומען בלויז דעם שאַבלאָנעם, באַנאַלן „געשפּאַן״ פון דער טאָכטער, וואָס האָט זיך געשמדט און ווי זי

איז דערנאָך צוריק אַהיימגעקומען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין פילע שטעלן האָט זיך שלום־עליכם ניט געקאָנט העלפן און ער האָט קעגן זיין ווילן אַרויסגעשיינט מיט זיין מייסטער־שפּראַך און מיט זיינע געניאַלע, עכט־יידישע נשמה־שילדערונגען אין דער דראַמע אויך. אָבער אין אַלגעמיין זעט זיך אומעטום שלום־עליכמס שוואַכקייט אַלס דראַמאַטורג. מען זעט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אַז שלום־עליכמס ריזיקער טאַלענט איז געווען פאַר שילדערונג און ניט פאַר דראַמאַטישע האַנדלונג, איבערגעגעבן אין ד'ראַמאַטישער פאָרם. מען זעט אויך וואָס פאַרע וויכטיקע ראָלע ביי אַ גרויסן שריפטשטעלער שפּילט די פאָרם, ווי גוט דער תוך זאָל ניט זיין".

**און איבערגייענדיק צו דער אויפפירונג שרייבט ישראל דער יענקי:**

„אַ דאַנק מאָריס שוואַרצס פּרעכטיקן שפּילן פון „טביה דעם מילכיקן" און בכלל די געראָטענע אויפפירונג, איז מעגלעך אויסצוזיצן דעם שפּיל, און פון צייט צו צייט נאָך האָבן הנאה אויך. דאָס איינציקע וואָס שוואַרץ האָט פיליכט אַ ביסל איבערגעטריבן איז וואָס ער האָט געמאַכט אַ גאַנצע סטאַדאַליע אויף דער בינע, צופיל עופות און בהמות און אפשר זיינען אויך אַ פעלער די צופיל שפּרינגנדיקע שטערן, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיין בינע־הימל און אויך אַן אומנאַטירלעכע לבנה מיט אַ קאַפּויערדיקן זייגער אויף דער וואַנט ביי וועלכן די וואָגן האָבן זיך באַוויגן און דער אומרו ניט. אָבער אין אַלגעמיין קוויקן זיך די אויגן און דער גייסט פון דיזער אויפפירונג און אויסשטאַטונג אין וועלכע שוואַרץ האָט אַריינגעלייגט אַ היבש ביסל נשמה.

איינצלנע סצענעס זיינען פאַראַן פשוטע בריליאַנטן פונקט ווי שלום־עליכמס איינצלנע סקיצן פון דער „טביה"־סעריע, אָבער אַלס אַ גאַנצע זאַך קאָן דאָס ניט גערופן ווערן אַן ערנסטע בינע־אַרבעט. די שוישפּילער טוען אַלעס וואָס עס איז נאָר אין זייער קראַפט אַרויסצוברענגען ווירקלעכן יידישן לעבן אויף דער בינע, אָבער די פאַרשיידענע טיפּן, וועלכע שלום־עליכם שטעלט אַרויס, זיינען נעבעך אַזוי לעבלאָז, אַז די אַרבעט פון די אַקטיאָרן איז צו אָפּט אַרויסגעוואָרפן.

שוואַרץ איז איינדרוקספול אַלס טביה דער מילכיקער, אָבער עס איז אַלץ ניט יענער, וואָס איז באַקענט ד' לעזער. דער דראַמאַטישער טביה באַזיצט ניט די קראַפט פון שילדערונג וואָס יענער באַזיצט און דערפאַר דערגרייכט ער ניט אַזוי ד' נשמה פון צושויער. שוואַרץ צייכנט זיך שטאַרק אויס סיי אין דעם טראַגישן טייל, סיי אין דעם מונטערן טייל פון דער ראָלע, אָבער ער ברענגט אַרויס שלום־עליכמס טביה פון דער פּיעסע און ניט דעם טביה פון שלום־עליכמס גרויסע אָריגינעלע ווערק. יענער איז אויף דער בינע געשטאָרבן. שלום־עליכם אַליין האָט אים געטויט, און ניט קיין אַנדערער חלילה.

דער צווייטער קראַנץ בלומען, גלייך נאָך שוואַרצן, קומט גוסטאַוו שאַכט פאַר דער זייער געלונגענער פאַרטייטשונג פונם דאָרף־גלח אַטיעץ אַלעקסייאיטש. אָט דאָס איז דער היימישער גלח, די דאָרפישע בהמה, קלוג ווי אַ פאַר שטיוול און פול מיט גיפט ווי די שמירעכץ פון די שטיוול. מאַד. בערטאַ גערסטען האָט ניט באַוויזן קיין אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מיט איר „חוה", איר גרויסער טאַלענט האָט געדאַרפט אַ סך אַן אינטערעסאַנטער פיגור אַרויסברענגען, און דער שרייבער פון דיזע שורות איז זיכער, אַז זי וואָלט דאָס געווען אימשטאַנד ווען זי



זאָל געווען שילדערן חוהן פון שלום־עליכמס אָריגינעלן ווערק און ניט פון זיין דראַמע. בלויז אין לעצטן אַקט גייט אויף איר טאַלענט, וועלכער האָט ווי איינגעשלאָפן אין די ערשטע צוויי. מאַד. זילבערט שטעלט פאַר די פּראָסטע יידישע טאָכטער צייטל אויף אַ גאַנץ „גלאַטן" שטייגער און כמעט דאָסזעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער ראָלע פון מאַד. פערקויף אין טביהס שטיקל יידענע. טענענהאָלץ אַלס דער שייגעץ פעדיאַ איז זייער אַ שיינער פּוסטער בחור, טאַקע זיך צו פאַרליבן אין אים, אָבער לויט ווי שלום־עליכם האָט אים דאָ אויפגעפּאַסט, טויג ער ניט, ניט נאָר פאַר קיין יידישע טאָכטער פאַר אַ מאַן, נאָר ער טויג נעבעך אינגאַנצן ניט, סיידן אויפן פייער. דאָס איז ניט פלייש, ניט פיש, אַ באַשעפעניש אָן טעם, אָבער טענענהאָלצן איז ניטאָ וואָס צו באַשולדיקן. אַלע אַנדערע „טיפּן" פירן אויס דעם זאָגענאַנטן קאָמישן טייל פון דער פּיעסע, און זיי זיינען ווירקלעך קאָמיש. די טראַגעדיע איז נאָר ביי דעם וואָס זעט זיי. אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך, ווערן די דאָזיקע צרה־דיקע באַשעפענישן אַרויסגעבראַכט פון סקאָלניק, שווייד, מאַד. ווילענסקי, סאַמואילאָוו, דובינסקי, ווייזענפריינד. נעטי סאָסינגער אַלס שלמהלע, טביהס אייניקל, איז ניט געראָטן, אָבער דערפאַר איז רוטי שוואַרץ אַלס קלענערע אייניקל, שיינדעלע, זייער געראָטן".

**ש. דייקסעל שרייבט:**

„צוויי גוטע זאַכן זיינען פאַראַנען אין דער דראַמאַטישער דראַמע „טביה דער מילכיקער": דער נאָמען שלום־עליכם און שוואַרצס שפּילן. ...אָן שלום־עליכם און אָן שוואַרץ האָט די דראַמע גאָרניט קיין ווערט. עס איז אַ געשיכטע פון „זשידיווקע וויכרעסטקא" מיט אַן אינטעליגענטן שייגעץ, וואָס לייענט גאָרקין און טאָלסטאָין און צווינגט דאָך זיין געליבטע אין קלויסטער אַריין זיך צו שמדן ... די גאַנצע דראַמע איז אַ געשיכטע פון וועלכער עס שלאָגט פון צען מייל ווייט מיט שימל, אַלטקייט און ליטעראַטור. פאַרוואָס? ווייל ס'איז שלום־עליכמס ... וועל ... שוואַרץ אַלס טביה איז אויסגעצייכנט, אָבער „טביה דער מילכיקער" אַלס מאָדערנע דראַמע איז — גאָרניט"...

**א. פ־ן [פרומקין] שרייבט:**

„ווען איר גייט אין טעאַטער זען אַ שטיק, וואָס איז אייך באַקאַנט פון לעבן, ערוואַרטעט איר צו האָבן פאַר זיך אַ לעבעדיקע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס איר האָט זיך געדאַרפט אין אייער געדאַנק משער זיי ביים לייענען; און אויב די פּיעסע ווערט אויסגעפירט פון פעיִקע שוישפּילער, וועלכע פאַרשטייען אַריינצוגיסן לעבן און פייער אין די טויטע קאַלטע ווערטער, דאַן האָט איר אייער גענוס, און דאָס ווערק האָט דורכדעם אין אייערע אויגן פיל געוואונען. דעסטאָ [דערפאַר] גרעסער איז אייער ערוואַרטונג ווען איר קומט אין טעאַטער זען אַ שטיק, וואָס איז דראַמאַטיזירט געוואָרן פון אַ באַקאַנטן ראָמאַן אָדער באַקאַנטער ערציילונג ... אייער גענוס איז ניט אָפּצושאַצן און איר בענטשט יענעם דראַמאַטורג און די שוישפּילער פאַר זייער גוטער אַרבעט. אָט די ערוואַרטונג האָט מען געהאַט אָדער על כל פנים [אַמווייניקסטן] געדאַרפט האָבן קומענדיק אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" זען די דראַמאַטיזירונג פון שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער" .. איך ווייס, אַז איך בין געבליבן אַנטוישט.

פון דער ערציילונג ביז דער „טראַגי־קאָמעדיע", פונם ביכל ביז דער בינע, איז מיר ניט נאָר גאָרניט צוגעקומען, נאָר היבש

אָפּגעפּאַלן. דער איינדרוק פון יענעם טוביה ווי אַלט ער זאָל ניט זיין, איז נאָך איצט לעבעדיקער אין מיין זכרון איידער די דראַמאַטיזירונג פון זיין מאָנאָלאָג. און איצט, אַז איך האָב געזען „טוביה דער מילכיקער" אויף דער בינע, וועל איך ...ווידער [אים] אויפזוכן אין בוך און וועל ווידער האַרציק לאַכן, און מיינע אויגן וועלן ווידער פייכט ווערן ...אַזוי שטאַרק איז שלום־עליכם דער ערציילער, אַזוי מעכטיק ווערט ער טאַקע קעגנאיבער אָט דער דראַמאַטיזירונג זיינער.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די ענערגיע און די אַרבעט, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אַריינגעלייגט ביי דער אויפפירונג פון שלום־עליכמס ווערק איז געווען אומזיסט, אַז עס האָט זיך ניט געלוינט די מי. ווי שוואַך די דראַמאַטיזירונג זאָל ניט זיין, איז אָבער די אויפפירונג לויבנסווערט, און אויב ניט פאַר קיין אַנדער זאַך, איז געווען ווערט צו זען שוואַרצן אין דעם טיפּ פון טוביה. אייגנטלעך האָט שלום־עליכמם דאָ אַלס מאַטעריאַל פאַר זיין טראַגיקאָמעדיע גענומען בלויז אַ שטיק, אַ טייל פון „טוביה דער מילכיקער". ס׳איז די ערציילונג „חוה", די טראַגעדיע פון דער יידישער טאָכטער, וועלכע פאַרליבט זיך אין אַ שייגעץ און נעמט אָן דעם קריסטלעכן גלויבן — און אַזוי וואָלט די פּיעסע אייגנטלעך געדאַרפט הייסן, אָבער מ׳דאַרף ניט זיין קיין גרויסער טעאַטער־פּאָליטיקער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס שטיק טראָגט ניט דעם דאָזיקן נאָמען. ערשטנס, איז „טוביה דער מילכיקער" אַן אָנציענדער טיטל איידער „חוה" און, צווייטנס, שפּילט דאָך שוואַרץ די ראָל פון „טוביה דער מילכיקער". טאָ ווי זשע דען זאָל די פּיעסע הייסן? איבריגנס, איז דאָך דאָס גאָר קיין עולה אויך ניט. אַז מען וויל צוריקשמועסן, איז דאָך טוביה דאָ דער עיקר. ס׳איז דאָך דער לעבעדיקסטער טיפּ אין דעם שטיק, און שוואַרץ ברענגט אים אַרויס אַזוי בולט ווי די דראַמאַטיזירונג ערלויבט נאָר. ס׳איז קענטיק, אַז ער האָט אָפּגעגעבן צייט און מי צו לערנען די ראָל, אַז ער האָט אַזוי ווייט ווי מעגלעך זיך אַריינגעלעבט אין טוביהן און אין זיין לעבנס־אָנשויונג און אין זיינע זאָרגן און ליידן. ס׳איז ניטאָ דער פולער גענוס, וואָס מיר האָבן פון טוביהס מאָנאָלאָגן, ס׳פאַרלירט זיך אָפּט דער וויץ און זיינע מאָדנע פאַרטייטשונגען, אָבער דאָס איז דאָך ניט די שולד פונם שוישפּילער. ...דערפאַר אָבער ווי שיין און ווי קאָרעקט איז זיין האַלטונג! ווי איינדרוקספול איז ער אין דעם מאָמענט ווען ער זוכט אויסצוגעפינען ביי זיין טאָכטער חוה וועגן איר פאַרהעלטניש מיט דעם שייגעץ פעדקאַ, און ווען ער קריגט ביי איר אַרויס אַ צוזאָג, אַז זי וועט קיינמאָל ניט ברענגען אויף אים קיין אומגליק און קיין שאַנד, אָדער פון דער שטומער סצענע מיט דער עלטסטער טאָכטער צייטל ווען זי זוכט צו דערוועקן אין אים אַ פונק פון סימפּאַטיע פאַר חוהן.

וואָס איז שייך צו די אַנדערע שוישפּילער, וואָס נעמען אָנטייל אין דעם שטיק, קאָן מען זאָגן, אַז זיי זיינען כמעט אַלע אויסגהאַלטן אין זייערע ראָלן. קיינער פון זיי דערהייבט זיך ניט צו אַ גרויסן מאָמענט און רופט ניט אַרויס קיין אַנטציקונג. בערטאַ גערסטען אין דער ראָלע פון חוה האָט אַ פּאָר שיינע, רירנדע מאָמענטן, אָבער בכלל פילט זיך אין איר שפּילן אימער די זעלבע פרעמדטקייט צו דעם דאָרפס־לעבן. גאַנץ גלאַט פירט ליזאַ זילבערט דורך די ראָלע פון דער עלטערער טאָכטער צייטל. נאָר פּאַסן זיך די לאַקירטע שיכלעך גאָרניט פאַר דער אָרעמער דאָרפס־פרוי פונקט ווי די דיאַמאַנטענע רינגען אויף די פינגער פון טוביה דעם מילכיקנס חוה. קאָרעקט און אויסגעהאַלטן שפּילט




[צייכנונג פון שאול ראַסקין]

גוסטאַוו שאַכט די ראָלע פון דעם גלח. טענענהאָלץ האָט העכסטנס דעם אויסזען פון דעם שייגעץ פעדקאַ. גאַנץ גלאַט ווערן דורכגעפירט די ראָלן פון ניקיטאַ גאַלאַגאַן, פונם סטאַרשינאַ און פונם סטאַראָסטאַ, געשפּילט פון סקאָלניק, מאַרק שווייד און דובינסקי. מאַדאַם פערקויף אַלס גאָלדע, טוביה דעם מילכיקנס פרוי, מאַדאַם ווילענסקי, סאַמואילאָוו און דער יונגער קאָמיקער מוני ווייזענפריינד אין דער קליינער ראָלע פון דעם דאָרפס־שרייבער זאַזוליאַ".

### א. ה. ביאַלין שרייבט:

„מיט שלום־עליכמן איז שוואַרץ ווידער צוגעקומען צום עכטן קוואַל פון וואַנען ער האָט געקאָנט שעפּן זיינע כוחות. שלום־עליכמס עכטער פאָלקס־טאָן און רייכע פאָלקסשפּראַך, זיין גרויסער הומאָר, זיינע פאַרביקע פאָלקס־טיפּן זיינען אַן אוצר פאַר דעם יידישן טעאַטער. שוואַרץ דער שוישפּילער האָט אין שלום־עליכמן געפונען אַ ווונדערבאַרן מאַטעריאַל דורך וועלכן אַרויסצוברענגען זיינע אייגענע כוחות. קיינמאָל האָט ער אַזוי פיל ניט דערגרייכט און זיך אַזוי ניט דערהויבן אַלס שוישפּילער ווי דורך שלום־עליכמן: טביה דער מילכיקער, דוד שאַפּיראָ, שימעלע סאָראָקער זיינען די שענסטע אוסגעפאָרמירטע טיפּן אין שוואַרצס שוישפּילערישער קאַריערע.

דער יידישער קונסט־טעאַטער האָט זיך אַנטוויקלט און גרויס געוואָרן. ער האָט אין הירשביינען און נאָך מער אין שלום־עליכמן געקראָגן אַ געזונטן פונדאַמענט. עס איז געווען אַן אָנווייז אויף וועלכן וועג שוואַרץ דאַרף שטעלן זיינע ווייטערדיקע טריט. צו דעם אינהאַלטרייכן ליטעראַריש־דראַמאַטישן מאַטעריאַל, וואָס האָט געקאָנט זייער גוט אַרויסברענגען די שוישפּילערישע מעגלעכקייטן, האָט געפעלט די מאָדערנע טעאַטראַליש־סטיליזירטע פאָרם, וואָס זאָל העלפן אַרויסברענגען דעם גאַנצן אוצר, אַלע שטריכן און ניואַנסן פון טעאַטראַלע מעגלעכקייטן. שוואַרץ דער געבוירענער טעאַטער־קינסטלער האָט עס געפילט. דערפאַר זיין אומרו און זיינע פאַרשיידענע פּרוון. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, נאָר געזוכט ווייטערע דערגרייכונגען".

### מ. גרים איז זייער קריטיש פאַר אַרויפברענגען דאָס טביה־געשטאַלט און זיינע טעכטער־געשיכטעס אויף דער בינע:

„'טביה דער מילכיקער' אויף דער בינע פון „אוירווינג פּלייס טעאַטער" איז אַ טריט צוריק פון דער ליטעראַרישער דראַמע צו דער פּאָפּולערער מעלאָדראַמע. די געניאַלע פיגור פון טביהן איז ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר דער בינע. ווען מיר האָבן געלייענט די געשיכטעס וועגן טביה דעם מילכיקנס טעכטער, וועגן צייטלען, חוהן, האָדלען, זיינען מיר נתפּעל געוואָרן ניט פון די געשיכטעס אַליין. דאָס זיינען מעשים בכל יום [טאָג־טעגלעכע געשעענישן], אַז איין טאָכטער זאָל זיך פאַרליבן אין אַ פּראָסטן שניידער, אַ צווייטע אין אַ שייגעץ, אַ דריטע אין עפּעס אַ בחורל, אַ רעוואָלוציאָנער, מיט וועלכן זי גייט אַפילו קיין סיביר, אָבער די גרויסקייט פון די זאַכן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן אָט די צרות פון טעכטער געזען דורך די אויגן פון טביהן, פון קלוגן, גוטן, שטאַרקן, עכט־יידישן טביהן, און זיי האָבן זיך אונדז איינגעקריצט אין זכרון. אָט נעמט די ערציילונג מיט חוהן, וועלכע איז פריער שוין באַאַרבעט געוואָרן פאַרן קינעמעטראָגראַף, און איצט פאַר דער בינע. חוה פאַרליבט זיך אין אַ דאָרפישן שייגעץ מיט וועלכן זי לייענט צוזאַמען ביכלעך, און זי גייט אַוועק מיט אים אין זיין וועלט, ווייל אַ דאַנק די ביכלעך דאַכט זיך איר, אַז זיין וועלט איז שענער ווי איר טאַטענס הויז. שמדט זי זיך, האָט חתונה, און ערשט ווען זי קומט זיך צונויף מיט דער פרעמדער וועלט, דערזעט זי ווי גרויס עס איז געווען דער טעות, וואָס זי האָט געמאַכט. עס איז אַ געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע, אויב איר ווילט, ניט קיין אינטערעסאַנטע געשיכטע, אָבער ווען מיר האָבן זי געלייענט, האָט אַלץ געציטערט אין אונדז, ווייל די געשיכטע האָט אונדז דערציילט דער טאַטע פון דעם מיידל, טביה, און דערציילט אונדז אַזוי, אַז אונדז האָט אויפגעטרייסלט זיין האַלטונג, זיין שטאַרקייט, זיין יידישקייט. ניט די פּאַסירונג מיט חוהן האָט אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן, נאָר דער אופן ווי אַזוי איר פּאָטער האָט דערציילט די פּאַסירונג.

מיט דער מינוט אָבער ווען מיר ווילן די זעלבע זאַך אַרויפברענגען אויף דער בינע, קאָן שוין טביה ריידן ניט מער ווי פאַר זיך אַליין. די אַלע איבריקע העלדן פון דער געשעעניש מוזן ריידן מיט זייער אייגענער שפּראַך. די געשעעניש באַווייזט זיך שוין ניט דורך טביהס אויגן, נאָר אַזוי ווי זי איז, און אַזוי ווי זי איז, איז עס אַ מעלאָדראַמאַטישע פּאַסירונג, וועלכע האָט נאָך אַ חסרון: זי איז פון אַזוי־גערופענעם פאָלקס־לעבן, וועלכער האָט שוין זיין סקאָרבאָווען באַנאַלן נוסח אויף אונדזער בינע. ווען מען האָט די ערציילונג מיט חוהן באַאַרבעט פאַרן קינעמעטאָגראַף, האָט מען דערפון געמאַכט אַן אַמעריקאַנישע מווינג־פּיקטשור. ניין און נייַנציק פּראָצענט פון דעם, וואָס מיר האָבן געקענט אַלס טביה, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. אויף דער בינע איז ווייניקסטנס געבליבן אַן אָנדענק פון טביהן. ער איז דאָ מיט זיינע פּסוקים. ער רעדט, ער פירט אָן זיין שמערצלעכע פּאָליטיק פון אַ יידישן טאַטען. אויף וויפל טביה איז דאָ אויף דער בינע, טראָגט זיך נאָך אַרום אַ שאָטן פון שלום־עליכמס גרויסקייט. גייט אַוועק טביה, בלייבן איבער די שמועסן און די טרערן און דאָס ברעכן די הענט, דאָס אַלץ, וואָס איז אַזוי באַקענט, באַנאַל און קלאַסיש אויף אונדזער מעלאָדראַמאַטיש־פּאַרווינטער בינע. דער עולם ווישט די טרערן, אַ סימן, אַז די שטיק וועט זיין אַן ערפאָלג פאַר דער קאַסע, אָבער דאָס געניאַלע, דאָס שלום־עליכמדיקע, איז ווי מיט אַ בעזים אָפּגעווישט. די ערציילונג „חוה" ווערט ביליק אין דער בינע־פאָרשטעלונג „חוה". ווען די ערציילונג לאָזט אונדז פאָרשטעלן זיך, צום ביישפּיל, די חתונה מיטן שייגעץ, אַזוי ווי מיר ווילן, קומט די בינע און גיט אונדז אַ טענצל פון פּאַראָבקעס מיט מיידלעך, וועלכע מען קאָן לייכט אַריבערטראָגן אין דער ערשטער בעסטער אָפּערעטע. די סצענע מיט די גוים פאַרן גלחס הויז געהערט אויך אַהין. דער גלח מיט זיין האַלטונג צעשטערט דעם גלויבן, אַז ער זאָל קאָנען האָבן אַן איינפלוס אויף חוהן, וואָס איז, אָן צווייפל, אַ קלוג מיידל, און אַזוי כסדר.

עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין. יעדער איינער, וואָס האָט געלייענט שלום־עליכמן, האָט דאָך דאָס שוין אַלץ געזען אין זיין אייגענער פאָרשטעלונג. מען איז געקומען אין טעאַטער מיט פאַרטיקע בילדער פאַר די אויגן, און די בינע האָט ניט געקאָנט געבן מער ווי אונדזער אייגענע פאַנטאַזיע האָט געגעבן. טביה לעבט ביי יעדן איינעם, וואָס קען שלום־עליכמן, טביה איז שוין אַ פאָלקס־העלד, און העלדן פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע מעג מען אַרויפפירן אויף דער בינע בלויז דעמאָלט ווען מען קאָן זיי פאַרטיפן, פאַרברייטערן, קלאָרער און פאַרשטענדלעכער מאַכן. וואָס קאָן די בינע זאָגן וועגן טביהן מער ווי דאָס בוך האָט געזאָגט?

בלויז נאָך איין ביישפּיל. לייענט איבער אין בוך די סצענע ווען חוה, די געשמדטע, שטעלט אָפּ דעם טאַטען אין וואַלד און ער וויל זיך ניט צוהערן, גיט אַ שמיץ דאָס פערדל און פאָרט אַוועק. עס איז דראַמאַטיש, פיינלעך, גרויס. הערט ווי חוה אויף דער בינע (בערטאַ גערסטען) דערציילט וועגן דעם, און עס וועט קלאָר ווערן וואָס די בינע האָט געמאַכט פון טביהן, אָבער דאָס אַלץ האָט ניט צו טאָן מיטן ברייטן טעאַטער־עולם, פאַר וועלכן טביה איז נאָך ניט געוואָרן קיין טראַדיציע. פאַר זיי איז די מעלאָדראַמאַטישע ערציילונג אויף דער בינע רירנד. פאַר זיי דאַרף טביה זיין אַן ערפאָלג. נאָך מער, ווען פון טביהן אַליין איז דאָך עפּעס געבליבן.

מאָריס שוואַרץ (טביה) פאַלט נאָר מאָמענטנווייז אַריין אין דעם באַקאַנטן בינען־פּאָטער, אָבער מערסטנס איז ער אָריגינעל און רירנד. ער האָט דעם טביהן פאַרשטאַנען, און פון אַלע ראָלן אין וועלכע ער איז ביז איצט אויפגעטראָטן, איז טביה זיין שטאַרקסטע שאַפונג, און ער פאַרנעמט דעם הויפּט־פּלאַץ אויף דער בינע ניט צוליב דער גרויסער ראָל, נאָר צוליב איר שטאַרקער דורכפירונג. פיל ווייניקער האָבן געהאַט צו טאָן די אַנדערע. דאָס זייַנען סקאַרבאָווע טיפּן פון אונדזער בינע, פיל מאָל געשפּילטע און געזעענע, און אַזוי איז חוה (גערסטען), ציַיטל (זילבערט), זייער מוטער (פּערקויף), פעדיאַ (טענענהאָלץ) און אַ ריי אַנדערע. שטאַרק, לויטן סקאַרבאָווע נוסח האָט גוסטאַוו שאַכט געשפּילט דעם גלח און בלויז אין די קלענערע ראָלן (ווייזענפריינד, דוב־נסקי) האָבן זיך געזעען דורכגעטראַכטע שטריכן. זייער באַשעפּטיקט, זעט אויס, האָט מען זיך אויך מיט דער בינע, און מען האָט זי אָנגעפּילט מיט פאַרשיידענע סימנים פון רעאַליזם: אַ פערד, אַ קו, טויבן, הינער, אַ זון, אַ לבנה, שטערן,ביימער, לבנה־שיין אויפן וואַסער א. א. וו. דאָס אַלץ האָט דורכגעוואָרפן די שטיק מיט מאָמענטן פון קאָמיזם, אָבער עס זעט זיך דערין באַמיִונג און ערנסטער ווילן. עס וועט דעריבער אויסקומען וועגן דער אויסשטאַטונג צו ריידן באַזונדער".

## דר. ה. זאַלאַטאַראָוו שרייבט:

„׳טביה דער מילכיקער׳, יענער וווּנדערבאַר קאָמפּאָזיטנער טיפּ פון דעם פּראָסטן, ערלעכן, קלוגן יידישן בעל־הבית, דעם דאָרפישן אָדער שטאָטישן, פון די באָלקעס און פּערמסקיס, מ׳שטיינס געזאָגט, פון דעם יידישן קליינבירגער, וואָס איך האָב נאָך אין די יינגלשע און בחורשע יאָרן באַגעגנט ווו איך האָב זיך נאָר אַ קער געטאָן, ווער האָט זיי דען ניט באַגעגנט, און וועלכע מיר האָבן אַלע שפּעטער מיט אַזאַ ליבע געטראָגן אין אונדזער פאָרשטעלונג פון דער גרויסער שילדערונג פון „טביה דעם מילכיקן" פון אונדזער געניאַלסטן פאָלקס־דיכטער שלום-עליכם. „טביה דער מילכיקער", וואָס איז נאָך ערשט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק געווען די גרויסע מערהייט פון אונדזער פאָלק און איז נאָך איצט אויף די ברייטע בלוטיקע וועגן פון דער צעווילדעוועטער אייראָפּע דער שוצלאָזער קרבן פון אומענטשלעכן האַס און טירישער פאַרפאָלגונג. „טביה דער מילכיקער", וואָס אַפילו צווישן דער געניאַלער שאַפונג פון אונדזער גרויסן פאָלקס־דיכטער טיילט ער זיך אויס ווי דער פּערל־טורם פון זיין קעניגרייך. אָבער ווען איך בין געזעסן אין טעאַטער און פאַר מיר האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס לעבן פון טביהן אין דעם גרויסן דורכדרינגלעכן שפּילן פון מאָריס שוואַרץ, ווען די געציילטע זיסע מינוטן פון פרייד אין דעם יידישן קליינבירגערלעכן לעבן זיינען פאַרפּלייצט געוואָרן אין אַ





ים פון ליידן און יסורים, פאַרסמט געוואָרן מיט דעם גיפט פון דער שלאַנג פון פאַרראַט און שמד, וואָס האָט גערויבט פון אים זיין יינגסטע און ליבסטע טאָכטער חוה, האָב איך, איינגעשטיקט פון די ליידן, געקוקט אויף דעם אַנטלאָפענעם לעבן און האָב בשום אופן זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון אַן אינעווייניקסטן קלונג: טביה... נאָר טביה... אין די מינדסטע דעטאַלן מייסטערהאַפט געמאָלן און אין די מינדסטע דעטאַלן פון דעם קינסטלער אויף דער בינע מייסטערהאַפט געשפּילט.

און מיר האָט זיך געדוכט, אַז טביהס טראַגעדיע איז גאָרניט אין דעם, וואָס זיין טאָכטער איז אַנטלאָפן פון אים צום גלח, ניט אין דעם וואָס אין איר ליבע צום שייגעץ האָט זי זיך געשמדט. מיר האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז דאָס זיינען נאָר אינצידענטן אין וועלכע דער גרויסער מייסטער פון פאָלקסטימלעכקייט האָט ניט פאַרמאָגט קיין טראַגישע מאַכט אַריינצוגיסן, וואָס זאָל אויף מיין נשמה ווירקן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די אינצידענטן זיינען נאָר אַן פּאַסאָן צו דער גרויסער טראַגעדיע פון „טביה דעם מילכיקן". טביהס טראַגעדיע, האָב איך געפילט, און מיט מיר האָט עס, דוכט זיך, געפילט דער גאַנצער עולם, ליגט פיל טיפער. זי ליגט אין יענעם ווייפולן צוזאַמענהאַנג פונם צער פון אומצייליקע דורות, פון אומצייליקע שבת־צונאַכטן, ווען די שלוכצן און טרערן פון די מאַמעס אין די „גאָט פון אברהמס" און די ניט־דערשטיקטע טרערן פון די טאַטעס, וואָס פאַלן אין די הבדלה־בעכערס, מישן זיך צונויף מיט די שבעהס אויף דער ערד נאָך די אומצייליקע אָפּגעריסענע פאַרלוירענע לעבעדיקע טויטע...

גאָט, וואָסער גוואַלטיקע טראַגעדיע אין דער נשמה פון אונדזער פאָלק... און דער גרויסער מייסטער, האָב איך געפילט, אפשר אומבאַוווּסט פאַר זיך אַליין, איז זיך טריי געבליבן. דען וואָס פאַרע באַטרעף האָט פאַר דעם גרויסן מייסטער פון דער פאָלקסטימלעכקייט אַן אינצידענט פון שמד, וואָס האָט שוין אין היינטיקע צייטן אין דעם לעבן אַליין פאַרלאָרן יעדן עלעמענט פון טראַגיזם. דער מייסטער האָט די טראַגיק פון טביהן געוועבט פון די אין בלוט און טרערן אויסגעוועבטע פעדעם פון דער פאָלקס־נשמה, און דער קינסטלער מאָריס שוואַרץ האָט אָט די טראַגיק וווּנדערלעך אַרויסגעבראַכט.

סענטימענטאַליטעטן? נאָנסענס!, פון דורות צונויפגעלייגטע לעבן וועבט זיך ניט קיין טרערן־סענטימענטן, נאָר דער טרערן־עפּאָס, און זאָלן די יינגערע דורות — די פאַרפרעמדעטע — און זאָלן שפּעטער די קומנדיקע דורות זען און פילן די טרערן־עפּאָס פון זייער פאָלק. פאַר מיר האָט זיך דאָ שוין טביהס טראַגעדיע געענדיקט. פון מיינעטוועגן האָט חוה געמעגט ניט קומען צוריק. טביהס לעבן איז סיי ווי סיי צעבראָכן. זיין נשמה איינגעוועבט אין דעם טראַגישן עפּאָס פון דעם פאָלק. פריער אָדער שפּעטער וועט אים אויך די גראָמאַדע [דער ישוב] אַרויסטרייבן, אָבער וואָס פאַרע באַטייט האָט אַפילו דאָס אין אונדזער וואַנדער־לעבן? ער איז שוין פון יאָר טויזנטער געווינט צום וואַנדער־שטעקן. אָבער דער מייסטער האָט אַנדערש געוואָלט, טוביהן אינגאַנצן אַרויסברענגען, און מיט חוהס צוריקקער קומט ווידער דאָס ווייכע, דאָס רחמנותדיקע, אפשר דאָס ליבנדע אין זיין נשמה, און דער שוישפּילער פאָלגט דעם מייסטער און אַ ווייכער רחמנותדיקער שטראַל באַלייכט דאָס פאַרעלטערטע, מיט צער־באַדעקטע פּנים, און ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן און איינער האָט מיר שטיל איינגערוימט: „וואָס דער מייסטער שרייבט דראַמע, איז דראַמע", האָב איך שטיל געטראַכט, אַז אַ קנעכט בין איך קיינמאָל ניט געווען

אַפילו צו דער קונסט און קינסטלער, וואָס איך טיף פאַרער, און האָב געענטפערט: ׳ניין, שלום־עליכם איז דער גאָניע פון אונדזער פאָלקסטימלעכקייט׳.״

**ישראל ראַבינאָוויטש שרייבט וועגן דער אויפפירונג יאָרן־שפּעטער אין מאָנטרעאַל:**

״...„טוביה דער מילכיקער״ אין דראַמאַטישער פאָרם איז בלויז דער שטאַרקסטער עפּיזאָד, אָבער בשום אופן ניט גאַנץ „טביה״. עס איז אייגנטלעך דאָס קאַפּיטל „חוה״ מיט אַ טייל פון דעם קאַפּיטל „לך לך״. דאָך קאָן מען ניט זאָגן, אַז שלום־עליכמס מייסטערווערק האָט גאָרניט געוווּנען דורך דעם דראַמאַטישן נוסח. ווייניקסטנס אין איין פּרט געפינט שלום־עליכמס גרעסטע ווערק אַ ווייטערדיקע דערגאַנצונג דורך דער דראַמאַטיזירונג, און דאָס איז, וואָס דאָ ווערט שטאַרקער ווי אין דער מאָנאָלאָג־פאָרם אונטערגעשטראָכן דער טיפער טראַגיזם, וואָס ליגט אויפן גרונט פון דעם זוניקן הומאָר. ...„טביה איז ניט קיין יידענע״. טביה שלום־עליכמס וויינט ניט. ער וויינט דורך געלעכטער. ער לאַכט דורך טרערן ...און אין נאָך עפּעס האָט שלום־עליכמס גרעסט ווערק געוווּנען דורך דער דראַמאַטיזאַציע — מאָריס שוואַרצס וווּנדערבאַרע אינטערפּרעטאַציע פון דער טוביה־ראָל. טביה באַקומט אַ דראַמאַטישן תיקון דורך מאָריס שוואַרצס שפּילן. די ראָל פון טביה האָט אין זיך אַלע מעלות טובות פון טביהן אַליין. איינערלעך קאָכיק, ברויזיק, שטורעמדיק. אויסערלעך — רויִק, מעסיק, געצוימט. ס׳איז ווי אַ סערדינא [דעמפּער] איבער דעם „בריקל״ פון אַ פידל, וואָס צוימט דעם וואָלום פון דעם טאָן און שוואַכט אָפּ איר טענדענץ צו ווערן היסטעריש פאַרכלינעט און קוויטשנדיק ...אָט דער סאָרט שפּילן עפנט אַ וועג פאַר אַלערליי פיינע ניואַנסן, און שוואַרצס שפּילן די ראָל פון טביהן איז געווען פול מיט זיי ... און אָפּשלאָג פון אַלערליי רעפלעקסיעס, אָפּשפּיגלונגען פון ביידע — אָפּט איז אַ רעגנבויגן פון ...ווישן־קאָלירן. ...עמאָציעס הייבן זיך און פאַלן, פאַלן און הייבן זיך, און דאָס שאַפט דעם ניואַנסן־שפּיל.

געווען מאָמענטן אין דער פאָרשטעלונג ווען מאָריס שוואַרץ האָט גערירט דעם עולם ביז טרערן, און דאָס זיינען דווקא געווען די גאָר שטילע מאָמענטן פון זיין שפּילן, וואָרעם טביה שרייט ניט, טביה וויינט ניט ...אָט אַזוי ווערט עס ביי מ. שוואַרצן אַרויסגעבראַכט טביהס גרעאַנגל מיט זיין שווערן יידישן מזל, און דאָס איז דער ריכטיקער טביה. ס׳איז בלי ספק די קרוין־ראָל פון אָט דעם גרויסן יידישן אַקטיאָר.

פון די אַנדערע באַטייליקטע דאַרפן צוערשט דערמאָנט ווערן מיט לויב פלאָרענס פיינשטיין אין דער ראָל פון גאָלדע, טביהס ווייב, און ליליען לוקס אין דער ראָל פון ציטל, טביהס עלטערע טאָכטער. די ערשטע האָט געשפּילט איר ראָל אין אמתן מאַמע־נוסח און מיט דער גאַנצער פּשטות פון אָט דער ספּעציעלער יידישער דאָרפס־פרוי, כאָטש איר זאָגן „גאָט פון „אברהם״ האָט געמעגט זיין ווייניקער זינגעוודיק און מער זאָגעוודיק — קלאָגעוודיק אין איינקלאַנג מיט דער טראַגיק פון דעם מאָמענט. די צווייטע האָט געשפּילט איר ראָל מיט דער געהעריקער כאַראַקטעריזירונג פון דעם ספּעציעלן אײדעלן שטריך פון טביה און זיינע קינדער. זי איז בכלל געווען דורכויס איבערצייגנד פון אָנהייב ביזן סוף. פרענציס שוואַרץ, וועלכע האָט געשפּילט די צענטראַלע ראָל פון חוה, האָט געשאַפן דעם טיפּ, אָבער ניט אין אַ גענוגנדער מאָס די מאָמענטן פון עמאָציאָנעלן שטורם, וואָס זי לעבט איבער פריער און איר ראָמאַנטישן „פאַרלירן דעם שכל״ און נאָכדעם אין דער ט...



גישער אַנטוישונג. מעגלעך, אַז אין די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען האָט זי זיך מער צעוואַרעמט אויך אין דעם פּרט. דוד עלין איז אין דער ראָל פון פעדיאַ, וועלכער פירט אַראָפּ טביהס טאָכטער פון יידישן וועג, ווייט ניט געווען אַזוי דינאַמיש שטאַרק ווי אין דער ראָל פון דעם אַריסטאָקראַטישן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו אין „שווער צו זיין אַ ייד״. דער פיינער אַקטיאָר מוני סערעבראָוו האָט געשפּילט די ראָל פון דעם דאָרפישן גלח. אין אויסערלעכן „טראַכט״ איז ער געווען קאַריקאַטורמעסיק און פאַר דעם מוז מען שוין אַביסל פאָרוואַרפן דער רעזשי. ס׳איז בפירוש געווונטשן מ׳זאָל אָפּפּילן די קאַריקאַטור־שפּיצן פון דעם טיפּ ווי פון אַנדערע ניט־יידישע טיפּן אין דער פּיעסע. אָט, למשל, האָט ראובן וועגדראָף אין זיין חנודיקן שפּילן די ראָל פון דעם דאָרפישן סטאַראָסטאַ ניט פאַרפעלט נאָכצוטאָן דעם טראַדיציאָנעלן שאַבלאָן, ווו עס חזרט זיך מיט מאָנאָטאָנער איינגעשפּאַרטקייט איבער דער כאַראַקטעריסטישער מוזשיקער אויסשפּיי. אָבער צי מוז עס אַלע מאָל דווקא קומען נאָך יעדן זאַץ וואָס ער רעדט אַרויס״?

## „די טענצערין״



דזשעני וואַליער
שוישפּילערין

**דעם 20 אָקטאָבער 1919 ווערט א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „די טענצערין״ פון לענגיעל, איבערזעצט הערש גרינבלאַט, מיט דער שוישפּילערין דזשעני וואַליער אין דער טיטלראָל.**



הערש גרינבלאַט
איבערזעצער

**ב. י. גאָלדשטיין שרייבט:**

„דער פויער און זיינע באַציונגען צו דער קונסט, דאָס איז, דאַכט זיך, די נשמה אויף וועלכער לענגיעל האָט אָנגעטאָן אַ דריי־אַקטיקע קאָמעדיע און זי אַ נאָמען געגעבן „די טענצערין״.

דער פויער לעסליאַר האָט זיך פאַרליבט אין דער קינסטלערין לאָלאַ, אַ באַרימטע טענצערין. ער האָט זיך ניט באַגייסטערט פאַר איר טאַלענט, פאַר איר קינסטלערישן טעמפּעראַמענט, פאַר איר ערפאָלגרייכן שפּילן. ער האָט זי בכלל ניט געזען אויף דער בינע. ער איז קיין אָנהענגער ניט פון קונסט. ער פאַרהאַסט די קונסט און אַלע די וואָס דינען צו איר. „איך בין אַן אָנשטענדיקער מענטש״ באַרימט ער זיך פאַר דער טענצערין. גייט ער ניט אין קיין טעאַטער. זעט ער ניט די אַרטיסטן און האָט מיט זיי קיין מגע ומשא [קאָנטאַקט] ניט. אין דער קונסט איז אים דאָס מאַטעריעלע, די שאָלעכץ געפעלן — די פרוי אין דער טענצערין האָט אים פאַרכאַפּט. צרגעץ האָט ער זי אַמאָל געזען, זיך פאַרליבט אין איר און סוף כל סוף זי אָפּגעזוכט, פאַר איר זיין האַרץ און זיינע געפילן אַרויסגעזאָגט, און ווען די קינסטלערין פאַרליבט זיך אין פויער, געפעלט איר דאָס פויערישע. „דו רעדסט אַזוי נאַריש״ זאָגט זי אים. אַלע זיינע חסרונות זעט זי. זיין פאַרשלאָפנקייט, זיין אומגעהובלטע באַנעמונג, זיין ניט־רירעוודיקייט. זי קימערט זיך ניט פאַר דעם. אפשר געפעלט איר דווקא דאָס פויערישע. ווער קאָן זיך דורכקריכן די קאַפּריזן פון אַ באַליבטער און געבאַלעוועטער קינסטלערין? זי לאָזט איבער דאָס טעאַטער, אירע געליבטע און פאַרערער און גייט מיטן פויער אין דאָרף אַריין אויף זיינע גיטער. זי ברענגט קרבנות פאַר דער גשמיותדיקער ליבע, און אויך ער ברענגט אַזעלכע קרבנות. זיין שטעלע גיט ער אויף, אַ פּאָליטישע שטעל, וואָס דאַרף זיין ערשטער עטאַפּ זיין צו אַ ווייטערער קאַריערע.

שיין איז דאָס דאָרף, פּרעכטיק דער גאָרטן, העל שיינט די זון און מיט פרישקייט איז אַרומגעהילט די גאַנצע אומגעבונג. אַלעס וואַקסט, בליט, די ליבע ציילט אירע גאָלדענע טעג.

נאָר אָט פּאַסירט עפּעס, וואָס איז מחלל [פאַרשוועכט] דאָס דבקות; געסט קומען צו דער קינסטלערין, אירע חברטעס און פאַרערערס קומען צו גאַסט. צווישן זיי דער טעאַטער־פאַרוואַלטער, וועלכער קאָן מער דעם עולם ניט אַריינשלעפּן אין טעאַטער אַריין, און אויך איר פריערדיקער געליבטער, איר מענעדזשער [פאַרוואַלטער], קומט. חברה דערוויסט זיך באַלד, אַז דער פויער איז אויף זיינע גיטער, פאַרגינט מען זיך אַ לעב צו טאָן. פאַמעלעך צערעדט מען זיך און פון אַלע זייטן באַפאַלט מען דער טענצערין מיט בקשות און מיט מוסר למאי זי לעבט דאָ, למאי זי האָט פאַרלאָזט די בינע. זי געהערט דער קונסט און ניט דעם פויערישן קלאַס. מיט זיי, די קינסטלער און פאַרערער, דאַרף זי גיין. איר ענטפער איז קאַפּריזנע — עקש־נותדיק: „אים קאָן איך ניט פאַרלאָזן!“, און זי בלייבט. קומט דער פויער מיט אַ נאַהייקע אין האַנט און דערזעענדיק די חברה, ווערט ער אַן אָנגעצונדענער. ווי האָבן זיי געוואַגט, די אויסוואורפן, אַריבערצוטרעטן זיין שוועל. דער עיקר כעס איז אויף דעם פריערדיקן ליבהאָבער און מענעדזשער. האָט געפעלט אַ רגע, אַז דער פויער זאָל אים מיט דער נאַהייקע ניט דערלאַנגען. זי, די טענצערין, קאָן זיין גראָבקייט ניט פאַרטראָגן. זי דערלאָזט ניט צו ברוטאַליטעט. אַלע צעלויפן זיך. ווען דער פויער בלייבט מיט זיין געליבטער אַליין, קומט ער אַרויס מיט זיין אומגעלומפּערטער מיינונג וועגן קונסט און קינסטלער און אַלע די, וואָס שטייען נאָנט צו זיי. ער פאַרדאַמט זיי. „אויסוואורפן!, שאַרלאַטאַנעס!, פוסט און פאַסטניקעס און אויסגעלאַסענע“, און צום סוף שרייט ער דער טענצערין אין פנים אַריין: „איך פאַראַכט אייך!“. ער טרייבט זי אַרויס, זי גייט אַוועק.

ווידער עפענען זיך פאַר איר די טירן פון הינטער־קוליסן. ווידער איז דער טעאַטער־פאַרוואַלטער מצליח, ווידער רום און פאַרערונג, הוראַ און בראַוואָ־געשרייען. אין האַרצן איז נאָך דער מענטש ניט געטויט געוואָרן. די געשרייען „הוראַ“, „בראַוואָ“ האָבן ניט פאַרהילכט די פאָדערונגען פון דעם גשמיותדיקן געפיל און ווען דער פויער קומט נאָך אַמאָל, צעפלאַמט זיך דאָס געפיל און צינדט אָן דאָס גאַנצע האַרץ. ער בעט זי מחילה פאַר זיין אומהעפלעכקייט און זי וויליקט שוין איין, אָבער... דער פויער פאָדערט פרעך, אַז זי זאָל אויפגעבן די בינע, געזעצלעך זאָלן זיי הייראַטן און אָפּשניידן זאָל זי פון דעם ביז איצטיקן לעבן. זי ליבט אים מיט דעם גאַנצן פייער פון אַ יונגער ליבעס־דורשטיקער קינסטלערין, און זי האָט אויך די קונסט ליב.

...דער מחבר זעט די קונסט אַלס אַ שטאַרקערער גבור איידער דאָס פויערטום. זיי צעגייען זיך.

עס איז געווען אַ נחת צו זען דאָס שטיק און נאָך מער נחת די מאַדאַם דזשעני וואַליער אַלס די טענצערין לאָלאַ. די מאַדאַם וואַליער איז „נעבעך“ אַ קריסטלעך־דייטשע מלדה ומבטן [געבוירענע], און איר יידיש, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט פאַר די לעצטע פּאָר חדשים איז גלאַטיק, אין איניקע שטעלן מער יידיש־לעך ווי די שפּראַך פון דעם ה׳ גוסטאַוו שאַכט ... עס האָט זיך געפילט אַ ביסל האַרטקייט. די סמך, למשל, קלינגט ביי איר ווי אַ זין, אָבער זי וועט אויך דאָס איינבייסן. און דאַן — אויב דער ה׳ מאָריס שוואַרץ מיינט טאַקע אמת מיט זיין הבטחה צום עולם, אַז ער וועט זי האָבן אויף דער יידישער בינע — וועט זי אַ גרויסער געווינס זיין פאַר דראַמעס פון דעם מין, וואָרעם, יידישלעך, אַזאַ עכט יידישע ראָלע ווי צייטל אָדער מירעלע וועט זיך איר ניט איינגעבן. מיט דער שפּראַך וועט זי דעם יידישן כאַראַקטער ניט דערגרונטעווען. ראָלן אָבער פון דעם אייראָפּעישן רעפּערטואַר וועלן פון איר מיט פולן גלאַנץ אויפגעלעבט ווערן. אַלס לאָלאַ איז שווער צו זאָגן ווו זי איז בעסער געווען. דער עולם אין טעאַטער ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג איז באַשטאַנען ס׳רוב פון שוי־שפּילער, שרייבער און מבינים און דיזער עולם האָט זי מיט גוואַל־טיקן אַפּלאַוז נאָך יעדן אַקט באַגלייט. זי באַזיצט טעמפּעראַמענט וועלכן זי נוצט אויס מיט אינטעליגענץ און מיט גרויס פעיקייט. די, וואָס האָבן זי געזען, וועלן זי ניט פאַרגעסן. ה׳ מאָריס שוואַרץ אַלס דער פויער לעסליער איז מאָמענטוויז געווען זייער געלונגען.

ה׳ שאַכט איז געווען צו טרוקן. ס׳איז שווער צו זאָגן אויב ער האָט געליטן פון אַנטוישטער ליבע אָדער פון איבערמידקייט אָדער פון אָנשטרענגונג. פון די אַנדערע ראָלן, פאַרטראָטן פון דער מאַדאַם ליאַנסקי, חנה האָלענדער, י. דובינסקי, מר. סאַמואַי־לאָוו, מרס. פערקויף, מר. פישקינד, מרס. זילבערט און מר. טע־נענהאָלץ, האָבן זיך נאָר די לעצטע צוויי אַרויסגעזען“.

**אַ. בוקשטיין, וועלכער אָנערקענט די קונסט פון דער ניט־יידישער שוישפּילערין דזשעני וואַליער, וועלכע ער רופט „גיורת צדקנית“, האַלט, אַז דאָס יידישע טע־אַטער טאָר ניט שפּילן קיין גוייִשע סאַלאָן־פּיעסן, נאָר מוז זיך האַלטן ביים ענג־יידישן רעפּערטואַר. באַזונדערס עצהט ער מאָריס שוואַרצן ניט צו שפּילן אין אַזעלכע פּיעסן בפרט ניט מיט אַזאַ שוישפּילערין ווי דזשעני וואַליער:**

„אויב איך שענק דער „טענצערין“ אין „אירווינג פּלייס טעאַטער“ דעם טיטל „גיורת צדקנית“, מיין איך עס אין איראָני־שן זין, פאַראָדיעדירנדיק אין צוויי ווערטער דעם זין פון מאָריס שוואַרצס אַדווערטייזמענט [אַנאָנס] און דעם געדאַנקן־גאַנג פון אַלע קריטיקער, וואָס שלעפּן דעם טריומף־וואָגן פון מאָריס שוואַרצס „גרויסע בינען קונסט“. און אַז מען וויל, האָבן די אַלע פּאַטריאָטן און הוראַ־שרייער רעכט: דער סטאַטוס פון אַ דזשעני וואַליער, אַ טאַלענטפולע קריסטלעכע אַרטיסטקע אויף דער בינע, ווו עס ווערט געשפּילט „טביה דער מילכיקער“, איז דערזעלבער ווי פון אַ „גר צדק“ אין דער אַלטער יידישער וועלט. און אַלס פרוי פאַרדינט זי דעם טיטל „גיורת צדקנית“ ... פונדעסטוועגן איז דאָס אַ קנאַפּער גרונט פאַר מיר צו ווערן באַגייסטערט פאַר דזשעני וואַליער נאָר דערפאַר אַליין, וואָס זי, די קריסטין, רעדט אַזאַ שיינעם יידיש און שפּילט מיט מאָריס שוואַרץ. זי איז אפשר אַ קוריאָז, אָבער בשום אופן ניט די גרעסטע בינע־קינסטלערין וועלכע איך האָב ווען עס איז געזען.

די גוייִשע טענצערין האָט אָבער ביי מיר און מסתמא אויך ביי פילע אַנדערע אַרויסגערופן געדאַנקען, וועלכע אַ יידישע טענצערין וואָלט אפשר ניט געווען אַרויסגערופן און דערפאַר אַליין איז כדאי צו שרייבן וועגן דעם שטיק אַפילו דאַן ווען די „פ. אַ. ש.“ האָט שוין איינמאָל וועגן דעם געשריבן. דעם ערשטן געדאַנק וועל־כע די גיורת צדקנית האָט ביי מיר אַרויסגערופן איז געווען טאַ־קע דערזעלבער מאמר חז״ל, וועלכער האָט מיט פופצנהונדערט יאָר צוריק פּראָקלאַמירט, אַז „קשים גרים לישראל כספחת“ [גרים זיינען אַ לאַסט פאַר יידן ווי קרעץ]. אין דעם מאמר חז״ל האָבן איך זיך דערמאָנט ביים ערשטן אויפטריט פון דער „גיורת צד־קנית“ אין דעם יידישן אַנסאַמבל. איך האָב זיך דערמאָנט און צעלאַכט. אין אַ „טביה דער מילכיקער“ און אין נאָך אַזוינע נאַ־ציאָנאַלע שטיק איז דער אַנסאַמבל אפשר מער אָדער ווייניקער אַ קינסטלערישער. ביים ליכט אָבער פון דזשעני וואַליערס אימער גוייִשע קונסט האָט דער אַנסאַמבל זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ „ספחת“, אין אַ קאַצעניאָמער. מאַדאַם זילבערט האָט געשפּילט אַ יידישע מאַמע און ניט קיין טענצערין. טענענהאָלץ האָט געשפּילט אָדער געגאָרגלט „חאַצקל“ פון הירשביינס „פאַרוואָרפן ווינקל“ חאַצקלען אין אַ פראַק. און מאָריס שוואַרץ איז אפשר נאָך געווען אַ סטאַר, אָבער שוין גאָר קיין אַקטיאָר ניט... די איבריקע שוי־שפּילער האָבן געשפּילט זיך אַליין און ווייטער קיינעם ניט... אָט צוליב דעם האָט זיך אויף דער בינע אָפּגעשפּילט אַ זייער אינטערעסאַנטער, מען קאָן זאָגן סימבאָלישער פּראָצעס, וועלכער

האָט געוועקט אין מיר אינטערעסאַנטע געדאַנקען. די „גיורת צדקנית" האָט אין „די טענצערין" העלעניזירט די יידישע בינע און דער אַנסאַמבל האָט געיידישט די גוישע קונסט. עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער אַלטער דראַמאַטישער פּראָצעס אין דער יידישער געשיכטע, וועלכער איז געקומען פון דעם צוזאַמענשטויס פון צוויי אַלטע קולטורן — דער יידישער און גריכישער, מיט דעם אונטערשייד וואָס פון דעם אַלטן צוזאַמענשטויס איז געבוירן געוואָרן די באַרימטע אַלעקסאַנדרינישע עפּאָכע און אין שוואַרצס טעאַטער האָט געקאָנט געבוירן ווערן נאָר די איבערצייגונג, אַז מאָריס שוואַרץ און זיין קאָמפּאַניע דאַרפן שפּילן נאָר אַ טביה דער מילכיקער און נאָך אַזוינע ענג־נאַציאָנאַלע שטיק, וואָס זיינען אַזוי ספּעציפיש נאַציאָנאַל, אַז זיי קאָנען אַפילו ניט איבערזעצט ווערן און ניט געשפּילט ווערן אין קיין אייראָפּעישע שפּראַכן, און אַז מאָריס שוואַרץ טאָר ניט שפּילן קיין סאַלאָן־פּיעסן, באַזונדערס קיין שטיק ווי „די טענצערין" איז. און הויפּטזאַכלעך טאָר שוואַרץ ניט שפּילן צוליב זיין אייגענער רעפּוטאַציע אַלס אַקטיאָר צוזאַמען מיט אַזאַ קינסטלערין ווי דזשעני וואַליער איז. יאָ, עס האָט מיר געבלוטיקט מיין האַרץ ווען איך האָב איך, ה' שוואַרץ, געזען אין „די טענצערין". אין „אַ פאַרוואָרפן ווינקל" זענט איר געווען אויסגעצייכנט, רייך ווי אַמעריקאַנער מיליאַרדערן זיינען. אין דער קעגנוואַרט פון דער גיורת צדקנית אייערע זענט איר שוין אָבער געווען אַ בעטלער. ... אַלס אייער בעסטער פריינט ראָט איך איך: שפּילט ניט מיט קיין גרים, וואָרום אין זייער קעגנוואַרט פאַרלירט איר אייער גאַנצן פּרעסטיזש.

... „די טענצערין", ווי אינהאַלטס־אָרעם זי זאָל ניט זיין, איז מיט איר קאָנצעפּציאָן און קאָנסטרוקציאָן אַ קונסט־ווערק אין בעסטן, אייראָפּעישן זין. אַלס אַזעלכע לאָזט זיך דאָס שטיק איבערזעצן און שפּילן אַפילו אין יידיש. דזשעני וואַליער, וועלכע באַזיצט די אייראָפּעישע בינע־קונסט מיט אַלע אירע טראַדיציעס, שפּילט דאָס שטיק געניאַל אַפילו אין יידיש. „טביה דער מילכיקער" קאָן ניט איבערזעצט ווערן און גוט געשפּילט ווערן אין קיין אייראָפּעישע שפּראַך. זיינע פּסוקים און ווערטלעך זיינען זיינע קינדער־וויקעלעך אָן וועלכע עס איז אומדענקבאַר און אוממעגלעך, און די ענג־נאַציאָנאַלע קינדער־וויקעלעך מאַכן אים אין זין פון קונסט און איר אוניווערסאַלע באַטייטונג צום קינד. ... דאָסזעלבע איז מיט אונדזערע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען ערצויגן געוואָרן אויך אויף אַזעלכע שטיקער. אין די ענגע וויקעלעך פון אונדזער פאָלקס־שפּראַך, אין פאָלקס־מענטשן, זיינען זיי נאָך אַקטיאָרן, גוטע אָדער שלעכטע, אָבער דאָך אַקטיאָרן. גייען זיי אָבער שפּילן סאַלאָן־העלדן אין סאַלאָן־פּיעסן, טאָלסטאָיס „רעזורעקשאָן" אָדער אַ „לעבעדיקן מת" און „די טענצערין", אַזוי ווי גייען זייער קונסט אַביסל אוניווערסאַלירן אָדער אינטערנאַציאָנאַליזירן, ווערט דערפון דאָס, וואָס דער רוס רופט „סאַפּאָגי וסמיאַטגו, אַ טשעפּוכאַ". וואָרום איז דאָס אַזוי? וואָרום האָבן די סקאַנדינאַווישע פעלקער אין זייערע גערמאַנישע דיאַלעקטן און זשאַרגאָנען געשאַפן אין די לעצטע 50 יאָר אַזוינע אינטערנאַציאָנאַלע באַרימטהייטן ווי איבסען און דעסגלייכן, וואָס פאַרלירן גאָרניט פון זייער גרויסער קונסט־פּראַכט אין איבערזעצונגען? וואָרום האָבן גוישע שריפטשטעלער געשאַפן טיפערע און פּסיכאָלאָגישע־רייכערע יידישע העלדן און טיפן ווי די יידישע ליטעראַטור האָט געשאַפן? וואָרום פאַרלירן די בעסטע פון אונדזערע שרייבער זייער גאַנצע אָריגינאַליטעט אין איבערזעצונג? דאָס און נאָך אַזעלכע ענלעכע געדאַנקען און פראַגן האָט אין מיר געוועקט דזשעני וואַליער די גיורת צדקנית פון „אוירווינג פּלייס טעאַטער".

## הלל ראָגאָף איז באַגייסטערט פאַר וואַליערס שפּילן:

„אין דעם „אוירווינג פּלייס טעאַטער" שפּילט איצטער אַ נייע אַקטריסע, וועלכער קיינער טאָר ניט פאַרפעלן צו זען. זי איז ניי פאַרן יידישן טעאַטער. מיט יאָרן צוריק האָט זי געשפּילט אויף דער דייטשער בינע דאָ און אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. די מלחמה־אומשטאַנדן האָבן איר געצוווּנגען צו גיין אויף דער יידישער בינע. זי איז אַליין ניט קיין יידישע און זי האָט זיך געמוזט מאַנאַטן לאַנג לערנען די יידישע שפּראַך אום צו קאָנען אין אונדזער טעאַטער אויפטרעטן. צי דאָס האָט זיך געלוינט פאַר איר, ווייסן מיר ניט. אַז דאָס איז אָבער געווען אַ ריזיקער געווינס פאַר דער יידישער בינע, וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. דיזע אַקטריסע הייסט דזשעני וואַליער. זי שפּילט אין אַ נייע פּיעסע, אויך ניט קיין יידישע, אַן איבערזעצונג פון דעם אונגאַרישן, מיטן נאָמען „די טענצערין". וועגן דער פּיעסע גופא ווילן מיר דאָ פיל ניט ריידן. זי איז קיין ליטעראַרישע אַרבעט. זי איז אָבער דערפאַר אַליין אינטערעסאַנט, ווייל זי גיט דיזע גרויסע קינסטלערין די געלעגנהייט אַרויסצווייזן איר אומגעהויערן טאַלענט.

...אין די אַלע סצענען איז מאַדאַם וואַליער ניט בלויז טאַלענטפול, ניט בלויז מייסטערהאַפט, נאָר איינפאַך וווּנדערבאַר. איר זעט ניט פאַר זיך קיין אַקטריסע אויף דער בינע, נאָר אַ פרוי מיט אַ פלאַמנדע האַרץ, מיט אַ טיפע נשמה, וועלכע קעמפט און ליידט אין דעם ווירקלעכן לעבן. אַזאַ שפּילן זעט מען זעלטן אויף אירגענד וועלכע בינע. אַלעס וואָס זי טוט, אַלעס וואָס זי זאָגט, איז אַזוי נאַטירלעך, אַזוי אויפריכטיק, אַז עס איז ווירקלעך אַ פאַרברעכן דאָס אָנצורופן „שפּילן". זי „שפּילט" ניט. זי לעבט דורך אין די טיפסטע טיפענישן פון איר נשמה יעדעס געפיל, יעדע פרייד און יעדע לייד, וואָס זי שטעלט פאַר. די עטלעכע שעה, וואָס די פּיעסע ווערט אויפגעפירט, ווערט מאַדאַם וואַליער פאַרוואַנדלט אין לאָלאַ די טענצערין. זי איז לאָלאַ דורכויס, ניט די אַקטריסע, וואָס שפּילט לאָלאַ. ווען זי איז אויף דער בינע, קאָן דער צושויער פון איר די אויגן ניט אַראָפּנעמען. יעדער מאָמענט וועקט ווי אַ נייעם, פרישן אינטערעס. זי איז אויף איין רגע ניט גלייכגילטיק. זי „רוט" זיך אויף קיין רגע ניט אָפּ. און ווען זי ליידט דורך אַ שטורעמדיקע סצענע, מערקט איר די עפעקטן פון אויפרעגונג לאַנג, לאַנג נאָכדעם ווי די סצענע איז פאַרביי. זי „קומט ניט צו זיך" מיט די וווּנדערבאַרע שנעלקייט פון דער געוויינלעכער אַקטריסע ביי וועמען די אויפרעגונג איז ניט מער ווי אַ שפּיל, און זי דריקט אויס די פאַרשיידענע געפילן, איבערלעבונגען און ליידנשאַפטן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן. זי איז גענצלעך ווייט פון די אָנגענומענע מעטאָדן פון אויסדריקן געפילן. איר הערט ניט פון איר דעם שאַבלאָנעם געלעכטער, דעם פערדישן האַ־האַ־האַ. זי שרייט זעלטן הויך. זי לויפט ניט אַהין און צוריק אויף דער בינע. זי וואַרפט זיך ניט אין קיין היסטעריקע, און געלעגנהייטן די אַלע זאַכן צו טאָן, זיינען אין דער פּיעסע פאַראַן פיל פיל מער ווי אין דער דורכשניטלעכער יידישער דראַמע.

אָט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן ווי אַזוי מאַדאַם וואַליער פירט דורך שטורמישע סצענען, ענדע פון צווייטן אַקט. לעסליער האָט

איר ערנידריקט און באַליידיקט אויף דעם שווידערלעכסטן אופן. ער האָט אירע פריינט אַרויסגעטריבן און איר באַשולדיקט אין אויסגעלאַסנקייט. די פראַכטפולע שלעסער פון ליבע, וואָס זי האָט די דריי מאַנאַטן אין דער לופט געבויט, פאַלן פאַנאַנדער איבער איר קאָפּ. אַנטוישט, ערנידריקט שטייט זי און הערט זיינע שימף־ווערטער. יעדער וואָרט איז אַ שאַרפער מעסער אין איר בלוטנדע האַרץ. ווי דריקט זי אויס אירע שווידערלעכע ליידן? זי שטייט, אָן אַ זייט, איר פּנים בלייך און צעטומלט אַזוי ווי זי וואָלט ניט באַגריפן וואָס עס איז געשען. זי וויל ענטפערן, אָבער אַנשטאָט ווערטער קומט אַרויס אַ מאָדנע שטאַמלעריי, און ווען ער לויפט אַרויס פון צימער ווילד פון אויפרעגונג, שליידערנדיק אין איר געזיכט דעם געשריי: „איך פאַראַכטע דיך“, גייט זי לאַנגזאַם צו צו איר שטול און זעצט זיך אַנידער, ניט מער. זאָגאַר קיין זיפץ ניט. אין די עטלעכע טריט צום שטול און אין דעם אַראָפּזינקען אין דעם שטול, דריקט זי אויס די גאַנצע טראַגעדיע, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. אָט איז נאָך אַ סצענע צום שלוס פון דריטן אַקט: זי טרייבט איר געליבטן אַרויס. אַלעס איז געענדיקט פאַר איר. אירע פריינט לויפן אַריין איר טרייסטן, איר ערמוטיקן. זי שטייט פאַרשטיינערט. דאַן פאַנגט איר גאַנצער קערפּער אָן צו ציטערן. אירע פריינט וויקלען אַרום אַ קעיפּ [אַ פאַלערינע] אַרום איר קערפּער. זייערע וואַרעמע רייד וואַרעמען אַביסל אויף איר האַרץ. אירע אויגן ווערן פאַרלאָפן מיט טרערן. דער גאַנצער ווייטיק פון איר נשמה שווימט ביסלעכווייז אַרויף אויף איר געזיכט און זי לאָזט זיך אַרויספירן אין די אָרעמס פון אירע פריינט. אַזוינע שטילע, שטומע סצענען, וועלכע צערייסן דאָס האַרץ פון יעדן צושויער, זיינען אין דער פּיעסע פאַראַן איניקע, און אין זיי ווייזט מאַדאַם וואַליער אַרויס די דעליקאַטסטע שטריכן פון איר ריזיקן טאַלענט.

וועגן די איבריקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס באַטייליקן זיך אין דער פּיעסע, ווילט זיך קוים ריידן. צי דאָס איז דערפאַר וואָס זי איז אַזוי פראַכטפול גוט, צי טאַקע דערפאַר ווייל זיי זיינען ניט געראָטן. דער פאַקט איז, אַז די אַלע איבריקע זעען זיך כמעט גאָרניט אָן אויף דער בינע. מאָריס שוואַרץ אַלס לעסליער איז נישקשה בלויז אין אַ פּאָר סצענען. ער איז, ערשטנס, ניט די פּאַסנדע פיגור אין אויסזען פאַר דעם כאַראַקטער, און צווייטנס, פּאַסט ער דעם כאַראַקטער ניט אויף ריכטיק. שוואַרץ שטעלט בשום אופן ניט פאַר דעם ענגלישן אַריסטאָקראַט, דעם שטאָלצן, אָבער לעבנסלוסטיקן יונג, וועלכער זעט אויס נאַריש און איינגעעקשנט, אָבער ווייס וואָס ער וויל און פאַרשטייט ווי עס צו קריגן. שאַכט אַלס באַידזשאָן איז נאָך שוואַכער ווי שוואַרץ, אין טענענהאָלץ אַלס טאַמי, אַן אַקטיאָר, איז נאָך ערגער ווי שאַכט. ניט שלעכט איז מאַדאַם זילבערט אַלס מאַשאַ (אַ געוועזענע טענצערין). אמת, אין איר שפּילן איז ניט קענטיק קיין געוועזענע טענצערין, אָבער זי האַלט זיך ווייניקסטן נאַטירלעך. אַ קאָמפּלימענט קומט דובינסקין פאַר זיין גרים און זיין מימיק אין אַ קליינע אומבאַטייטנדע ראָלע. ער שטעלט פאַר אַ יונגערמאַן, וואָס דרייט זיך אַרום אין די באָהעמישע קרייזן בלויז דערפאַר, וואָס ער איז „אַ פאַרערער פון קונסט און שיינע פרויען“. ער איז אַ טיפּש, וואָס ווערט פון אַלץ נתפעל, און שלינגט יעדנס וואָרט און יעדנס מיינונג. דובינסקי שפּילט דיזן טיפּ אויסגעצייכנט“.





**דר. ה. זאַלאַטאַראָוו שרייבט:**

„מיר זיינען געזעסן אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער“ און באַוווּנדערט איר קונסט... „די טענצערין“ איז אַ שטורם פון גרויסע קינסטלערישע כוחות אין דער בינע־קונסט פון מאַדאַם וואַליער. די דראַמע איז אין אַ יידישער איבערזעצונג פון דעם אונגאַרישן און האַנדלט זיך אַרום דער טעמע קונסט — ליבע — קונסט. די טענצערין לאָלאַ, וואָס האָט שוין ניט איין ליבע געקענט, האָט נאָך אָבער קיינמאָל ניט געליבט, און ווען די ליבע דערוואַכט אין איר צו דעם יונגען לאַנד־באַזיצער, רעגט זיך אין איר ברוסט דער קאַמף צווישן דעם נייעם וווּנדערלעכן געפיל און דעם שטורמישן ווילן צו פאַרברענען הינטער זיך אַלע בריקן פון דער פאַרגאַנגנהייט. דער קאַמף איז אַ גרויסער, אַ פאַרצווייפלטער... עס איז ניט גרינג אויפצוגעבן אַלטע פאַרבינדונגען מיט פריינט, די גרויסע ליבע צו איר קונסט, אָבער די ליבע געווינט פאָרט און אין די ברויזנדע מאָמענטן פון קאַמף ווי אין די שטילערע מאָמענטן מיט דעם געליבטן ווייזט מאַדאַם וואַליער אַ וווּנדערלעך ברייטע גאַמע פון גרויסע דראַמאַטישע כוחות אין איר קינסטלערישן באַזיץ. זי דריקט אויס אירע עמאָציאָנען און איבערגאַנגען מיט גרויסן קינסטלערישן טאַלענט און קאָנטראָלירט וווּנדערלעך די אויסדרוקן פון איר פּנים און אירע אויגן. זעלטן פאַרכאַפּט פון דער גרויסער וואָרהאַפטיקייט פון איר שפּילן, לעבט איר איבער מיט איר די מאָמענטן פון איר לעבן. איר שטימע און דיקציע, אַפילו אין יידיש — זי איז אַ קריסטין — די אינטאָנאַציע און איבערגענגע זיינען די פון אַ גרויסער געשולטער שוישפּילערין.

אַ סך זיינען די גרויסע סצענען אין איר שפּילן, אָבער איניקע טיילן זיך אויס ווי שטיקער קונסט־ווערק פאַר זיך אַליין. די פרימאָרגנדיקע ליבעס־סצענע אונטערן פרייען הימל אויפן גראָז איז אַזאַ פאַרשייט הידעניש ליריש קונסט־שטיק, וואָס טיילט זיך אויס ווי אַ שיין געזאַנג. אונדזער עלטערן צניעותדיקן עולם זיינען אַזעלכע ליבעס־בילדער פרעמד, די ייִנגערע — אַפילו ניט פרעמד — אָבער באַהאַלטן... פריי און אָפן זיינען אַזעלכע ליבעס־סצענען נאָר דער באָהעמע, אָבער ביי זיי זיינען אַזעלכע סצענען גראָב און ציניש, אָפט פאַרגאָסן מיט אַלקאָהאָל. ווי מאַדאַם וואַליער פירט זיי דורך, איז זי הידעניש־פאַרשייט, אָבער ריין, קינסטלעריש און שיין, אַ סימפאָניע פון ליבעס עמאָציאָנען און ניואַנסן. מיט איר געליבטן אויפן לאַנד איז איר ניט לאַנג באַשערט צו לעבן. ער איז גראָב און קליינבירגערלעך, זי איז די גרויסע אַרטיסטין, די טענצערין. זי ציט אַהיים צו דער בינע, צו איר קונסט, און זי פאַרלאָזט אים נאָך אַ ברויזנדער סצענע. זי איז די הערשערין פון אַ געוואַלטיקער סיטואַציאָן אין דער לעצטער ברוך מיט איר געליבטן און אין דער סצענע, וואָס פאָלגט, אין דעם שטילן וועטער, וואָס כאַפּט זי אַרום, שטייט פאַר אייך אַ גרויסע קינסטלערין, וועלכע מען דאַרף זען מער און מער צו קאָנען זי אָפּשאַצן אינגאַנצן. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן נאָך די געלעגנהייט האָבן צו זען זי לאַנג צווישן אונדז. לאָז זי זיין ניט נאָר אונדזער שטאָלץ, זאָל די יידישע בינע ווערן אויך איר שטאָלץ“.

**מ. גרים לייגט אַ סך האָפנונגען אויף מאַד. וואַליער אַ ביסל שפּעטער ווען זי וועט בעסער באַהערשן יידיש:**

„ווען עס זאָל זיך האַנדלען בלויז אין טאַלענט, זיינען מיר אַליין ב״ה ניט קיין קבצנים, אָבער מאַדאַם וואַליער האָט אויסער טאַלענט אויך יענע ראַפינירטע בינע־קונסט, וועלכע האָט ניט געהאַט פון וואַנען זיך צו נעמען ביי אונדז, און עס איז אַ נייעס.

טאַלענט אַליין שיינט נאָר אויף מאָמענטנווייז און איבעראַשט מיט גאָטס ווונדער. בינען־קונסט אַליין קאָן געבן נאָר דאָס דורכגעטראַכטע, אויסערלעכע, אָפּטמאָל זייער שיינע שפּילן, אָבער אָן דעם אינערלעכן, נאַטירלעכן פייער. ביידע צוזאַמען גיבן אַ קינסטלער. דאָרטן, ווו בינען־טעכניק איז אַן אומבאַדינגטע פאָדערונג פון יעדן איינעם, וואָס באַטרעט אַ קינסטלערישע בינע, איז אַ שוישפּילערין פון מאַדאַם וואַליערס טיפּ זעלבסטפאַרשטענדלעך. אין איראָפּע פון וואַנען מאַדאַם וואַליער קומט, וועט זי געפינען גענוג פון איר גלייכן. אָבער מיר זיינען אין אַמעריקע, און דערפון איז די איבעראַשונג, וואָס אַזאַ שוישפּילעריי מאַכט דאָ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מאַדאַם וואַליער קאָן מען ניט משפּטן לויט אירע ערשטע אויפטריטן אויף אונדזער בינע. זי איז ווערט מער ווי דאָס פאַר וואָס זי האָט זיך אַרויסגעוויזן. אַ שפּראַך לאָזט זיך ניט באַהערשן אַזוי לייכט, און ווען מ׳איז געצוווּנגען אַרויסצוריידן איינגעחזרטע פראַזן, שטערט עס. זי וועט ערשיינען פאַר דאָס וואָס זי איז באמת ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען די יידישע שפּראַך וועט איר ניט זיין אַזוי פרעמד. דאַן וועט איר אַ סך לייכטער זיין צו געבן אַלע יענע בויגונגען פון דער שטימע, די ניואַנסן און איבערגאַנגען, וועלכע ווערן איצט געשטערט דורך דעם געברויך פון אַ פרעמדער שפּראַך. דערווייל פילט זיך נאָך אין איר שפּילן דאָס ראַנגלען זיך מיט דער שפּראַך. אָבער זעט אויס, אַז אין דער ראָלע פון דער „טענצערין" איז זי אַזוי גוט איינגעבט, אַז אויך די פרעמדקייט ביי אונדז האָט איר ניט געשטערט צו געבן דאָס בולטסטע און פיינסטע פון דער ראָל.

דער אינהאַלט פון דער „טענצערין" פון אונגאַרישן דראַמאַטורג לענגיעל דערמאָנט אַ ביסל „די קאַמעליען־דאַמע". דאָס איז די ערשטע ריינע ליבע ביי אַ פרוי, וועלכע איז צו פיל מאָל געווען די אומגעזעצלעכע ווייב פון מענטשן צו וועלכע זי האָט ווייניק וואָס אָדער גאָרניט געפילט. די קאַמעליען־דאַמע איז בלויז אַ פרוי און ווען מען נעמט ביי איר צו איר איינציקע ליבע, מוז זי געבראָכן ווערן. אָבער לאָלאַ די טענצערין איז אַ קינסטלערין. פאַרלירט זי איר ליבע, בלייבט פאַר איר די קונסט מיט אַ גרויסן ווייטיק, אָבער לעבן וועט זי. זי האָט פאַרוואָס. לאָלאַ אַנטלויפט פון איר פריינט באַאידיאָן, איר טאַנץ־מייסטער, מענעדזשער און געליבטן, ווי אויך פון דער גאַנצער חברה פון טעאַטער, ווייל זי איז אויף אַ ווילע מיד געוואָרן פון דער סביבה, און אין דעם יונגען קליינבירגער לעסלער, אין דעם געזונטן, פראַקטישן גוטבאַזיצער, זעט זי די פרישקייט און דעם הויך פון יוגנט אין גאָטס וועלט, וואָס פעלט איר אַזוי, ער איז פאַר איר דער היפּך פון איר גאַנצן לעבן. ווען זי אַנטלויפט צו אים אויפן דאָרף און לעבט דאָרט וואָכנלאַנג, מיינט זי, אַז זי וועט קאָנען אינגאַנצן זיך אָפּשיידן פון איר פריערדיק לעבן. אָבער קונסט איז ניט אַזאַ געליבטער, וואָס לאָזט זיך לייכט אָפּגטן. זי נעמט בענקן צוריק צו דער בינע, רום און סביבה, און ווען די חברה קומט זי רופן צוריק, און אין צוזאַמענשטויס צווישן זיי און לעסלערן, זעט זי ווי ווייט איר געליבטער קליינבירגער איז פון איר, אַנטלויפט זי צוריק. זיי באַגעגנען זיך נאָך כדי דער תהום צווישן ביידען זאָל זיך שאַרפער אַרויסווייזן, און ווען לעסלער גייט מיט אַן אמת אַוועק, בלייבט דאָך באַאידיאָן, וועלכער הייסט זי אין מאַנטל איינוויקלען און לייגן שלאָפן. זי וועט מאָרגן אויפשטיין און מאָרגן אָוונט ווייטער טאַנצן.



עס איז אַ שטיק פאַר דער בינע. דער עפּיזאָד אין לעבן פון דער טענצערין איז פיין מאַטעריאַל פאַר אַן אויסגעצייכנטער ראָל מיט שיינקייט, רייכלעכקייט, צערטלעכקייט און ליבע. מאַדאַם וואַליער האָט עס אויסגענוצט ביזן גרונט. ניט נאָר, וואָס זי רירט, זי קען די ראָל, קען זי אַזוי גוט, אַז עס דאַכט זיך צייטנווייז, זי וואָלט געקאָנט נעמען שפּילן גאַנץ אַנדערש און עס וואָלט געווען דער זעלבער איינדרוק, ווייל זי האָט איר ראָל באַהערשט אַזוי ווי אַ מוזיקאַנט זיין אינסטרומענט. לעסלערן שפּילט מאָריס שוואַרץ. ער איז בלייך אין אָנהייב. זעט אויס נאָך ניט איינגעשפּילט. אָבער וואָס ווייטער, ווערט ער אינטערעסאַנטער, און אין דער ערשטער סצענע פון דריטן אַקט, איז ער אויסגעצייכנט, רירנד. זיכער, אַז שוואַרץ וועט באַהערשן די ראָלע. אַ פיל שוואַכערן איינדרוק מאַכט גוסטאַוו שאַכט אַלס באַאידיאָן. ער איז, דאַכט זיך, אויסגעהאַלטן און גאַנץ, אָבער אין זיין שטימע איז פאַראַן אַן אומפאַרענדערלעכע שטייפקייט, וועלכע דערמאָנט אַלע מאָל זיינע פריערדיקע ראָלן. מאַדאַם זילבערט אַלס לאָלאַס פריינדין, מאַשאַ, גיט אַן אויסגעהאַלטענעם טיפּ פון אַ פרוי, וואָס האָט שוין אירע אייגענע אַמביציעס פאַרלאָרן און נוצט איר פּראַקטישקייט פאַר עמעצן אַנדערש. אין די אַנדערע זייטיקע ראָלן באַטייליקן זיך פרויען: ליאַנסקי, האָלענדער, פּערקויף און די הערן טענענהאָלץ, דובינסקי, סאַמואילאָוו און פישקינד. „די טענצערין" מיט מאַדאַם וואַליער איז אַ שטיק, וואָס וועט זיכער פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אויף דער בינע פון „אירווינג פּלייס טעאַטער", אָבער צוליב מאַדאַם וואַליער גופא וואָלט זיך וועלן זען זי אין אַן אַנדערע ראָלע פון איראָפּעישן רעפּערטואַר, און אויב זי דאַרף ביי אונדז פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט, וועט שוואַרץ זיכער ניט לאָזן וואַרטן צו לאַנג מיטן באַווייזן זי אין אַ צווייטער שטיק".

**ישראל דער יענקי באַרירט קודם־כל דאָס פּראָבלעם פון דזשעני וואַליערס אַזוי שנעל באַהערשן דאָס שפּילן אויף יידיש, וואָס זי דערקלערט אין אַ געשפּרעך מיט אים אויף פאָלגנדיקן אופן:**

„דאָס איז מיין געוווינהייט צו דיאַלעקט־ראָלן. מיר איז אָפט אין מיין טעאַטער־קאַריערע אויסגעקומען צו שפּילן ראָלן אין פאַרשיידענע דייטשע דיאַלעקטן, וואָס קלינגען באַלד ווי פרעמדע שפּראַכן, און דערפאַר גייט עס ביי מיר שנעל ווען עס קומט מיר אויס צו שפּילן אַ ראָלע אין אַ פרעמדער שפּראַך".

**ווייטער דערציילט ישראל דער יענקי, אַז**

„די אַקטיאָרן, וואָס שפּילן מיט מאַדאַם דזשעני וואַליער, דערציילן, אַז ביי די פּראָבן בעסערט זי אויס דאָס יידיש פון די יעניקע יידישע אַקטיאָרן, וואָס כאַפּן זיך אַמאָל אַריין אין דייטש און עס איז ווירקלעך מעגלעך, אַז אַזאַ מערקווירדיק פעיקע גויישע אַרטיסטין ווי מאַדאַם וואַליער זאָל זיך איינלעבן אין דער יידישער בינע און פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס שטייט ניט פאַרנומען זייט די ליפּצין און די קאַליש — איר צו לאַנגע יאָרן — זיינען פון דער [יידישער] בינע אַוועק. און דאָס איז אייגנטלעך די האָפנונג, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם יידישן אַרטיסטישן וועלטל".

**און איצט גייט ישראל דער יענקי איבער צו אַנאַליזירן איר שפּילן אין „די טענצערין“:**

„קאָן מען דאָס אָבער פון דער ראָלע, וואָס זי שפּילט אין דער „טענצערין“ ניט גענוי וויסן. „די טענצערין“ איז אַ פּראַנצויזישע שטיק מיט אַלע פּיטשיוּוקעס און דאָס דאָזיקע שטיק ווערט אין אַ צימלעך שלעכטער איבערזעצונג פון איר אַזוי געשפּילט, אַז עס איז שווער דערפון צו זאָגן וואָס זי וואָלט געקאָנט ווייטער לייסטן פאַר דער יידישער בינע. . . . . אַזאַ ראָלע ווי לאָלאַ קאָן געשפּילט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים. עס ווענדט זיך אין וועלכן לאַנד און פון וועלכער אַרטיסטקע דאָס ווערט געשפּילט. אַ פּראַנצויזקע וועט נאָכדעם וואָס זי ווערט „געלייטערט“ דורך ריינע, ערלעכע ליבע, פילייכט נאָך אַלץ אַרויסצייגן מאַנכע פון אירע הפקר־שטיק מיט אַלע פּיטשעוּוקעס אָין דאָס דאָזיקע שטיק ווערט אין אַ געוויסן זיך ניט פאַרלירן, נאָר, פאַרקערט, נאָך געוווינען, אָבער דאָס וועט ביי איר אַרויסקומען מער פאַרדעקט, מער באַהאַלטן. עס וועט דורך איר ליבעס־האַנדלונג דורכגיין אַ שיינער, איידעלער שטריך, וועלכער וועט דייטלעך צייגן די „בעל תשובהניצע“. אַ דייטשקע ווידער וועט גאָרניט קאָנען באַהאַלטן פון אירע פריערדיקע באַנעמונגען און זיטן, נאָר זי וועט גאַנץ אָפן, אָן שום בושה, אין דער עכטער און ריינער ליבע אַרויסצייגן דיזעלבע „שטיק“, וואָס זי האָט פריער אַרויסגעצייגט, ווייל אין דייטשלאַנד זיינען די ליבע און די גאַנצע מאָראַל פון דער ליבע כמעט אַ רעגירונגס־אָנגעלעגנהייט. עס ווערט אַלעס געוויגן און געמאָסטן פון דער רעגירונג. אַלעס איז דאָרט „רעגולירט“ און עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן ניט מעסטן אַזעלכע זאַכן סיידן זיי זיינען פולשטענדיק אומפאַרשעמט אָפן און מען קאָן זיי ממש אָנטאַפּן מיט דער האַנט. אַזאַ מין „בעל תשובהניצע“ אין ענגלאַנד, מיט אַזאַ נאָמען פון אַ גרויסער אַרטיסטקע, וואָלט פילייכט גלייך אַריין אין דער היכער געזעלשאַפט, און וואָלט דאָרט געשפּילט אַ גרויסע אַריסטאָקראַטישע ראָלע. אין אַמעריקע וואָלט זי כמעט ווי זיכער אַריין אין דער „סאַלוויישאָן אַרמיי“ און געפּרעדיקט ליבע און איבערגעבנהייט צו יעזוסן. ביי יידן, ווידער, ווייזט אויס, אַז זי וואָלט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו ווערן אַ פרומע נשמה, פילייכט אַרומגיין מיט אַ פאַטשיילע קלייבן און פירן איר נייע ריכטיקע ליבע אויף אַן עכטן צניעותדיקן שטייגער.

עס מאַכט ניט אויס וואָס אין דער פּיעסע גופא איז די העלדין אַ פראַנצויזקע. די אַרטיסטקעס פון די פאַרשיידענע בינעס וואָלטן זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן פון זייער לאָקאַלער געוווינהייט און זיי וואָלטן אַרויפגעלייגט זייער לאָקאַלע פאַרב אויף דעם באַטרעפנדיקן טיפּ פון אַ „געלייטערטע“ פרוי. זייער ווייניק אַרטיסטן זיינען „אינטערנאַציאָנאַל“ אין זייער אַרטיסטישן האָב און גוטס. וויפל אַ דייטשער אַרטיסט, צ. ב., זאָל ניט שפּילן אַ יידן, איז דאָס אַלץ קיין פולשטענדיקער ייד ניט. עס מוז זיך אין אים אַריינכאַפּן דער דייטש. עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ יידישער אַרטיסט לעבט זיך פולשטענדיק אַריין אין אַ „פרעמדער“ ראָלע, אָבער דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל אַזאַ מין יידישער אַרטיסט האָט איבערהויפּט מיט יידישקייט ווייניק צו טאָן און אויך דערפאַר, ווייל ער איז, וואָס מען רופט אָן אַ וועלט־קינד. ער באַלאַנגט ניט צו וועלכער ס׳איז באַזונדער לאַנד, נאָר צו אַלע לענדער, פונקט ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק . . .

און טאַקע אין דעם ליגט דער שווערפּונקט וועגן דעם שפּילן פון מאַדאַם וואַליער אויף דער יידישער בינע. עס איז ניט דער





מינדסטער צווייפל, אַז זי איז אַ קינסטלערין אין עכטן זינען פון וואָרט. אין דער ראָלע פון לאָלאַ הייבט זי זיך אויף צו אַ היכער מדרגה פון קונסט. מיט אירע פלאַמנדע אויגן, מיט איר לעבעדיקן גערויטלטן געזיכט, מיט אירע קאַרשן־ליפּן, מיט איר ברוסט, מיט אירע הענט און פיס, מיט איר גאַנצן וועזן און נשמה, דריקט זי אויס דאָס קאַפּריזנקייט, די פלאַמנדע ליבע, איר איבערגעבנקייט, איר גליק און פרייד, איר אומגליק און היסטערישע ליידן, איר בייזקייט און גוטסקייט, איר רוגז און חסד, אַלעס וואָס אַ געלייטערטע און דאָך ברויזנדע פרויען־נשמה מאַכט דורך אין דעם גיהנום און גן־עדן פונם לעבן אין דער זעלבער צייט. דער צושויער ווערט פולשטענדיק היגנעריסן פון איר הילכיקער פרייד און שלוכצנדן טרויער. מיט אירע לאַכנדע אויגן און ברוגזע געזיכטסציגע אָדער לאַכנדיקע געזיכטסציגע און וויינענדע אויגן, לויט ווי דער מאָמענטאַלער קאַפּריז פאָדערט פון איר. אָבער אין אַלע דיזע ערהאבענע סצענעס און פּרעכטיקע אויסשטעלונגען פון פרויען־געפילן, פילט זיך דאָך די דייטשקע און ניט פראַנצויזקע, וואָס די העלדין אין דיזן שטיק דאַרף זיין. די צו שטאַרקע אָפנקייט, דאָס האַלדזן און קושן און די שאַרפע ליבעס־אויסדרוקן, וועלכע זי מאַכט צופיל בפרהסיה [עפנטלעך] פאַרוואַרפן אינגאַנצן אָן אַ זייט די פיינערע שטריכן פון דער „געלייטערטער“ פראַנצויזקע. די איידלקייט, פאַרדעקטקייטן, באַהאַלטענע חריפות און האַלב־צניעותדיקע ליבעס־געפילן, וועלכע זיינען מער אָנצוהערענישן ווי די וויכטיקערע פיזישע ליבע. וואָס מען קאָן ממש אָנטאַפּן מיט די האַנט, די צו־שטאַרקע אָפנקייט, די צו־נאַטירלעכע קערפּערלעכע תנועות, וועלכע קאָנען לייכט פאַרטייטשט ווערן אַלס פּשוטע הפקרות, שטעמפּלט די דאָזיקע ליבע אַלס אַ רעגירונגס־קאָנטראָלירטע, אַלס אַזעלכע, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין מאָס און וואָג, אַ ליבע, וואָס האָט אַ גרענעץ. מען קאָן זי איבערגעבן אין אַזויפיל באַוועגונגען און זי איז אַ פּאַרטיק אויסגעדריקטע. עס בלייבט מער גאָרניט פאַרן מענטשלעכן מוח וואָס נאָכצודענקן, נאָך וואָס ווייטער צו לעכצן, צו בענקן. עס איז גאָרניט באַהאַלטן. עס איז שוין אַלעס אַרויסגעגעבן אין פיזישן גענוס. פאַרן גייסט בלייבט אַ וויסטעניש.

און אָט טאַקע אין דעם ליגט, ווי געזאָגט, דער שווערפּונקט וואָס מאַדאַם וואַליערס שפּילן אויף דער יידישער בינע דאַרף דורכגיין ...עס איז ניט גענוג פאַר אַן אַרטיסטין צו ריידן אַפילו אַ גוטן ריינעם יידיש, אַז זי זאָל קאָנען דערשיינען אויף דער בינע אַלס עכטע יידישע טאָכטער. פון אַ דייטשקע ביז אַ פראַנצויזקע איז געוויס ניט אַזוי ווייט ווי פון אַ דייטשקע ביז אַ יידיש קינד. היינט, אַז די אָפענע דייטשקע שטעקט אַזוי פיל אַרויס פון דער מאַדאַם וואַליער אין דער פאַרדעקטער פראַנצויזקע, וואָס זי דאַרף פאָרשטעלן, וויפל נאָך וועט זי אַרויסשטעקן פון דער ליידנדער יידישער טאָכטער ווי אין „עטעניו“ און ענלעכע יידישע פרויען־טיפּן פונם יידישן רעפּערטואַר? עס איז אמת ווי מאַדאַם וואַליער זאָגט, אַז דעם „דיאַלעקט“ וועט זי איבערנעמען. דאָס לשון וועט זי פילייכט באַהערשן, אָבער ווי אַזוי וועט זי פון זיך אַרויסטרייבן דעם דייטש און מאַכן פּלאַץ פאַר דער יידישער נשמה, וועלכע דאַרף אָפט אויסגעדריקט ווערן אין באַוועגונגען און אָן שום לשון? דאָס בלייבט אַ קשיא.

די ראָלע פון לעסליער איז געשפּילט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ. צו דיזע ראָלע איז ניט גענוג צו זיין דאָס וואָס מען רופט אויף טעאַטער־לשון „אַ ליבהאָבער“, נאָר דיזער לעסליער מוז אויך זיין אַ שטיק רוצח, אַן עגאָאיסט, וואָס ווייס נאָר זיין נפשל

און רעכנט זיך גאָרניט מיט יענעמס געפילן, און דאָס האָט שוואַרץ אויפגעפּאַסט, און זיין לעסליער איז דעריבער אַרויסגעקומען אין זיין פולער פאַרב. וואָס וויניקער פונם „ליבהאָבער" און וואָס מער דער עגאָיסט, אַלץ מער בולט די ראָלע. אַן אַנדער שוישפּילער וואָלט פיליכט אַריינגעפאַלן אין דער „ליבהאָבער"־פאַסטקע און די ראָלע וואָלט געווען קאַפּוט. אַברהם טייטעלבוים שפּילט צופיל „סוועגנגאַלי" און צו וויניק דעם טיפּ, וועלכער איז נאָך אַלעמען בלויז אַ קליינער שטיקל „סוועגנגאַלי" און דאָס איבריקע — מענטש און קינסטלער. ער איז אָרעם אין מיטלען אויסצודריקן פאַרצווייפלונג, ווייל איר הערט נאָר זיין שטימע ציטערן און פון די באַוועגונגען פון זיינע הענט זעט איר, אַז ער ווייס ניט וואָס מיט זיי צו טאָן. ער האָט ניט קיין כוח פאַר יענעם פּאַטעטישן שווונג און די מאַגנעטישע קראַפט פונם מייסטער. ווען ער וויל ציגן זיין אַרטיסטישן שטאָלץ פאַר לעסליער, פאַלט די גאַנצע געשיכטע אַרונטער פלאַך.

מאַדאַם זילבערט אַלס די „אָפּגעפּאָרענע" טענצערין איז אַ גאַנץ ענערגישע מישערין אין איר ראָלע, און די קאַשעס, וואָס זי פאַרקאָכט ניט־ווילנדיק און ניט־מיינענדיק, קומען אַרויס נאַטירלעך אַ דאַנק איר גוטן שפּילן. מאַד. פּערקויף אַלס לאָלאַס דינסט און פישקינד אַלס לעסליערס דינער, מאַכן עס ביידע גאַנץ גלאַט. מר. טענענהאָלץ ברענגט אַרויס אַ גאַנץ ווילן בחור, אָבער עס וואָלט ניט געשאַדט ער זאָל אין אים נאָך מער לעבן אַריינברענגען. י. דובינסקי ציגט אויך אַן אויסגעצייכנטן בלאַמירטן „פאַרערער פון קונסט און שיינע פרויען". ער איז זייער געראָטן אין דער ראָלע. חנה האָלענדער איז עפּעס גאָרניט זי ווען זי פאַלט אַריין אין די קליידער פון דעם, וואָס מען רופט אויף טעאַטער־לשון „אַ גרענד דאַמע", און עס פּאַסט איר נאָך וויניקער דאָס רויכערן פון ציגאַרעטלעך, אָבער זי איז דאָך רייצנד. אירע באַוועגונגען עכט לעבעדיקע און זי מאַכט דאָך עפּעס פון דער פּוסטער ראָלע, וואָס איז געפאַלן אויף איר טרויעריקן גורל. מאַד. ליאַנסקיס פיגור איז שוין דערפאַר מער צוגעפּאַסט פאַר דער „גרענד דאַמע", אָבער זי וואָלט געדאַרפט זיין עטוואָס מער רוּעוודיק, מער באַוועגלעך. מר. סאַמואילאָוו שפּילט מער אַן אָפּגעבליאַקעוועטן יידישן דירעקטאָר ווי אַ גויישן, וועלכער פאַרלירט דאָך ניט זיין שטאָלץ אַפילו ווען די אַרטיסטן טרעטן אויף אים".

### אַב. קאַהאַן וועלכער האַלט זייער פון איר טאַלענט, שטעלט זיך אָפּ וועגן איר יידיש ריידן:

„איך האָב זיך פילע וואָכן געקליבן צו זען מאַדאַם דזשעני וואַליער אויף דער יידישער בינע. אַ קריסטלעכע שוישפּילערין אויף אונדזער בינע איז אַ גאַנץ אומגעוויינלעכע ערשיינונג. אַלזאָ, איז עס געווען איינע פון די סענסאַציעס פון דעם סעזאָן, אָבער די הויפּט־סענסאַציע איז פאָרגעקומען בשעת איך בין נאָך געווען אין אייראָפּע. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך געהערט דיזן נאָמען אַלס דער מיטלפּונקט פון פאַרשיידענע מיינונגען, באַגייסטערונגען, קריטיקן, אַנעקדאָטן. עס זיינען אָבער אַוועקגעגאַנגען פילע, פילע וואָכן איידער איך האָב געהאַט די געלעגנהייט איר צו זען. ענדלעך האָב איך זי געזען אין דער פּיעסע „די טענצערין" אין וועלכע זי האָט זיך געמאַכט איר הויפּט־נאָמען אויף דער יידישער בינע.

די פּיעסע אַליין איז זייער אינטערעסאַנט און זייער גוט צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון אַ בינע. מיט דער אויסנאַמע פון דעם שלוס, וועלכער איז ביליק און איז ווי צוגעפּאַרטאַטשקעוועט אין איילעניש, אַנטהאַלט די דראַמע אינטערעסאַנטע סצענישע עפעקטן פון אַ פיל בעסערן סאָרט ווי די געוויינלעכע סצענישע עפעקטן, וועלכע שמעקן אַזוי מיט מעכאַנישע אַרבעט און וועלכע זיינען דער הויפּט פּראָדוקט אויף דער אַמעריקאַנער בינע. עס איז אַן עכט פראַנצויזישע דראַמע. עס שמעקט מיט פּאַריז און מיט די בולוואַרן דורך און דורך. און דאָך איז זי אינטערעסאַנט און שפּאַנענד ניט נאָר פאַר פּאַריזער צוזעער.

מאַדאַם וואַליער שפּילט נאַטירלעך די הויפּטראָלע. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע ראָלע. עס איז דאָ אין איר כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט. דער שפּיל פון פאַרשיידענע שטימונגען, דער אויסברוך פון ליידנשאַפט, פריילעכקייט, אומעט, אייפערזוכט, סעריעזע מאָמענטן, גליק, פאַרצווייפלונג, טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. מאַדאַם וואַליער איז אַ זייער טאַלענטפולע שוישפּילערין. וועגן דעם קאָן קיין מיינונגס־פאַרשיידנקייט ניט זיין. זי איז אַ געבוירענע קינסטלערין, מיט געבוירענע איינבילדונגס־קראַפט און מיט אַ געבוירענעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט. אויך קאָן מען לייכט זען די רעזולטאַטן פון איר פּראַקטיק אויף אַ פיל העכערע בינע ווי אונדזער יידישע בינע אָדער די אַמעריקאַנער. אין פילע מאָמענטן פון איר שפּילן האָט איר ניט ווילנדיק געקלערט: אויף אונדזער יידישער בינע האָט בלויז שילדקרויט געקאָנט אַזוי שפּילן. איך מיין דאָ ניט צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן מאַדאַם וואַליער און שילדקרויטן. זיי זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע אַרטיסטן. איך וויל דאָ בלויז זאָגן, אַז אין מערערע מאָמענטן פון איר שפּילן האָב איך געפילט, אַז דאָס איז אַ העכערער אַרטיקל ווי דער צו וועלכן מיר זיינען צוגעוווינט. ביים אָנפאַנג פון צווייטן אַקט, ביי דער סצענע ווי איר געליבטער שלאָפט און זי שפּילט זיך מיט אים און ווייזט אַרויס איר פאַרליבטקייט, איז זי פאַרטרעפלעך. דיזעס שפּילן אירס זיינען פול מיט איינצלהייטן וועלכע זיינען זייער שווער צו כאַראַקטעריזירן. דאָס לעבן אַליין איז פול מיט איינצלהייטן וועלכע זיינען ניט אימער לייכט צו כאַראַקטעריזירן. איר שפּילן איז דאָ געווען פילפאַך אַזוי ווי דאָס לעבן אַליין. יעדער מאָמענט איז געווען פול מיט פאַרשיידענע שטריכן, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן אין איין עפעקט פון טיפע, אינטערעסאַנטע נאַטירלעכקייט. אין די דראַמאַטישע מאָמענטן איז זי אויך געווען אַזוי אויסגעצייכנט. קורץ, וואָס אָנבאַלאַנגט איר טאַלענט איז זי געוויס אַ גרויסער געווינס פאַר אונדז און מיר דאַרפן איר ווילקאָמען און וויסן ווי צו שעצן.

וועגן איר יידישע שפּראַך ווילן מיר זאָגן דאָס פאָלגנדע: מיר גלייבן ניט, אַז זי האָט געהאַט און האָט די ריכטיקע לערער. דער טראָבל איז ניט אַזוי מיט איר אויסשפּראַך ווי מיט איר אינטאָנאַציע, מיט דעם ניגון מיט וועלכן זי רעדט אַרויס די יידישע פראַזן אָדער ווערטער. עס איז אַבסאָלוט ניט קיין יידישער ניגון, און עס גייט אַזוי ווייט, אַז עס שטערט איר אומגעהויער אין אויסדריקן די קינסטלערישע בילדער, וואָס זי האָט אין געדאַנק. אַזעלכע ווערטער, ווי צום ביישפּיל „אָט גיי איך", קומען אַרויס ביי איר אין אַזאַ טאָן, וועלכער פּאַסט זיך אַבסאָלוט ניט צו זיי און צו קיין אַנדער זאַך ניט. דאָס איז ניט דער יידישער טאָן און דער רעזולטאַט, אַז עס פאַרשטעלט די גאַנצע קונסט־אַרבעט ווי מיט אַ געדיכטן טונקעלן פאָרהאַנג. איך גלייב, אַז דאָס אַלעס וואָלט זייער לייכט געווען צו באַזייטיקן. מען דאַרף איר ערקלערן מיט גוטע ביישפּילן דעם אונטערשייד צווישן ריידן יידיש און ריידן דייטש, אַפילו ווען די ווערטער זיינען אַבסאָלוט דיזעלבע. דער יידיש, אַלזאָ, איז אַ היבשע שטערונג אין איר שפּילן, אָבער דאָך איז איר טאַלענט אַזאַ וויכטיקער, אַז מיט אַלע דיזע שטע־

רונגען מוז מען איר אָנערקענען ווי אַ גרויסער געווינס. אויף דער בינע זיינען פאַראַן פילע מאָמענטן ווו דאָס ריידן אַליין שפּילט ניט די וויכטיקסטע ראָלע, און אין אַזעלכע מאָמענטן, נאַטירלעך, פילט זיך דער טאַלענט אַבסאָלוט אָן אירגנד וועלכער שטרויכלונג".

**דער קריטיקער שרייבט:**

„די טעג זיינען מיר אויך געווען אין אירווינג פּלייס טעאַטער און געזען אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן „די טענצערין". די פּיעסע איז אַ גוטע, זי האָט הענט און פיס. אין איר זיינען אַלע לעבעדיקע, אינטערעסאַנטע מענטשן. די פּיעסע איז ניט אַזוי געבויט, אַז די גאַנצע אינטערעס אירער זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף איין פּערזאָן. געשפּילט געוואָרן איז די פּיעסע אַזוי, אַז דעם צענטער פון דער בינע פאַרנעמט די טענצערין, און אַלע אַרום איר זיינען בלויז שאָטנס, און דאָס גיט דעם צושויער אַ פאַלשן באַגריף פון דעם אינהאַלט און דעם געדאַנק פון דער פּיעסע. דער העלד פון דער פּיעסע איז די קינסטלער־וועלט מיט אַלע אירע פריידן און ליידן, אָבער די קינסטלער־וועלט איז בשום אופן ניט פאַרקערפּערט אין דער טענצערין. די טענצערין איז בלויז אַן אינסטרומענט אויף וועלכן אַ פיל גרעסע־ער קינסטלער שפּילט. דאָס איז איר טאַנצמייסטער, דער סאַמע קוואַל, די נשמה פון דער קונסט פון דער טענצערין. די טענצערין איז מער מענטש ווי קינסטלערין. איר קונסט איז ניט אַזוי דער אויסדרוק פון איר אינערלעכן וועזן, ווי דער אויסדרוק פון איר לערער, פון איר טאַנצמייסטער. פאַר אים איז די קונסט דאָס סאַמע לעבן. אָן דער קונסט איז דאָס לעבן פאַר אים קיין לעבן ניט. ער לעבט און אָטעמט מיט דער קונסט. ער איז פול מיט אידעען און פּלענער. די טענצערין איז פאַר אים דער אינסטרומענט אויף וועלכן ער שפּילט לויט זיינע געדאַנקען און איינפּעלע.

די טענצערין, פאַרקערט, געהערט מער צום לעבן ווי צו דער קונסט. די קונסט איז ביי איר מער אַ מיטל צום לעבן, צו גענוס, ווי זעלבסטצוועק, און הערט זי אויף צו געפינען איר פאַרגניגן אין די רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן, אין דער אַלגעמיינער פאַרערונג און באַוווּנדערונג, איז ביי איר רעכט צוצעגטן זיך מיט דער קונסט. איר נשמה געהערט ניט צו דער קונסט. וואָס זי וויל, איז לעבן, און קאָן דאָס לעבן ניט גיין האַנט אין האַנט מיט דער קונסט, איז זי באַרייט אויפצואָפּפערן די קונסט צוליב דעם לעבן.

דאָ האָבן מיר, אַלזאָ, פאַר זיך, צוויי מענטשן פון וועלכע דער טאַנצמייסטער, דער אמתער קינסטלער, דאַרף אונדז זיין פיל, פיל מער סימפּאַטיש ווי די טענצערקע. און דאָך לויט [ווי] די דאָזיקע קאָמעדיע ווערט געשפּילט, פאַרנעמט דעם צענטר פון דער בינע די טענצערקע און דער טאַנצמייסטער בלייבט די גאַנצע צייט אַ גאַנץ בלאַסע פיגור. מיר ווייסן ניט צי דאָס איז דערפאַר, ווייל ה' שאַכט, וואָס שפּילט דעם טאַנצמייסטער, האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין זיין ראָלע, צי דאָס איז אַבזיכטלעך געטאָן געוואָרן כדי געבן אַלץ אַ בעסער געלעגנהייט דער נייער יידיש־גוייִשער אַקטריסע זיך אויסצוצייכענען מיט איר שפּילן, אָבער דער געדאַנק פון דער קאָמעדיע ליידט פון דעם זייער שטאַרק. אויב אונדזער לעצטע השערה איז ריכטיק, ד. ה., אויב אונדזער שאַכט האָט אַבזיכטלעך געשפּילט זיין ראָלע גאַנץ בלאַס כדי מאַדאַם זשעני וואַליער זאָל וואָס מער שיינען, האָט ער געמאַכט אַ גרויסן טעות, ווייל ווי גוט זשעני וואַליער האָט געשפּילט, וואָלט איר שפּילן נאָך פיל מער געווונען פון אַ טאַלענטפולן און שטאַרקן





מיטשפּילן, אַזוי האָט זי געמוזט די גאַנצע לאַסט פון דער פּיעסע טראָגן אויף זיך, וואָס דאָס איז איר בשום אופן ניט געלונגען. דעם זעלבן פעלער האָט געמאַכט הער שוואַרץ אין זיין ראָלע פון דער טענצערינס געליבטן. מיר האָבן אים נאָך קיינמאָל ניט געזען שפּילן אַזוי בלאַס, אַזוי פאַרבלאָז ווי אין דער ראָלע, און דאָסזעלבע מיט אַלע איבריקע אַקטיאָרן. זיי האָבן זיך אַזוי ווי געשעמט צו שפּילן זייער בעסט אין דער אָנוועזנהייט פון דער קינסטלערין זשעני וואַליער, און מיט דעם האָבן זיי ניט געטאָן קיין טובה ניט דער פּיעסע און ניט דער קינסטלערין.

גוסטאַוו שאַכט, וואָס האָט באַדאַרפט שפּילן די ראָלע פון דעם מאַרטירער פון קונסט, האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס זעט נאָר אין דער קינסטלערין אַ קוואַל פון פרנסה, אַזוי, דאָס עס איז געווען שווער צו אונטערשיידן צווישן אים און דעם דירעקטאָר פאַר וועמען די קונסט איז בלויז אַ ביזנעס. שוואַרץ, וועלכער האָט באַדאַרפט שפּילן די ראָלע פון דעם מענטש, וואָס שטייט אויסער דער קינסטלער־וועלט, און וואָס ציט די קינסטלערין נאָר דערפאַר, ווייל די קונסט־וועלט איז אים גענצלעך פרעמד, ווייל אין די אויגן פון דער טענצערין איז ער דער ערשטער נאַטירלעכער מענטש אָן שמינקע, שפּילט מער אַ קוני־לעמעל אין זיינע ערשטע פאַר אויפטריטן און דאַן גלאַט אַ סאַמאַדור. עס איז קלאָר, אַז ער האָט זיך אין זיין ראָלע ניט אַריינגעטראַכט.

מאַדאַם זילבערט, וואָס שפּילט די ראָלע פון דער געוועזענער טענצערין, איז אויך ניט אַזוי גוט ווי מיר האָבן איר געזען אין אַנדערע ראָלן. זי פילט זיך אַזוי מאָדנע פרעמד אין איר ראָלע, אַז עס איז שווער צו פאַרשטיין וואָרעם זי און די טענצערין זיינען אַזעלכע גוטע פריינדינס. עס איז, דאַכט זיך, דאָ אַזוי ווייניק געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיי. פון די אַנדערע אַקטיאָרן איז שוין גאָרניט דאָ וואָס צו ריידן. זיי שפּילן אַלע בלויז די ראָלע פון סטאַטיסטן. אָבער, ניט אַכטנדיק אויף דעם גרויסן פעלער, דאָך די פּיעסע אַליין, געשריבן פון אַן אמתן קינסטלער, פון אַ מענטשן מיט אַ נשמה און דאָס שפּילן פון דעם גאַסט זשעני וואַליער, וועלכע האָט זיך אויסגעלערנט אַ גאַנץ נישקשהדיקן יידיש, זיינען מכפּר אויף אַלעס, און מיר האָבן געפילט אַן אמת גרויסן גייסטיקן גענוס דעם אָוונט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין אירווינג פּלייס טעאַטער.

מיר האַלטן פאַר כמעט ווי איבריק דאָ איבערצוגעבן דעם ספּור המעשה פון דער פּיעסע. ערשטנס, האָט דער לעזער שוין געקאָנט זיך אָנשטויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ „טענצערקע", אַ גרויסע קינסטלערין, וועלכע וויל זיך אָפּרייסן פון איר קונסט־לעבן און מיינט, אַז זי קאָן געפינען איר אמתן גליק אין די אָרעמס פון איר געליבטן. סוף כל סוף מוז זי זיך צוריקקערן צו איר קונסט און פאָדערט די אויפאָפּפערונג פון דעם פּערזענלעכן גליק, וואָס אַ געוויינלעכער מענטש קאָן געניסן אויסער דער קונסט. עס קומט אויס, אַז פאַרן קינסטלער מוז די קונסט זיין אַלעס: פריינט, געליבטע, וואָרעם די קונסט איז אייפערזיכטיק. זיי וויל ניט האָבן קיינע נעבנבולער [קאָנקורענטן] צו זיך. פון דער אַנדערער זייט האָט דער פאַרפאַסער זייער שאַרף און מיט אמתער קונסט געמאָלן פאַר אונדז די שיכות פון דער פיליסטער־וועלט צו דער קונסט. קונסט איז פאַר די דאָזיקע וועלט די פאַרקערפּערונג פון זינד, פון שאַנדע און אויסגעלאַסנהייט. קונסט אין אירע אויגן איז נאָר אַ מיטל ווי זיך בעסער צו פאַרקויפן.

נאָך אַ שײנעם שטריך אין דער קאָמעדיע איז דער פּאַראַזיטענטום, װאָס דרײט זיך אַרום די [דער] קונסט־װעלט. דאָס איז ניט שטאַרק אַרױסגעבראַכט געװאָרן דורך דאָס שװאַכע שפּילן, אָבער פונדעסטװעגן איז עס גאַנץ גוט קענטיק. מיט נאָך און נאָך שײנע קינסטלערישע שטריכן, געדאַנקען און געפילן, איז פול די קאָמעדיע, אָבער מיר קאָנען זײ אַלע ניט אױסרעכענען. אַ חוץ דעם װעלן זײ געװיס ניט געבן אונדזערע לעזער דעם גענוס, װאָס זײ קאָנען האָבן װען זײ װעלן אַלײן זען די פּיעסע. עס איז אױך אַ גענוס צו זען װאַליערן שפּילן. לױט אירע יאָרן און דעם זײער ניט־געראָטענעם גרים אירן, שאַפט זי ניט די אילוזיע פון איר מאַגנעטישער װירקונג אױף איר נאַיװן געליבטן, װעלכער פאַרליבט זיך אין איר פון דער ערשטער באַגעגניש אין עפּעס אַ רעסטאָראַנט. אָבער װען זי שפּילט, פאַרגעסט מען אָן איר ניט־געראָטענעם גרים, אָן דעם, װאָס זי איז שױן ניט אַזױ יונג, און מען זעט פאַר זיך אַ מענטשן, װאָס לײדט, װאָס ליבט װי נאָר אַ מענטש מיט אַ גרױסער נשמה קאָן ליבן. זי שפּילט מיט יעדן אבר פון איר גוף, מיט יעדן מוסקול פון איר פּנים, מיט יעדער באַװעגונג אירער. זי איז געװיס אײנע פון די בעסערע אַקטריסעס אױף דער בינע. זי האָט אַ מאַסע אינטעליגענץ, טעמפּעראַמענט, פאָרשטעלונגס־קראַפט. זי איז אַ גרױסער געװינס פאַר די [דער] ייִדישע[ר] בינע אױב זי װעט אױף איר בלײבן. און הער שװאַרץ קומט װירקלעך אַ דאַנק, אַ גרױסן דאַנק פון דעם ייִדישן טעאַטערגײער, דערפאַר װאָס ער האָט איר אַנטדעקט פאַר די [דער] ייִדישער בינע".

## „גאָט, מענטש און טײװל"

**דעם 6 נאָװעמבער 1918 װערט אױפגעפירט גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײװל" מיט אברהם טײטעלבױם אַלס „הערשעלע דובראָװנער".**



יעקב גאָרדין
מחבר



אברהם טײטעלבױם
שױשפּילער

**ב. גאָרין שרײבט:**

„לעצטן דאָנערשטיק אָװנט האָט מאָריס שװאַרץ, דער דירעקטאָר פון „אירװינג פּלײס טעאַטער" אונדז מכבד געװען מיט אַ נײעם הערשעלע דובראָװנער. די ראָלע פון „הערשעלע" האָט געשפּילט אַברהם טײטעלבױם, װעלכער איז די טעג געקומען פון רוסלאַנד. דער טעאַטער איז צו דער פאָרשטעלונג געװען געפּאַקט און איבערגעפּאַקט, און פאַרטראָטן איז געװען ניט נאָר די פּרעס,



נאָר אױך די פּראָפעסיע. מען קאָן זאָגן, אַז יעדער אַקטיאָר און יעדע אַקטריסע, װעלכע האָבן ניט געשפּילט דעם אָװנט, זײנען געװען בײ דער פאָרשטעלונג. עס זײנען אַפילו געװען עטלעכע מענעדזשערס פון אַנדערע טעאַטערס. די ייִדישע בינע אין אַמעריקע נײטיקט זיך אין מער ײנגערע טאַלענטן און מען קוקט אױף זײ אױס די אױגן, און דער עולם האָט מיט גרױס געשפּאַנטקײט געװאַרט אױף דעם נײעם „הערשעלע".

אין ערשטן אַקט איז טײטעלבױמס שפּילן געװען זײער בלײך, הגם ער האָט אַרױסגעװיזן אַ שײנע האַלטונג. אין צװײטן אַקט האָט ער געװוּנען מער חן בײם גרױסן עולם און מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט. צום דריטן אַקט האָט מען אים פאַרשאָטן מיט בלומען־קראַנצן, נאָר די קראַנצן זײנען שױן געװען אָנגעגרײט פון פריער. טײטעלבױמס „הערשעלע" איז אַ װײכערער זײדענער ײד װי מען איז געװױנט צו זען בײ אונדז. דאָס הײסט, זײן אױסזען, זײן דבור, זײן האַלטונג, זײנע תנועות זײנען װײכערע. דערצו האָט ער דעם ייִדישן בײג פון דער האַנט, די אמתע ייִדישע תנועה, דאָס הײסט פון דעם אױסגעװײקטן ייִדישן לעבן, און װען אַפילו ער פאַרײסט דעם קאָפּ און ער שטײט מיטן פּנים צו אײך און איר זעט בײם קינבאַק די סמנים פון דעם ראַזיר־מעסער דאָרטן װוּ די צוגעקלעבטע באָרד דערגרײכט ניט, צװײפלט איר אַפילו אײן מינוט ניט, אַז דאָס איז אַ פרומער ײד און די באָרד איז זײנע און אין דעם שטרײמל איז ער אױסגעװאַקסן. און אפשר טאַקע צוליב דער דאָזיקער איבריקער װײכקײט און זײדנקײט איז הערשעלע אַרױסגעקומען אין צװײטן און דריטן אַקט גיכער אַ היפּאָקריט װי אַ קרבן פון דעם שטן, אַ היפּאָקריט ניט קעגן מענטשן, נאָר קעגן זײן אײגענעם גאָט און זיך אַלײן, און דעריבער איז טײטעלבױמס הערשעלע גײסטיק אַרױסגעקומען אַ קאַרליק, אַ קלײן מענטשעלע, און דאָס איז בשום אופן ניט געװען די כונה פון דעם פאַרפאַסער. אין אַלע זײנע נידערטרעכטיקײטן װאָס הערשעלע טוט אָפּ, איז ער אַלײן ניט מער װי אַ קרבן. דער שטן האָט אים אין די הענט און הערשעלע קומט אים ניט אַנטקעגן, נאָר, פאַרקערט, ער באָרעט זיך קעגן אים, נאָר יענער איז מעכטיקער פון אים און שטופּט אים אױפן גליטש, און דאָס האָט זיך ניט אַרױסגעגעבן אין טײטעלבױמס אױפפאַסונג פון דעם כאַראַקטער.

עס פאַרשטײט זיך, אַז אַ שױשפּילער קאָן זיך ערלױבן צו מאַכן זײן אײגענע אױפפאַסונג פון אַ כאַראַקטער און אױסטײטשן אים װי ער פאַרשטײט, נאָר „גאָט, מענטש און טײװל" איז אַ טראַגעדיע, און אױב הערשעלע קומט גײסטיק אַרױס אַ קלײן מענטשעלע, פאַרלירט די דראַמע איר װערט בײם צושױער. װאָס איז שײך הערשעלעס אױסערלעכן פּנים װערט ער בכלל ניט ריכטיק אױפגעפּאַסט. הערשעלע איז ניט קײן רבי און ניט קײן רב. ער איז ניט מער װי אַן אָרעמער פרומער כשרער סופר אין אַ קלײן ליטװיש שטעטל. ער דאַרף ניט טראָגן קײן שטרײמל און ניט קײן אַטלעסענע קאַפּאָטע, סײדן זי איז שױן געל געװאָרן פון לאַנגע יאָרן און ער טאָר אװדאי ניט האָבן אַזאַ אױסגעכאַליעט בערדל, דאָס אַלץ גײט ניט מיט דעם שטאַנד און מיט דער אָרעמקײט און דער שרעקלעכער דחקות פון אַ סופר. טײטעלבױם מאַכט דעם אײנדרוק פון אַן אינטעליגענטן אַקטיאָר. ער איז זײער מענטשלעך אין שפּילן, און איך גלײב, אַז אױב ער װעט ערשײנען אין לעבעדיקע ראָלן פון געװײנלעכע בשר ודמס, װעט ער זיך מער אױסצײכענען. מיט אונדזער איצטיקן איבערגאַנג צו מענטשלעכע פּיעסן אין

געוויסע טעאַטערס נייטיקן מיר זיך זייער אין יונגע אינטעליגענטע אַקטיאָרן, וואָס קאָנען שפּילן מענטשלעך.

די ראָל פון „אוריאל מזיק“ האָט געשפּילט מאָריס שוואַרץ און ער איז געווען אויסגעהאַלטן פון אָנהייב ביזן סוף. טײוּוליש קלוג, מאַיעסטעטיש רויִק און דערצו גוט גרימירט. בערטאַ גערסטען האָט געמאַכט אַ שיינע „פריידעניו“. אין ערשטן אַקט ווען זי ווייזט אַרויס די באַגייסטערונג פאַר הערשעלעס שפּילן, מערקט זיך אַן איבערגעטריבנקייט, און אין דריטן אַקט ווען זי וויינט אויפן קול, האָט זי געדאַרפט אָננעמען אַן אַנדערן טאָן. דער יאָמער קומט אַרויס דערזעלביקער ווי אין „דעם שמידס טעכטער“ ווען זי וויינט, און אויב דאָרטן איז ער געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ קאָמעדיע, איז ער ניט צוגעפּאַסט דאָ. גוט איז זי געווען אין דעם צווייטן אַקט ביי דער סצענע ווען הערשעלע ערקלערט זיין ווייב, אַז זיי דאַרפן זיך גטן. מרס. זילבערט אַלס „פּעסעניו“ איז געווען גוט אין דער דראַמאַטישער סצענע פאַרן שלוס פון דעם צווייטן אַקט. מר. סקאָלניק אַלס „בדחן“ האָט ניט גוט אַרויסגעבראַכט דעם מענטשן און דעם אַרטיסט, וואָס שטעקט אין דעם בדחן. מרס. פערקויף אַלס „דאָבע“ איז געווען דיזעלבע שטענדיקע מאַמע. שאַכט איז געווען גאַנץ גוט אַלס „כאַצקל דראַכמע“, אפשר אַ ביסל צו אידל. דובינסקי האָט געהאַט גאָר אַ קליינע ראָל, די ראָל פון „מאָטעלע“ און האָט געשפּילט גאַנץ גוט. מרס. האָלענדער אַלס די שטיפערישע „ציפּעניו“ האָט געדאַרפט זיין אַ ביסל מער רייעוודיקער אין די ערשטע צוויי אַקטן, נאָר וואַרשיינלעך שפּילט זי דאָס ערשטע מאָל אין דער דאָזיקער ראָל. זי איז געווען גוט צום ‚באַזעצענס‘.“

## ישראל דער יענקי שרייבט:

„דער אַרטיסט, וואָס האָט „געוואַגט“ גלייך ביי זיין ערשטן אַרויספאָר צו נעמען אַזאַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע ווי „הערשעלע דובראָוונער“, ווייסנדיק פון פריער, אַז דיזע ראָלע האָט באַקליידט איינער פון די גרעסטע יידישע אַרטיסטן — דייוויד קעסלער, איז אַברהם טייטעלבוים, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען אַהער פון ווילנע, און די נייגיריקייט צו זען אַזאַ מין „געוואַגטקייט“ איז טאַקע געווען זייער גרויס, און ניט נאָר זיינען צו דער פאָרשטעלונג געקומען אַלע „פּאַטענטירטע מבינים“ פון דער אַמעריקאַנער־יידישער ליטעראַטור נאָר אויך די מייסטע פון די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן נערוועז געהיט יעדע באַוועגונג, יעדן ריר פון זייער נייעם קאָלעגע. עס האָט אין טעאַטער געהערשט אַן איינמוטיקע אָנגשטרענגטקייט, און דער זעלבער גייסט האָט זיך אויך געפילט אויף דער בינע. אַ מין פּראָבע איז דאָס געווען, אַ מין עקזאַמען, וועלכן דער נייער אַקטיאָר האָט געדאַרפט דורכגיין און עס איז ניט איבריק פריילעך זיך צו געפינען אין אַזאַ לאַגע. אַן אַרטיסט אָבער איז שוין געווינט צו אַזעלכע זאַכן; די ערשטע אַנגסט אַריבער, גייט עס דערנאָך.

עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדנס פּנים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זייער קאָליר־פאַרקרומטן פראַגע־צייכן און אַלע אויגן האָבן צווישן די אַקטן געקוקט מיט זשעדנע נייגעריקייט צו די אומגליקלעכע קריטיקער, די באַצאָלטע און ניט־באַצאָלטע מבינים, צו די אָפיציעלע און ניט־אָפיציעלע ריכטער פון דער טעאַטער־קונסט. אַן אייגענע מיינונג האָט מען מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן. „וואַרט, גיט אים נאָך צייט. ער איז דערווייל נאָך נערוועז. מען קאָן דערווייל נאָך גאָרניט זאָגן“ — האָט מען פון אַלע זייטן געהערט, ווייל אויך די מבינים זיינען דאָ געווען אויף פּראָבע, אויף אַן עקזאַמען.





יעקב גאָרדין האָט מערסטנס געשאַפן דאָס וואָס מען רופט „טיפּן“, ניט קיין כאַראַקטערע, און הערשעלע דובראָוונער איז איינע פון די ווייניקע כאַראַקטערע, וואָס גאָרדין האָט פּרובירט צו שאַפן, און אַ כאַראַקטער, אַן אינדיווידואַליטעט, איז זייער אַ פּילפאַכע זאַך און מען דאַרף דאָס קאָנען אויפפאַסן. הערשעלע דובראָוונער קאָן פון פאַרשיידענע אַרטיסטן אויפגעפאַסט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים. איינער קאָן אין אים זען אַ מענטשן, וואָס



מאָריס שוואַרץ
אַלס „אוריאל מזיק“

איז שיינבאַר רויִק און אין וועמען אַלע ליידנשאַפטן זיינען געווען ווי פאַרשלאָסן און דערנאָך האָבן זיי מיט אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט און האָבן אים אויך אַליין אינגאַנצן פאַרדעקט, אַזוי, אַז ער האָט געמוזט מאַכן אַ סוף פון אַלעס און פון זיך אַליין אויך. מען האָט דעם דאָזיקן כאַראַקטער אויך געקאָנט אויפפאַסן אַלס אַן אומשולדיקע ריינע נשמה אויף וועלכע עס איז אויסגעגאָסן אַ צאָרן און וויפל ער האָט געקעמפט דאַקעגן, האָט ער זיך ניט געקאָנט רעטן; אַ קרבן פון אומשטאַנדן, פּונקט ווי אַ קליין שטעטל, וואָס ווערט אָפּגעווישט פון אַ גרויסער פאַרפלייצונג. מען קאָן אים אויך באַגרייפן אַלס איינעם פון די מיטלמעסיקייטן, וואָס זינדיקן ניט, ווייל עס מאַכט זיך זיי ניט די געלעגנהייט, און זינדיקן יאָ אַזוי שנעל ווי די געלעגנהייט מאַכט זיך זיי יאָ.

דייוויד קעסלער קאָן מען זען קלאָר, אַז ער האָט געכאַפּט די ערשטע אויפפאַסונג, און ווען מען זעט טייטעלבוימען, מוז מען זען נאָך קלאָרער, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין דער צווייטער. דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער, אַז יעדע פון דיזע צוויי באַזונדערע אויפפאַסונגען און אויך די דריטע, זיינען פאַלש, ווייל דער לעבעדיקער הערשעלע דובראָוונער איז ביידע אָדער אַלע דריי צוזאַמען, און אפשר נאָך מיט אַ היבשן צוגאָב פון אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן. נאָך מער, קעסלער פירט די ערשטע אויפפאַסונג אויס מיט גרויס טאַלענט, כמעט פעלערלויז. און טייטעלבוים צייגט אין דעם צווייטן סאָרט אויפפאַסונג ניט אַרויס קיין באַזונדערע גאונות און ברענגט נאָר מיט זיך מיט אַ היבשן פּעקל מיט אומפאַרציילעכע פעלערן. שוין ביי זיין אויפטריט טויג ניט זיין באָרד, וועלכע איז צימלעך רויט. פאַראַן אַ פאָרורטייל, אַז אַ רויטער מענטש איז אַ שלעכטער. די גאַנצע פּיעסע איז געבויט אויף אַ פאָלקס־פאָרורטייל — אַ קאַמף צווישן גוטן און שלעכטן, צווישן יצר הרע און יצר טוב, כאָטש אַ לעבעדיקער מענטש באַשטייט פון ביידע צונויפגעפּאָרטע, אין צווייען געבונדן, און קיין איינצלנער פון זיי זיכער ניט. עס איז דעריבער גענוג אַן אַנדער פאָלקס פאָרורטייל, אַז ער זאָל מאַכן אַ תל פון דער גאַנצער געשיכטע. אַפילו ווען גאָרדין זאָל הייסן הערשעלען זיין אַ רויטער, טאָר דער אַרטיסט דאָס ניט זיין, ווייל ער צייגט דער־

מיט אַרויס, אַז ער ערוואַרטעט פון פריער, אַז דער ניט־גוטער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין זיין האַרצן, אין זיין לעבן, און זאָל פון אים מאַכן דאָס וואָס דאָס פאָלק ערוואַרטעט, אַז אַ רויטער איז...

טייטעלבוים שטעלט אויך פאַר אַ צו יונגן הערשעלע. דאָס הייסט, אַז אַפילו ווען דער יצר טוב פאַרשפּילט, האָט ער געוווּנען, ווייל וואָס איז דאָ די קונץ וואָס ער כאַפּט אַ יונגערמאַנטשיק און פאַרדרייט אים דעם קאָפּ? דער יצר טוב קאָן זאָגן צום טייוול אַ טענה בזה הלשון [אָט אַזוי]: „אַ גליק, דו האָסט געכאַפּט טייטעלבוימען, האָסטו אויסגעפירט, דאָס איז נאָך ניט קיין געפּרוווּטער מענטש. אַ יונג ביימל, מען קאָן עס בייגן. אָט נעם טאַקע דעםווירקלעכן הערשעלע דובראָוונער, וועסטו זען ווי דו וועסט מיט אים גאָרניט מאַכן".

קעסלער גיט אַ מער דראַמאַטישן דובראָוונער און טייטעלבוים אַ מער פּראָסטן, איינפאַכן, פּשוטן. נאָך אַלעמען איז הערשעלע ניט אבי ווער. אַ מענטש, וואָס מאַכט אַזוי פיל דורך און באַזיגט דאָך דעם טייוול, איז אַ גרויסער מענטש, און בלויז דורך העכסט דראַמאַטישן שפּילן קאָן די דאָזיקע מעלה אַרויסגעבראַכט ווערן, קאָן מען זען די נשמה פון אַ הערשעלע, כאָטש עס איז פאַראַן דאָס געפאַר, אַז אין דראַמאַטישן שפּילן זאָל מען אויך אַריינפאַלן אין מעלאָדראַמע, אָבער די פּשוטקייט אין שפּילן, ווערנד זי איז אמתער און נענטער צום לעבן, לאָזט זי אָבער פאַרפאַלן די נשמה פונם מענטשן, וועלכע דער צושויער אַליין קאָן זי זיך ניט פאָרשטעלן, סיידן מען ציגט זי אים.

און ווידער דאָס ציטערן! וואָס ציטערט ער אַזוי טייטעלבוים? כמעט דעם גאַנצן צווייטן אַקט ציטערט ער. פאַראַן מענטשן, וואָס מאַכן גוואַלדן ווען עס טוט זיי וויי, וואָס מאַכן פון זיך אַ גרויסן ווען. זיי זיינען שטאַרק עמפּינדלעך, זיי טראָגן אַ גרויסן גלאָק אין דער האַנט און פאַרקלינגען די וועלט מיט זייער וויי און שמערץ. און ווידער פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן אייך וועגן זייער שמערץ לאָזן וויסן בלויז מיט אַ היימוטיקער מינע, מיט אַ ריר, מיט אַן אָנצוהערעניש פיליכט, און הערשעלע איז געוויס פון דעם צווייטן מין. היינט צו וואָס באַנוצט טייטעלבוים אַזאַ גרויסן גלאָק, וואָס פאַרקינדיקט צו דער וועלט, אַז ער קאָן פון פיבער ניט אַרויס? אַ חוץ דעם גיט ער אָפּט אין דער ציטערניש אַ קרים דאָס מויל. פאַרוואָס? הערשעלע איז ניט קיין פּאַראַליטיקער. בלויז אין דריטן אַקט האָט איר פאַר זיך אַ שטיקל פונם „פאַרדאָרבענעם" הערשעלע. דער טייוול האָט שוין דאָ זיין גאַנצע אַרבעט אויף אַ ווייל אויסגעפירט און הערשעלע איז אַ פּאַרטיקער, אָבער דער פּראָצעס ווי אַזוי ער ווערט אַ פּאַרטיקער ווערט פון טייטעלבוימען פאַרטראָגן אין טייוולס נעסט, אין שאול תחתיה. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז טייטעלבוים האָט טאַלענט, אַן אויסגעצייכנטע פיגור, אַ קלאָרן דיבור, און אַז ער רעדט אַ שיינעם, געזונטן יידיש, אָבער אַפילו אַלע פיר צוזאַמענגענומען זיינען נאָך ניט קיין הערשעלע דובראָוונער, כאָטש אַ יוניאָן־קאַרט זיינען זיי געוויס ווערט...

מאָריס שוואַרץ האָט זיך דיזן אָוונט געספּראַוועט באַזונדערס גוט מיט דער ראָל פון אוריאל מזיק, אַ חוץ ווען ער שפּילט דעם טייוול און לויפט אָפּ פון דער בינע צום סוף פון פּראָלאָג. אויב דער טייוול ליגט דאָרט אין זיין שלאַנגישער נעסט, אין דער טייוולישער בודקע זיינער, און פון דאָרט רעדט ער צום הימל די גאַנצע צייט און אַרויסגיין גייט ער ניט, צו וואָס גייט ער אַרויס צום סוף? קאָן ער ניט ליגן דאָרט ביז דער פאָרהאַנג פאַלט? נאָך בעסער וואָלט פיליכט געווען דער עפעקט, אַז די ערד זאָל אים פאַרשלינגען, אָדער בלייבן אין דער בודקע וואָלט אויך געווען גענוג. בערטאַ גערסטען מיט איר פריידעניו דריקט מיט איר פּנים אויס מער געוויין און טרויער ווי טרוימערישע מעלאַנכאָליע, ווי די ראָל פאָדערט, אָבער זי גיט דאָך אַ פריידעניו. שאַכט האָט געשפּילט כאַצקל דראַכמע, און דווקא אַן אייגענעם, ניט ווי בלאַנק האָט אים אַוועקגעשטעלט, און מען קאָן זיך מיט זיין דראַכמע אויך ניט סמן. ער פּאַסט דעם טיפּ אויף ריכטיק, טראָץ דעם וואָס ער לייגט אין אים ניט אַריין אַזויפיל „טרימינגס" [באַפּוצונגען] ווי בלאַנק. מ. סקאָלניק איז אַ צימלעך לייזער בדחן אין פאַרגלייך מיט זיינע געניאַלע פאָרגענגער — טאָרנבערג און מאָגולעסקאָ, אָבער אינגאַנצן שלעכט שפּילט ער ניט. מ. לובינסקיס גאָטעל איז שוין צו אַ נאַיווער. ער איז מער אַן איבערגעוואַקסענער חדר־יינגל אײדער אַ חתן. חנה האָלענדער גיט אַן אויסערגעוויינלעך לעבעדיקע ציפּעניו און זי איז העכסט נאַטירלעך ווען זי באַגעגנט זיך ווידער מיט פריידעניו; אַ סצענע אין וועלכער אַלע בעפאָר איר האָבן פיל מעלאָדראַמע אַריינגעגעבן און אַ סך איבערטריבן. מאַדאַם זילבערט שפּילט אַ גאַנץ גלאַטע פּעסעניו און כמעט דאָסזעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן מאַד. פּערקויף אַלט דזשבע. אין אַלגעמיין איז דאָס ניט געווען קיין „גאַנץ נייע אויפפירונג" ווי מאָריס שוואַרץ אַדווערטייזט זי. אויב זי איז גאַנץ, איז זי ניט ניי, און אויב זי איז ניי, איז זי גאַנץ געוויס ניט"...

### הלל ראָגאָף שרייבט:

„דער אַקטיאָר טייטעלבוים, וועלכער איז ערשט געקומען פון וואַרשע, האָט זיין ערשטן אויפטריט אויך געמוזט מאַכן אין אַ מיטן וואָך. ער האָט געשפּילט „הערשעלע דובראָוונער" אין „גאָט, מענטש און טייוול". דיזע פאָרשטעלונג איז געווען העכסט אינטערעסאַנט דערפאַר וואָס נייע אַקטיאָרן, כמעט אַלע יונגע, זיינען אויפגעטראָטן אין די אַלטע ראָלן. דאָס פּובליקום האָט זיכער געדענקט פריערדיקע שפּילן אין די ראָלן, און ניט ווילנדיק האָט מען געמוזט פאַרגלייכן די אַלטע מיט די נייע.

טייטעלבוים האָט די ראָלע פון הערשעלע אויפגעפאַסט פּונקט פאַרקערט ווי קעסלער האָט זי צום ערשטן אויפגעפירט. ביי קעסלערן קומט הערשעלע אַרויס אַ פרומער, אָבער אַ שטאָלצער מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, מיט ווירדע און מיט טיפע ליידנשאַפטן. ביי טייטעלבוימען קומט ער אַרויס אַ שוואַכער מענטשעלע, אַ שרעקעוודיקער ייד, אָן אַ ווילן און אָן כאַראַקטער. אַ מענטש, וואָס ציטערט פאַר זיין אייגענעם שאָטן, אַ מענטש, וועמען די ערוועקטע ליידנשאַפט וואַרפט אין אַ טויט־שרעק. מיר מיינען, אַז קעסלער איז פיל נענטער צום אמת ווי טייטעלבוים. צוליב אַזאַ נפש ווי טייטעלבוימס הערשעלע וואָלט אין הימל צווישן גאָט און טייוול קיין ויכוח ניט פאָרגעקומען. צוליב אַזאַ צעקראָכענעם מענטשן וואָלט זיך גאָט ניט פאַרמאָסטן מיטן טייוול. הערשעלע דאַרף זיין אַ מאָדערנער איוב, וועלכער איז באַרירט צייטווייליק פון די מענטשלעכע ליידנשאַפטן. טייטעלבוימס הערשעלע איז דאָס בשום אופן ניט, אָבער אַ טיפּ שאַפט טייטעלבוים. ער פירט אים דורך ניט שלעכט. ער שפּילט אָן „קונצן", אָן טעאַטראַלע „שטיק". דאָס יידישע בינע קאָן האָפן צו האָבן אין אים אַ גוטע קראַפט.

שוואַרץ אין די ראָלע פון אוריאל מזיק איז געווען אַן אמתע איבעראַשונג. ער האָט ווייט איבערטראָפן דעם טעאַטראַלן טיפּ, וואָס מאַשקאָוויטש האָט געשאַפן. ער איז אַ ייד מיט די ביינער, אין אַ טייוול מיט די ביינער. ער האָט די ראָלע אַזוי מייסטערהאַפט געשפּילט, אַז ער האָט געוווּנען ניט בלויז די אויפמערקזאַמ־

קייט, נאָר זאָגאַר די סימפּאַטיע פון עולם און דאָס איז איינע פון די העכסטע קאָמפּלימענטן אויף וועלכן אַן אַקטיאָר קאָן האָפן. אַנגענעם און נאַטירלעך האָט אויך געשפּילט שקורניק [מנשה סקולניק] די ראָלע פון לייזער בדחן. דאָסזעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן שאַכטן אין דער ראָלע פון כאַצקל דראַכמע. מיס גערסטען אַלס עטעניו און מרס. האָלענדער אַלס ציפּעניו זיינען ניט געווען געראָטן".

## „די וואַרהייט"

**דעם 12 נאָוועמבער 1919 ווערט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס „די וואַרהייט", אַ פּיעסע פון אַלטן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. קיין רעצענזיע איז אין דער פּרעסע וועגן דעם ניט געווען.**

## „אויפן אָפּגרונט"

**דעם 25 דעצעמבער 1919 ווערט א'ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „אויפן אָפּגרונט" פון מאַקסים גאָרקי, איבערזעצט פון מאַרק שווייד.**



לייזע זילבערט
שוישפּילערין



מאַקסים גאָרקי
מחבר

### א. פ־ן [פרומקין] שרייבט:

„מיט דעם איינדרוק פון אַמאָל [דער שרייבער האָט מיט יאָרן צוריק געזען די פּיעסע שפּילן אויף ענגליש און געהאַט דעם איינדרוק, אַז קיין בעסערע, אינטערעסאַנטערע פאָרשטעלונג דאַרף מען ניט] בין איך פאָריקן פרייטיק אין אָוונט געגאַנגען אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" זען דאָס דאָזיקע שטיק אין יידיש, אין אַ גוטער איבערזעצונג פון מאַרק שווייד, און איך בין געווען אַנטוישט. איך בין זיך מודה, אַז גאָרקיס ווערק האָט מיר דאָסמאָל אויסגעזען גאַנץ מאָנאָטאָן און איך האָב זיך היבש געלאַנגווייליקט. ווער איז שולדיק אין דעם? ניט די אַקטיאָרן חלילה... פאַרגליכן מיט דער פאָרשטעלונג, וועלכע איך האָב מיט יאָרן צוריק געזען אויף דער ענגלישער בינע, האָט די פאָרשטעלונג אין יידיש, אַזוי ווייט ווי מיין זכרון דינט מיר, געוויס ניט פאַרלאָרן, נאָר אין געוויסע פרטים נאָך אפשר געווונען. ... מיר דוכט זיך, אַז דעם טעות האָב איך דאַן געהאַט. דער אינטערעס אין גאָרקיס פּערזאָנען און די הנאה פון די קלוגע ווערטלעך, די פילאָזאָפישע באַמערקונגען און די קריטישע שאַרפע פיילן מיט וועלכע זיי וואַרפן זיך אַרום, דאָס איז, ווייזט אויס, דאַן געווען פאַר מיר ניי, און איך האָב ניט געזען, אַז „נאַ דניע" איז בלויז אַ גאַלערעע פון טיפּן, וואָס יעדער באַזונדער האָט געוויס עפּעס אינטערעסאַנטעס אין זיך, אָבער זיי הערן ריידן און זיי האָבן פאַר די אויגן גאַנצע פיר אַקטן נאָכאַנאַנד, קאָן מען נאָר ווען מען איז שטאַרק פאַרליבט אין זיי.



מאָריס שוואַרץ
אַלס „לוקאַ"

...פון די וואַרעמע אָוואַציעס, וואָס די שוישפּילער האָבן געקראָגן, איז קענטיק געווען, אַז דאָס שטיק האָט אויסגענומען ביים עולם, הגם עס זיינען געווען גאָר פילע, וועלכע זיינען געקומען וואַרשיינלעך צו זען עפּעס אַנדערש, ווי מר. שוואַרץ האָט באַמערקט אין די עטלעכע ווערטער, וועלכע ער האָט געהאַלטן צווישן דריטן און פערטן אַקט. ער האָט מיט רעכט פאַרגעהאַלטן די צושויער, וועלכע ווייסן ניט ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין אַ טעאַטער, וועלכע לאַכן דאָרט וווּ מען דאַרף ניט און שטערן דורכדעם אי די שוישפּילער אי די איבריקע צושויער, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פאָרשטעלונג ...אָבער אויב זיין ערוואַרטונג, אַז אין ניו־יאָרק זיינען דאָ טויזנטער און טויזנטער פון טעאַטער־גייער, וועלכע זוכן אַזעלכע פאָרשטעלונגען, זאָל ניט מקוים ווערן, דאַרף ער ניט זיין אַנטוישט. אויך מענטשן מיט אַ בעסערן געשמאַק, וועלכע זוכן ניט קיין לידל און קיין טענצל, קומען אין טעאַטער פאַרברענגען אַ פּאָר אָנגענעמע, אינטערעסאַנטע שטונדן, און זיי ווילן זיך ניט לאַנגווייליקן.

די אויפפירונג, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אין אַלגעמיין אַ גאַנץ גוטע. מאָריס שוואַרץ האָט זיך אויסגעקליבן די ראָלע פון דעם וואַנדערער לוקאַ און ער שפּילט זי אויף אַן אייגנטימלעכן און פלעצערווייז אינטערעסאַנטן אופן. ער שטעלט פאָר אַ גוטן, ליבהאַרציקן אַלטיטשקן, אָבער מיר דוכט, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער טיפּ, וואָס גאָרקי האָט געוואָלט ציייגן ... דער אַלטער, וואָס שוואַרץ שטעלט פאָר, זעט אויס צו נאַריש פאַר די חכמות, לעבנס־ווייזהייטן מיט וועלכע ער וואַרפט רעכטס און לינקס. אמת געלונגען איז דער טיפּ פון דעם אַקטיאָר, וואָס עס גיט אונדז דער נייער יונגער שוישפּילער אַברהם טייטעלבוים. ער פירט דורך די ראָלע מיט פולשטענדיקער אויסגעהאַלטנקייט. עס שיינט, אַז אין אַזעלכע כאַראַקטער־ראָלן איז ער ביי זיך אין דער היים. גאַנץ גוט איז אויך שאַכט אין דער ראָלע פון דעם קאָרטן־שפּילער, מאַרק שווייד אַלס „דער באַראָן", סאַמואילאָוו אַלס דער היטלמאַכער, טענענהאָלץ אַלס וואַסקאַ, ווייזענפריינד אַלס קאַסטילאָוו און מאַקס סקאָלניק אַלס דער שלאָסער. אַ זייער לעבעדיקן אַליאָשקאַ גיט דובינסקי. די איבריקע קלענערע מענער־ראָלן ווערן דורכגעפירט פון די הערן מאָגע, פערקויף און פישקינד. אין די פרויען־ראָלן צייכנט זיך באַזונדערס אויס מאַדאַם זילבערט אַלס וואַסיליסאַ, מאַדאַם בערטאַ גערסטען, וועלכע שפּילט די ראָלע פון דער שוועסטער נאַטאַשאַ, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ יידישע דאָרפס־מיידל און אירע היסטערישע געשרייען אין דריטן אַקט זיינען איבערטריבן. אַ גאַנץ סימפּאַטישע נאַסטיאַ גיט אונדז חנה האָ־

לענדער און מאַדאַם פּערקויף פירט גאַנץ לעבעדיק דורך די ראָלע פון דער הענדלערקע קוואַשניאַ. די אויסשטאַטונג פון דער בינע איז געמאַכט לויט אַ מוסטער פון דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער".

**אַב. קאַהאַן איז זייער צופרידן סיי פון שפּילן, סיי ווי אַזוי — על פּי רוב — יידישע אַרבעטער־עלעמענטן נעמען אויף די פּיעסע און דאָס שפּילן:**

„איך האָב געזען די פאָרשטעלונג פון גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט" אין שוואַרצס טעאַטער און בין מיט דער פּיעסע גוט באַקענט געווען, און דעם אמת זאָגנדיק האָב איך געצווייפלט אויב מען קאָן פון איר עפּעס מאַכן אויף דער יידישער בינע. איך מוז אָבער זאָגן, אַז מיין ערפאַרונג ביי דיזער פאָרשטעלונג איז פאַר מיר געווען זייער אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. דער אַרט ווי די פּיעסע ווערט געשפּילט און דער אינטערעס פון דעם פּובליקום מאַכט אַ טאָפּלטן גוטן איינדרוק. עס איז אַ קאָמפּלימענט פאַר די שוישפּילער אי פאַר אונדזער יידישער אַרבעטער פּובליקום (וואָרעם דער עולם איז הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען פון אַרבעטער). דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט און די אויפמערקזאַמקייט פון די אַנוועזנדע איז געווען אַ געשפּאַנטע. מיט דער אויסנאַמע פון אַ פּאָר שטעלן, ווו אייניקע האָבן געלאַכט דאָרטן ווו עס פּאַסט זיך ניט צו לאַכן און פון אַ פּאָר אַנדערע שטעלן ווו מען האָט אַפּלאָדירט ניט דעם אַקטיאָר נאָר די פּרינציפּן, וועלכע ער האָט אַרויסגערעדט, מיט דיזע אויסנאַמען האָבן די צוזעער געוויזן, אַז זיי שעצן אָפּ די העכערע מעלות פון דיזער פּיעסע און זיי געפינען אַ גייסטיקן פאַרגניגן אין איר. ניט ווילנדיק איז אַלע ווילע דורכגעפלויגן דער געדאַנק, וואָלט אַ מאַסע פון ניט־יידישע אַרבעטער געקומען זען אַזאַ פאָרשטעלונג?, און אויב שוין יאָ, וואָלטן זיי געקאָנט אָפּשאַצן און הנאה האָבן פון אַזעלכע ווערטער און אַזעלכע סצענעס? דער שרייבער פון דיזע ציילן איז ניט קיין יידישער „אתה בחרתנוניק". זיין ליבע צו יידן האָט אים פאַרלויפיק ניט פאַרשיכורט מיט קיין שמאַלזיניקן נאַציאָנאַליזם. ער פאַרגעסט אויף איין מינוט ניט, אַז אַנדערע פעלקער האָבן זייערע מעלות אַזוי גוט ווי חסרונות, און אַז מיר יידן האָבן אונדזערע חסרונות אַזוי גוט ווי מעלות, און דאָך האָט ער ניט געקאָנט ניט פילן קיין תענוג באַטראַכטנדיק דיזן אַרבעטער־עולם ווי ער באַגרייפט און מיט אַ באַגייסטערונג פאָלגט ער נאָך די אַלע גוטע זאַכן וועלכע גאָרקיס פּיעסע אַנטהאַלט אין זיך. איך זאָג „גוטע זאַכן וואָס זי אַנטהאַלט", וואָרעם אירע חסרונות זיינען אייגנטלעך די זעלבע וועלכע איר געפינט אין אַלע גאָרקיס ווערק, און דאָ מערקן זיי זיך נאָך מיט אַ באַזונדערע בולטקייט, איר פילט, אַז די פּערזאָנען זיינען אַרויסגעשטעלט ניט אַלס פּערזאָנען נאָר אַלס רעדנער פון שיינע רייד, אויסדריקער פון שיינע געדאַנקען, דאָרפישע חכמים, דענקער פון דעם לומפּן־פּראָלעטאַרישן אָפּגרונט, פּאָעטן פון דער רינשטאָק־וועלט. ניט ווילנדיק האָב איך זיך געקלערט, אַז דיזע טרעמפּישע באָאָרדינג־הויז [אכסניה] איז אייגנטלעך ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ קלוב פון אָפּגעריסענע פילאָזאָפן. יעדער פון די לאָדזשערס [קוואַרטיראַנטן] רעדט אינטערעסאַנטע רייד, רייד סתם אין דער וועלט אַריין. ער רעדט וועגן דער נשמה, וועגן מענטשן, וועגן דער וועלט. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין אמתן וואָלטן אין אַזאַ הויז די באָרדערס ניט גערעדט אַזוי. פיליכט וואָלט איינער פון זיי געווען גראָד אַ געבוירענער דענקער, אַן אינטערעסאַנטער וואָרט־פירער. די איבריקע וואָלטן אָבער געוויס געווען געוויינלעכע מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר. גאָרקיס



לאָדזשערס זאָגן אָבער אַלע מערקווירדיקע ווערטער און די דאָזיקע ווערטער שטאַמען ביי זיי אָן אַן אויפהער. עס קוקט אויס עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך פאַרזאַמלט אין דיזן אָרעמען, שמוציקן קעלער ניט צו וווינען דאָ, נאָר אָפּצוהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, ווו זיי נעמען דאָס וואָרט נאָך דער רייע נאָך און יעדער זאָגט אַרויס די קלוגע דבורים, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט, דאָס הייסט, וואָס גאָרקי האָט אים צוגעשיקט. און דאָך איז די פּיעסע זייער אינטערעסאַנט. עס קומט פאַר אונדז אַ ווינקל פון אַ לעבן, פון אַ זאָנדערבאַרן לעבן, וועלכער גייט אָן בלויז אין רוסלאַנד. די רוסישעווירקלעכקייט איז פול מיט אָריגינעלע, זאָנדערבאַרע ערשיינונגען, און גאָרקיס פּיעסע איז פול מיט אָריגינעלע זאָנדערבאַרע מאָמענטן. עס איז גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פּיעסן וואָס מען זעט אויף דער יידישער בינע, און דער יידישער עולם שאַצט דאָס אָפּ, און זיין אינטערעס איז גרויס. די קלוגע ווערטער האָבן אָפט אַ טיפן מיין, און אָפט זיינען זיי אינטערעסאַנט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי פאַלן אויף אייער האַרצן ווי טענער פון אַ צויבער־ליד. זיי דרינגען אייך דורך מיט אַ גאָר־אומגעריכטן געפיל. זיי קלינגען אָפּ אין אייער מוח מיט אַן אומערוואַרטעטן ווידערקול. עפּעס אומגעוויינלעכעס קומט פאָר אויף דער בינע און די צויבער פילט זיך אין אַ גאַנץ אומגעוויינלעכער שטימונג.

איך האָב געמיינט, אַז אויף אונדזער יידישער סצענע וועט זיין אוממעגלעך פאָרצושטעלן דיזע רוסישע פּערזאָנען מיט דעם רוסישן גייסט, וואָס רינגלט זיי אַרום. דעם אַלטן דזשייקאָב פּ. אַדלער האָט געלונגען עטוואָס אַזעלכעס צו שאַפן אין טאָלסטאָיס „תחיית המתים", און דאָס איז איינע פון אַדלערס מייסטערווערק. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך געצווייפלט, אַז מען וועט דאָס קאָנען ווידערהאָלן אין אַן אַנדערע פּיעסע. דערצו נאָך איז די רוסישקייט פון גאָרקיס פּיעסע נאָך שווערער איבערצוגעבן אויף יידיש ווי דעם רוסישן גייסט אין טאָלסטאָיס דראַמע, הגם יענער איז אַזוי אייגנאַרטיק, אַזוי טיף רוסיש. אַלע מוזן אָבער מודה זיין, אַז ווי ווייט דיזע אויפגאַבע איז מעגלעך צו ערפילן, ווערט זי אין שוואַרצס טעאַטער ערפילט זייער לויבנסווערט. דורך די יידישע ווערטער פילט זיך דער רוסישער טעם, און דערפאַר קומט אַ דאַנק דער קינסטלערישער זאָרג פון דער אויפפירונג אַזוי גוט ווי די קינסטלערישע ערפאָלגן פון די שוישפּילער. מען קאָן זען, אַז די פּיעסע איז איינגעשטודירט געוואָרן מיט גרויס מי, און אַז יעדער שוישפּילער קען זיין ראָלע און פאַרשטייט איר, און אַז די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט, אַז יעדער זאָל טאָן זיין בעסטעס פונקט ווי ער וואָלט געווען דער „סטאַר". געוויינלעך ביי אונדז אויף דער יידישער בינע (און אויך אויף דער אַמעריקאַנער בינע) איז אַלץ אָפּגעלייגט אויף דער „סטאַר"־ראָלע ווערנד דאָס איבריקע איז מיט פיל מדרגות ביליקער. דאָ אָבער זיינען אַלע ראָלן „סטאַר"־ראָלן. קיין יחסנים און קיין פאַרנאַכלעסיקטע. אַזוי ווערט געשפּילט אין די גוטע טעאַטערע, אין רוסלאַנד, אין איטאַליען, אין נאָרוועגיען, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך.

שוואַרץ אַליין האָט זיך גענומען די ראָלע פון אַן אַלטן וואַנדערער. דאָס הייסט ניט, אַז דאָס איז די וויכטיקסטע ראָלע אין דער פּיעסע, ווייט ניט. פון אַ דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט זיינען אייניקע פון די אַנדערע ראָלן פיל וויכטיקער ... שוואַרץ האָט דיזע ראָלע געשפּילט גלענצנד. דעם וואַנדערנס פילאָזאָפישע געלאַסנקייט און אומצעשטערטע רויקייט, זיין גוטמוטיקע טאָלעראַנץ צו אַלעס און אַלעמען, זיין ניט־געשטודירטער, ניט געפּאָלירטער, אַזוי ווי פון דער ערד־אַרויסגעוואַקסענער וועלט־שכל. דאָס אַלעס

האָט שוואַרץ איבערגעגעבן מיט טאַלענט, מיט קינסטלערישע געראָטנקייט. ער האָט געשאַפן אַ בילד, וועלכן די צוזעער וועלן אימער האָבן פאַר זייערע אויגן. עס איז געווען שווער צו געדענקן, אַז דאָס איז שוואַרץ דער אַקטיאָר און ניט דער וואַנדערבעטלער פון גאָרקיס דראַמע. מען האָט געקאָנט די זעלבע ראָלע אויפפאַסן אַ ביסל אַנדערש. צום ביישפּיל, דער בעטלער האָט געקאָנט ריידן מיט אַ מין שטילע באַגייסטערונג, מיט אַן אָפּקלאַנג פון אינערלעכע פּאָעטישקייט, און דאָס וואָלט ניט געשטערט זיין פילאָזאָפישע געלאַסנקייט. עס וואָלט אין דער ראָלע אַריינגעגעבן אַ קאָליר, וועלכע וואָלט זיך זייער געפּאַסט צו איר גייסטיקן אינהאַלט, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז די ראָלע מוז אויפגעפאַסט ווערן פּונקט אַזוי ווי מיר זאָגן דאָ און ניט אַנדערש. ווי שוואַרץ האָט איר אויפגעפאַסט, איז אויך גוט. דער עיקר איז, וואָס נאָך זיין אויפפאַסונג שפּילט ער איר אמת גוט, און דאָס געשטאַלט וועלכן ער האָט פאַרן געדאַנק רופט ער אַרויס פאַר זיינע צוקוקערס געדאַנקן. דער וואַנדערער וועלכן ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווערט פון אים אויסגעמאָלן מיט אַ קינסטלערישע האַנט. די שוואַכע זייט פון שוואַרצס שפּילן צייגט זיך אַרויס אין די שטעלן ווו דער וואַנדערער דערציילט אַ מעשה. דאָ הערט איר דורכויס דעם אַקטיאָר. דערציילן אַ מעשה אויף דער בינע אַזוי ווי אַ מענטש דערציילט אין לעבן, אַז מען זאָל פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ שוישפּילער, דאָס קאָנען ביי אונדז בלויז עטלעכע אַקטיאָרן. שוואַרץ איז נאָך דערווייל ניט איינער פון זיי. ווען ער צערעדט זיך אויף אַ היבשע ווײַלע, דערגייט שוין דאָס אויף טעאַטער־טראָפּ, ניט אויף די טענער פון לעבן, און דאָך איז דאָס אין אַ געוויסן זין דער פּראָבע־שטיין פון אמתע שוישפּילעריי. אויף די גוטע בינען פון אייראָפּע קאָן כמעט יעדער אַקטיאָר פירן אַ לאַנגן געשפּרעך אָדער דערציילן אַ געשיכטע, אַזוי, אַז מען זאָל פאַרגעסן אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר. זייער מעגלעך, אַז שוואַרץ זאָל זיך אָפּגעבן צו דיזן וויכטיקן טייל פון בינע־קונסט, ספּעציעל דאָס שטודירן, וועט ער מיט דער צייט אין דעם אויך מאַכן פאָרטשריט פּונקט ווי ער האָט געמאַכט פאָרטשריט אין זיין גאַנצע פּראָפעסיאָן.

אַ וואָרעמען קאָמפּלימענט גיבן מיר אַלעקסאַנדער טענענהאָלץ אַלס וואַסקאַ. ער שפּילט דעם טיפּ פון דעם יונגן קאַצאַפּל, און ווי עס ווייזט אויס, איז ער גוט באַקענט מיט אים. יעדער פאַרשיידענער מאָמענט אַן און פאַר זיך, איז אויסגעצייכנט. ער האַלט זיך גוט, ער רעדט גוט, ער צעקאַכט זיך גוט, ער פאַרטרויערט זיך גוט. קריטיקירן קאָן איך בלויז זיין איבערגאַנג פון איין מאָמענט צו דעם אַנדערן. די פאַרשיידענע מאָמענטן זיינען אַזוי ווי אָפּגעזונדערטע, אָפּגעהאַקטע איינע פון די אַנדערע, אָבער בסך הכל איז דאָך אַרויסגעקומען אַ וואַסקאַ. בערטאַ גערטסען אַלס נאַטאַשאַ האָט ניט קיין גרויסע ראָלע, און דיזע ראָלע שפּילט זי גאָרניט שלעכט. אַננאַ האָלענדער אַלס נאַסטיאַ האָט אַ וויכטיקערע ראָלע און אין פילע מאָמענטן האָט זי געשפּילט מיט אמתע קונסט. גוסטאַוו שאַכט איז אָלרייט, בלויז אָפּט שרייט ער צו הויך. אַ זייער גוטן איינדרוק מאַכט טייטעלבוים אַלס דורכגעשיכורטער, מיט בראָנפן־פאַרגיפטעטער, אַלטער אַקטיאָר. ער שאַפט דעם טיפּ אויף אַ טאַלענטפולן שטייגער. דאָס איז אויסגעצייכנטע כאַראַקטער־אַרבעט. שווייד, סאַמואילאָוו, דובינסקי, פערקויף פאַרדינען אויך מען זאָל זיי דערמאָנען צום גוטן. אַ פילפאַכן קאָמפּלימענט קומט שוואַרצן פאַר אויפפירן אַזעלכע פּיעסן און פאַר דעם אַרט ווי אַזוי דיזע פּיעסע איז אויפגעפירט. ווען עס וואָלט





ביי אונדז געווען אַ מאָדע פאַר אַזעלכע זאַכן צו געבן אַ באַנקעט, פאַרדינט שוואַרץ אַזאַ באַנקעט".

**מ. גרים שטעלט די פראַגע צי איז צייט־מעסיק צו שפּילן די פּיעסע:**

„אויב מאָריס שוואַרץ האָט געמיינט מיט דער אויפפירונג פון גאָרקיס „נאַ דניע" צו באַווייזן די אַנסאַמבל־פעיִקייט פון זיין הייייאָריקע טרופּע, איז עס אים זיכער געלונגען. די שפּיל איז רעזשיסירט און געשפּילט געוואָרן זייער צופרידנשטעלנד. איינצלנע שוישפּילער, כמעט יעדער איינער פון זיי, האָבן זיך אַרויסגעוויזן זייער שיין אין איניקע מאָמענטן. די בינע אַליין איז גאָר לייטיש. און פון דעם אַלעם זעט זיך, אַז די שטיק ווי אַלט זי איז, געשפּילט ביי שוואַרצן, וועט זיין אַן ערפאָלג, און דאָך בלייבט שטיין די פראַגע: צו וואָס האָט מען דאָס באַדאַרפט? איז ווירקלעך אונדזער רעפּערטואַר אַזוי אָרעם, אַז מען קאָן ניט קריגן קיין שטיק פון אייגענע שרייבער אויפצופירן? און אויב מען מוז זיך שוין יאָ ווענדן צו איבערזעצונגען, איז גאָרקיס שטייגער־פּיעסע געווען די איינציקע, וואָס מען האָט געקאָנט דערצו אויסקלייבן?

אָט דער מין שטיק, וואָס רופן זיך „בילדער פון לעבן" און זיינען קיין דראַמען ניט געווען, האָבן געקאָנט זיין אַן עסק פאַר דעם קינסטלערישן רוסישן טעאַטער, ווען עס איז זייער שטאַרק געלעגן צו באַווייזן, אַז אָט די טיפּישע רוסישע שאַפונג איז יאָ בינע־פעיִק, קאָן געשפּילט ווערן און מאַכן אַן איינדרוק. טשעכאָוו און גאָרקי זיינען עכט רוסיש, און זייערע שטיק מיט אַ דראַמאַטישער האַנדלונג, וועלכע לאָזט זיך קוים פילן, זיינען אַ ריינער פּראָדוקט פון רוסישן כאַראַקטער. אין אייראָפּע זיינען די דאָזיקע שטיק אויך אויפגענומען געוואָרן אַלס כאַראַקטעריסטיש רוסישע. דער רוסישער מענטש מיט זיין אומעט אָן אַ נאָמען, מיט זיין לאַנגווייליקייט און איינזאַמקייט, מיט די אייביקע פּראָבלעמען אין וועלכע ער גריבלט זיך, האָט געקאָנט זיך אַליין געפינען אין זיי. דעריבער זיינען די רוסישע קינסטלער פאַר זייער אױדיטאָריום געווען אַמפּעיִקסטן אויפצונעמען און פאָרצושטעלן אָט די דאָזיקע „בילדער פון לעבן".

ווי אָבער קוקן אויס גאָרקיס אומעטיקע, גריבלערישע „געוועזענע מענטשן" אין דעם לויף פון אונדזער עקספּרעס־באַנען איבער דער ערד און אונטער דער ערד, אין דעם גערויש פון אונדזערע אויטאָמאָבילן און טראַמווייען, אין דער פיבערדיקער דראַמאַטישער לעבעדיקייט פון אונדזער צייט און אונדזער סביבה? וואָס פאַרע באַטרעף האָבן זייערע 9 מאָס רייד וועגן אמת און לעבן און גאָט און יושר אין די שרעקלעכע שאָטנס פון אונדזער טראַגישער צייט, אין דעם שרעקלעכן אימפּעט פון געשעענישן, געשעענישן, וואָס פאַרטומלען אונדז צום טויט? אַ טעאַטער־שטיק איז באַוועגונג, אַקציע, קאָנפליקטן. אַזוי פאַרשטייען עס, אַזוי פילן עס די וועלכע זיינען ניט קיין געבוירענע רוסן און כאַראַקטער. אַפילו די רוסן אַליין נאָך אַלעמען דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די לעצטע יאָרן, מיט דעם גאַנצן שטורעם, וואָס ברושעוועט אַרום זיי, וואָלטן שוין אפשר איצט ניט געקאָנט זיצן און צוהערן זיך צו די נעכטיקע „געוועזענע מענטשן", וואָס זיינען היינט צוריק אַרויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך, און פאַרוואָס זאָלן עס קאָנען מיר, וועלכע האָבן אַלע מאָל אין אונדזערע כאַראַקטער געהאַט מער דראַמאַטיזם און באַוועגלעכקייט? פאַרוואָס זאָלן מיר יאָ קאָנען אויסזיצן די פיר זייגערדיקע שעה און צוהערן די רייד וועגן די אַלע אמתן, וועלכע זיינען צעשטערט און צעברעקלט געוואָרן פון דער צייט?

מר. שוואַרץ האָט אין זיין רעדע צו די קריטיקער בשעת דער פאָרשטעלונג געבעטן, אַז זיי זאָלן אויסלערנען דעם עולם ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן אין טעאַטער צו ליטעראַטור. זייער גערעכט! גאָרקיס „נאַ דניע" איז געווען מייסטערהאַפטע ליטעראַטור נעכטן, ווען די „געוועזענע מענטשן" האָבן געלעבט און עפּעס געזוכט. עס וועט זיין מייסטערהאַפטע ליטעראַטור מאָרגן ווען די וועלט וועט ווידער קומען צו אַ שטילשטאַנד און די אָפּגעפאַלענע וועלן זיך ווידער אַרונטערזעצן אויפן אָפּגרונט. אָבער אין דער צייט פון כאַאָס און אומרו, וואָס הערשט אין דרויסן, ווי אין דעם מענטשן גופא, ווי אַזוי קאָן מען זיצן און צוהערן זיך אַזוי לאַנג צו די אַלע שמועסן, וועלכע ווייזן זיך אויס צו זיין אומענדלעך? ניט היינט איז די צייט פאַר דער דאָזיקער עכט רוסישער גריבלעריי. און נאָך מער אויף דער בינע, און נאָך מער אויף אונדזער בינע, אָבער עס איז שוין אויפגעפירט געוואָרן און עס קומט שוואַרצן דאָס וואָס אים קומט פאַר דער אויפפירונג.

עס האָט באַוויזן אַ צוזאַמענשטעל פון אויסגעצייכנטן שוישפילערישן מאַטעריאַל אויף דער בינע. אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך נעכטן קיים אָנגעזען, האָבן דאָ היינט אויפגעטאָן אויסגעצייכנטע אַרבעט, שוין אָפּגערעדט פון שוואַרצן אַליין, וועלכער האָט אין דער ראָלע פון „לוקאַ" געגעבן אַ וואַרעמען, קלוגן מענטשלעכן טיפּ. אברהם טייטעלבוים, דער נאָר וואָס געקומענער פון פוילן האָט די ראָלע פון „אַקטיאָר" באַהויכט מיט אַ פיינעם טראַגיזם און געגעבן אַן אויסגעצייכנטן אויסערלעכן טיפּ. גוסטאַוו שאַכט, ליזאַ זילבערט, סאַמואילאָוו האָבן געגעבן שאַרפע, דייטלעכע, אפשר צו שאַרפע, טיפּן. אָבער אַזאַ יונגער אַקטיאָר ווי ווייזענפריינד, וועלכן מען האָט ביז איצט גאָר ווייניק אָנגעזען, האָט אין דער ראָלע פון אַלטן „קאָסטילאָוו" געגעבן כאַראַקטער אינערלעכן און אויסערלעכן, באַשאַפן אַ געשטאַלט און געטאָן דאָס ווי אַ קינסטלער. חנה האָלענדער, וועלכע איז ביז איצט אַלץ געווען צווישן די „פאַרשפּרעכנדע", האָט אין דער ראָלע פון דעם מיידל „נאַסטיאַ" געוויזן, אַז זי איז אַ שוישפילערין. די סצענע אין לעצטן אַקט צווישן איר און דעם באַראָן (מאַרק שווייד) איז דראַמאַטיש ריינג. שווייד אַלס „באַראָן" איז אַ גלענצנדע צייכענונג פון אַ דעגענעראַט פון דער אַמאָליקער אַריסטאָקראַטיע. געלונגען זייגען מאַקס סקאָלניק אַלס „דער שלעסער", דובינסקי אַלס „דער יונגער שוסטער", און די נייע שוישפילערין שרה קוטנער אין דער אומדאַנקבאַרער ראָלע פון דער קראַנקער „אַננאַ" האָט געמאַכט דאָס בעסטע, וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

אויב עס זיינען דאָ פעלערן — און זיכער זיינען זיי דאָ — וועלן זיי זיך אודאי איינשפּילן. אין נאָך עטלעכע פאָרשטעלונגען וועט דער אַנסאַמבל זיין זייער גלאַט. דאָס איז צו זען פון דעם ווי אַזוי די שטיק איז געגאַנגען ביי דער דריטער פאָרשטעלונג. די איבערזעצונג אַליין, אויסער איניקע אויסדרוקן — איך קאָן זיך ניט דערמאָנען וועלכע — איז אַ געלונגענע. אַזוי ווי ס'איז געווען צו ערוואַרטן פון מאַרק שווייד. די גאַנצע אַרבעט רעדט ווידער אַמאָל וועגן שוואַרצס פעיקייטן, און מיט צען יאָר צוריק וואָלט זיך די פּיעסע געהערט מיט שפּאַנונג. אָבער היינט? עס איז אַביסל צו שפּעט אָדער צו פרי פאַר גאָרקיס שטיק ווען מען זעט זיי אין שאָטן פון צייט".

**ב. גאָרין פאַרגלייכט די אויפפירונג פון דער פּיעסע אין יידישן און אין ענגלישן טעאַטער, וואָס זיינען גלייכצייטיק געגעבן געוואָרן:**

„אין איין וואָך האָט מען אין צוויי באַזונדערע טעאַטערס, אויף צוויי פאַרשיידענע בינעס אויפגעפירט גאָרקיס באַרימטע דראַמע „נאַ דניע". ...דאָס הייסט אין יידיש איז שוין די פּיעסע פריער געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט קעסלער געשטעלט „נאַ דניע" אין דערזעלביקער איבערזעצונג און אַ פּאָר מיטגלידער פון איצטיקער שוואַרץ־קאָמפּאַני האָבן אויך דאָרטן געשפּילט.

אַ געוויסער ענגלישער קריטיקער, שרייבנדיק וועגן דער ענגלישער פאָרשטעלונג אין פּלימוט טעאַטער, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַזאַ פּיעסע איז ניט פאַרן געשמאַק פון אַמעריקאַנער פּובליקום און ער רעכנט, אַז זי וואָלט געהאַט אַ בעסערן מזל אין יידישן טעאַטער. געמיינט האָט ער דערמיט צו זאָגן, אַז די יידישע אַקטיאָרן קאָנען בעסער אַריינלעבן זיך אין אַזעלכע ראָלן און דער יידישער עולם איז בעסער באַקענט מיט אַזעלכע כאַראַקטערס.

אויך דער יונגער שוישפילער און מענעדזשער מאָריס שוואַרץ האָט ביי דער פרייטיקדיקער פאָרשטעלונג צו וועלכער עס זיינען געווען איינגעלאַדנט די קריטיקער, זיך געווענדט דירעקט צו זיי אין צווישן די אַקטן, אַז זיי זאָלן ערקלערן דעם עולם, אַז אַזעלכע פּיעסן ווי „נאַ דניע" זיינען ניט פאַר דעם דורכשניטלעכן יידישן טעאַטער־באַזוכער און ער האָט דורכויס פאַרלאַנגט, אַז קי־ מען זאָלן נאָר יענע, וועלכע קאָנען פאַרשטיין, באַגרייפן און אָפּשאַצן אַזאַ ווערק ווי „נאַ דניע". מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז אויך אין יידישן טעאַטער פילט זיך דער יידישער באַזוכער ניט גאַנץ היימיש מיט די העלדן.

אין די טעאַטער־רעצענזיעס האָט מען שוין וועגן „נאַ דניע" גערעדט און עס איז איבריק צו ריידן ווידער אַמאָל וועגן דער זעלביקער דראַמע. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע דראַמע האָט צו טאָן מיטן סאַמע אָפּשוים פון דער מענטשהייט. די העלדן זיינען גנבים, רוצחים, מערדער און סתם באַסיאַקעס, די באַקאַנטע העלדן, וואָס גאָרקי האָט אַריינגעפירט אין דער רוסישער ליטעראַטור און מיט וועלכע ער האָט זיין נאָמען געוווּנען. יעדע פּערזאָן אין דער פּיעסע איז אַ באַזונדערע טראַגעדיע, נאָר די טראַגעדיעס זיינען ניט געשאַפן אַרויסצורופן אַ קעלט ביים צושויער איבערן רוקן, ניט אויפצוציטערן אים, זאָנדערן [נאָר] צו ווייזן די מענטשלעכע זייט אין די געזונקענע מענטשן. דאָ ליגט מער געוויכט אויף די פילאָזאָפישע ווערטלעך און געדאַנקען ווי אויף עפּעס אַנדערש, ווייל אין די ווערטלעך און אין די באַמערקונגען ליגט דער שליסל צו די מחשבות פון די העלדן.

מען האָט באַדאַרפט ערוואַרטן, אַז די דאָזיקע פּיעסע וועט בעסער אויפגעפירט ווערן אין יידישן טעאַטער, ווייל, ווי שוין דערמאָנט, איז דאָס רוסישע לעבן בעסער באַקענט די שפּילער אין יידישן טעאַטער ווי אין ענגלישן, אָבער דאָס איז אַזוי ניט געשען. דער כאַראַקטער פון דער פּיעסע איז אַזאַ, וואָס דאַרף באַצייכנט ווערן גיכער אַלס סטאַטיש ווי דינאַמיש. דער רוסישער איז בטבע פלעגמאַטיש, בפרט די העלדן פון „אָפּגרונט", וועלכע זיינען שוין דורכגעגאַנגען אַלע טורמעס. אין פּלימוט טעאַטער איז די פּיעסע אויפגעפּאַסט געוואָרן אין דעם דאָזיקן זין און איז אַזוי אויפגעפירט געוואָרן, בשעת אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" איז אַריינגעבראַכט געוואָרן דער יידישער אומרויִקער, נערוועזער עלעמענט אין שפּילן.

אַזוי נעמט, אַ שטייגער, די ראָל פון „לוקאַ". אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" ליגט זי אין גוטע הענט. די דאָזיקע ראָל ווערט



גרופּן־סצענע פון די ראַליסטן כון גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט“.

געשפּילט פון מ. שוואַרץ און ער האָט טעכניש געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט [טאָן] פאַר איר. ער האָט דעם רוקן אויסגעבויגן, אָנגענומען אַ קול פון אַ זקן און אַזוי גרימירט, אַז אַ סך, וואָס האָבן אים געזען שפּילן צענדליקער און צענדליקער מאָל, האָבן ניט געוווּסט, אַז דאָס איז שוואַרץ, אָבער איז לוקאַ אַרויסגעקומען אַ רוסישער? ער איז גיכער אַן אומרו'קער דורכגעטריבענער עלטערער ייִד, און צייטנווייז ווען ער הייבט אָן צו מאַכן מיט די הענט, דאַכט זיך, אַז ער זיצט אין קלויז מיט אַנדערע זקנים און איז מסביר מיטן גראָבן פינגער אַ שטיק פּאָליטיק. איבערהויפּט איז דער דאָזיקער איינדרוק געווען שטאַרק אין דעם דריטן אַקט ווען ער דערציילט וועגן די צוויי, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינברעכן אין זיין הויז. ...אַ צווייטער ביישפּיל איז די ראָל פון נאַטאַשאַ, וועלכע עס האָט געשפּילט בערטאַ גערסטען. זי איז געווען גאַנץ גוט אין די ערשטע צוויי אַקטן, נאָר אין דעם דריטן אַקט האָט זי מער געוויכט געלייגט אויף דעם שטייגער ווי אַזוי זי איז אָפּגעבריט געוואָרן ווי אויף דעם עיקר פון דער סצענע, און פון דעם עיקר פון דער דאָזיקער סצענע איז צו ווייזן ווי אַזוי אַ גוטע מיידל, אַ שיינע מיידל ווי נאַטאַשאַ, רייסט זיך פון דעם שמוץ און קאָן זיך בשום אופן ניט אַרויסרייסן ווען

אַפילו עס זעט אויס אַז דער מזל האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן. דער טיפערער גייסט פון דער דאָזיקער סצענע ווערט פאַרדאַרבן פון די געדיכטע פאַרבן, וואָס מיס גערסטען האָט דאָ אַרויפגעלייגט און האָט פאַרוואַנדלט אַ טראַגישן מאָמענט אין אַ מעלאָדראַמאַטישן קלימאַקס. בכלל האָבן אַלע פרויען געשפּילט בעסער און אויסגעהאַלטענער אין ענגליש ווי אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער“.

גאַנץ גוט זיינען געווען טענענהאָלץ אין דער ראָל פון וואַסקאַ און שווייד אין דער ראָל פון דעם באַראָן, דובינסקי אין דער ראָל פון אַליאָשאַ און אויך דערמאָנען דאַרף מען אברהם טייטעלבוים אין דער ראָל פון דעם אַקטיאָר, גוסטאַוו שאַכט אין דער ראָל פון בובנאָוו. ...די אויסשטאַטונג און אויפפירונג איז אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער“ געווען רעאַליסטישער, נאָר אין פּלימוט איז זי מיט מער געשמאַק און מאַכט אַ שטאַרקערן איינדרוק“.

**ישראל דער יענקי פּאָלעמיזירט מיט די טעאַטער־קריטיקער וועגן באַטייט אויפצופירן אַזאַ פּיעסע ווי גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט“:**

„אַרטור האָפּקינס פון פּלימוט טעאַטער אַזוי ווי מאָריס שוואַרץ פונם „אוירווינג פּלייס טעאַטער“ האָבן די גאַנצע ניו־יאָרקער טעאַטער־פּרעסע אַריינגעוואָרפן ווי אין אַ פיבער דערמיט וואָס זיי

האָבן גענומען אויפפירן מאַקסים גאָרקיס וווּנדערבאַרע דראַמאַטישע סקיצע „אויפן אָפּגרונט“ („נאַ דניע“), וועלכע איז נאָך זייער ווייט פון אַמעריקעס „פּראָגרעס“ אין דער דראַמע און קאָן זיך נאָך בשום אופן ניט אַריינפּאַסן ניט אין אַמעריקאַנער בינע־לעבן און ניט אין דער אַמעריקאַנער קריטיק, וואָס זיינען נאָך אַלץ געוווינט צו דעם, וואָס מען רופט „לייכטער שטאָף“. כמעט אַלע קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען האָבן זיך ביטער געקלאָגט אויף האָפּקינסאָן דערפאַר, וואָס ער האָט געשטערט דעם „קריסטמוס־גייסט“ מיט זיין גאָרקי־אויפפירונג און אַלע האָבן זיי נאָכגעפרעגט וועגן דעם „צוועק“ דערפון וואָס גאָרקי האָט געהאַט אין אָנשרייבן אַזאַ מין טעאַטער־שטיק, וואָס ברענגט אויף דער בינע דעם „אָפּפאַל פון דער מענטשהייט“.

און פונקט אַזוי האָט זיך מאָריס שוואַרץ געקויפט „מפטיר“ ביי די מערסטע יידישע קריטיקער דערפאַר וואָס ער האָט געשטערט די זיסע רו פון אונדזער בינע און געבראַכט אַ פּלאָנטער מיט וועלכן מען קאָן זיך ניט ספּראַווען אין דעם געוויינלעכן „טעאַטער־קאָלום“, וואָס קלעבט קוים אויף דעם „קיי און שפּיי“, וואָס ווערט דאָרט מעלה גריט וואָך־איין און וואָך־אויס, איבערהויפּט, אַז מען ווייס זיך ניט ווי צו נעמען דערצו...

איינער קלאָגט זיך, אַז צוויי אַקטן זיינען גענוג. אַ צווייטער זאָגט, אַז דריי אַקטן זיינען גענוג. אַ דריטער וויל האָבן, אַז מען דאַרף עס אינגאַנצן ניט און אַזוי כסדר. אַלע הייבן באַלד אָן צווייפלען אין גאָרקיס גרויסקייט אָדער זוכן „געהיימע“ פאַרגאַנגענהייטן אין יעדן פון די טיפּן, וואָס גאָרקי ברענגט איינעם נאָך דעם אַנדערן און אַלע צוזאַמען אויף דער בינע. דאָס וואָס אַלע ווילן וויסן דעם „צוועק“, האָט קיין שום ווערט ניט. מען מוז ניט אומבאַדינגט זוכן „צוועקן“. עס איז גענוג „צוועק“ פאַר אַזאַ גרויסן מאָלער און קענער פון דער מענטשלעכער נשמה ווי גאָרקי צו שילדערן מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפט און מיט מייסטערהאַפטער באַהערשונג פונם אמת די טיפּסטע טיפעניש פונם זומפּ אין וועלכן עס וואַלגערן זיך דער העכסטער און געפאַלנסטער פון אַלע ברואים — הער מענטש. עס איז גענוג, אַז גאָרקי ווייס, אַז זיין „פּראָביר־שטיק“, זיין „גראָבאייזן“ גרייכט ביזן „דנא“, ביז אין אָפּגרונט, און ער ברענגט פון דאָרט אַרויס „מוסטערן“ פון גאָלד, בריליאַנטן און אויך די אָפּשיילעכע רויע מאַטעריאַלן מיט וועלכע דאָס איז צונויפגעמישט טיף אין קאָכעדיקן גיהנום פון „בריך“ פון דער ערד. דאָס איז פאַר גאָרקין גענוג „צוועק“. ער האָט פאַרבראַכט מער ווי אַ צען טויזנט „אַקטן“ מיט די דאָזיקע „אויסוואורפן“. ער האָט מיט זיי אַ לעבן פאַרבראַכט, און כאָטש איין קריטיקער זאָגט, אַז אין די ערשטע צוויי אַקטן האָט ער זיי שוין פולקומען געקענט, האָט זיי גאָרקי נאָך אַלץ ניט געקענט אַפילו פאַר דער צייט וואָס ער האָט זיי אַוועקגעגעבן דעם שטורם פון זיין גאַנצער יוגנט און נאָך מיט אַ היבשן שטיק אַריינגעפאָרן אין זיינע מיטעלע יאָרן. אָבער גאָרקי האָט מיט זיין „נאַ דניע“ אויפגעטאָן פיל מער ווי „עפענען דעם קיירטן“ [פאָרהאַנג] און צייגן די פּאַנאָראַמע, דעם ספּעקטאַקל ווי עס לעבן מענטשלעכע ברואים. ער האָט — ווי שוין אין אָנפאַנג באַמערקט — געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער דראַמע.

עס איז באַוווּסט, אַז ביז צו וויקטאָר הוגאָ איז די קונסט געווען אַ מין אָפּגעזונדערטע זאַך פונם אַלטעגלעכן לעבן פון דער מענטשהייט. מען האָט געוווּסט פון קונסט, און נאָר דאָס שענסטע, דאָס זויבערסטע, דאָס ריטערלעכע, דאָס ראָמאַנטישע, דאָס וואָס גלעט די נערוון און איז מחיה דעם גוף און די נשמה. די קונסט האָט



זיך געהאַט אַ מין באַזונדערן „בית המקדש“, וועלכער קיינער האָט ניט געטאָרט באַטרעטן. בלויז מיט גריכישע געטער און מיט פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטישע און ראָמאַנטישע פאַנטאַזיעס האָט מען זי געקאָנט פאָרן, און וויקטאָר הוגאָ האָט מיט איין קלאַפּ געמאַכט אַ סוף דערצו. ער האָט אין דער העכסטער קונסט אַריינגעבראַכט די נשמה פון דעם גנב זשאַן וואַלזשאַן און די איידלסטע פון אַלע קונסט־שילדערונגען — די טיף־ליידנדע נשמה פון קאָשעט, די טאָכטער פון אַ געפאַלענער פרוי. דאָס הייסט, אַז הוגאָ האָט די קונסט פאַרוועלטלעכט. ער האָט זי אַרונטערגעשלעפּט פון איר רייכן שלאָס אין טיפסטן פאַרשימלטן און פאַרדומפּעטן קעלער, און זי האָט זיך דאָרט געפילט גאַנץ היימלעך, פיליכט נאָך באַקוועמער ווי ביי זיך אין שלאָס. און עס איז נאָך הוגאָן דאַן אָנגעקומען אַ גאַנצע שולע, אַ מערימע, אַ גאָטיע, אַ באַלזאַק און נאָך אַזעלכע ריזן, וועלכע האָבן נאָך מער פאַרברייטערט דאָס פעלד פון דער קונסט אין דער „רינשטאָק“־וועלט. די גאַנצע פראַנצויזישע אונטערוועלט איז דאַן אַרויפגעשווומען, און די „אויבערוועלט“ האָט דערזען, אַז אויך דאָרט איז פאַראַן אַ מענטשלעכע בענקניש נאָך העכערן, אַ שטרעבן נאָך שענערס, און פון דאָרטן קאָן אַרויסגעבראַכט ווערן די העכסטע קונסט, וואָרעם דער אָפּפאַל פון דער מענטשהייט איז דאָך נאָר אַ רעאַליטיוועך. עס איז דאָך נאָר אַן אָפּפאַל ווען מען פאַרגלייכט עס מיט עטוואָס, וואָס איז ניט קיין אָפּפאַל, און גייענדיק מיט דיזער מאָס, איז איבערהויפּט קיין „אָפּפאַל“ ניט פאַראַן. אָדער אַלעס, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, איז אינגאַנצן „אָפּפאַל“, וואָרעם טאַקע אין דעם „אָפּפאַל“ גופא איז דאָך פאַראַן איינס, וואָס איז העכער פון דעם אַנדערן, אַזוי, צום ביישפּיל, איז דאָך געוויס אַ לוקאַ (די ראָלע וואָס ווערט געשפּילט פון מאָריס שוואַרץ) העכער פון אַ סאַטין (די ראָלע וואָס ווערט געשפּילט פון גוסטאַוו שאַכט), אַ נאַסטיאַ (די ראָלע וואָס ווערט געשפּילט פון חנה האָלענדער) איז דאָך געוויס נאָבעלער און אָן אַ שיעור העכער פון דעם באַראָן (די ראָלע וואָס ווערט געשפּילט פון מאַרק שווייד) און אַ נאַטאַשאַ (די ראָלע וואָס ווערט געשפּילט פון בערטאַ גערסטען) שטייט דאָ געוויס טויזנט פּוס העכער פון אַ וואַסיליסאַ (די ראָלע וואָס ווערט געשפּילט פון מאַד. ליזאַ זילבערט) און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך. און אַפילו דער ערגסטער פון די טרעמפּס, וואָס פוילן אין בלאָטע און האָבן אַפילו ניט אַזאַ „נאַכט־אַזיל“ ווי גאָרקי שטעלט פאָר, זיינען דאָך אויך די גרעסטע פּריצים, די רייכסטע אַריסטאָקראַטן אַלס מענטשן, אַלס דענקער אין פאַרגלייך מיט אַ ווילדן, נאַקעטן זולו אָדער אַנדערן סאָרט קאַניבאַל, וואָס איז אייגנטלעך נאָך אַלץ ניט דאָס נידריקסטע פון דעם מענטשלעכן געשלעכט.

...דאָס האָט הוגאָ געזען און דערפאַר האָט ער ניט געזען פאַרוואָס די געהויבענע מאַדאַם קונסט דאַרף זיך אַזוי שעמען אָפּצושטאַטן אַ באַזוך אין דער נשמה פון אַ וואָלזשאַן. דאָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַר דער גרעסטער איבערקערעניש, פאַר דער שאַרפסטער רעוואָלוציאָן אין דער קונסט, און אויך דאַן האָבן זיך געפונען קריטיקער, וואָס האָבן פאַרצויגן מיט דער נאָז און זיך אָפּגעטרייסלט מיט עקל. און זייט דאַן איז די וועלט געוואַקסן און זי איז געוואָרן רייך און זאַט, אָנגעפרעסן און זאָרגלאָז, און זי איז ווידער אַרונטער צו יענער פריערדיקער „הויכער“ מדרגה פון קונסט ווען נאָר דאָס „שענערע“ און דאָס אָפּגעצאַקטע האָט געהייסן קונסט, און מיטן „נידריקן“, מיטן „מיאוסן“ האָט די קונסט ווידער קיין שייכות ניט געהאַט. אַפילו אַן איבסען האָט אונדז

געבראַכט בלויז דאָס וואָס מען קאָן געוויינלעך רופן „סאַלאָן"־דראַמען. אַפילו ער האָט זיך געפּאָרעט בלויז אין דער נשמה פון דעם פּילפּאַכן מענטשלעכן אינטעלעקט פון דער „בעסערער" מדרגה, פון דער „העכערער", ווידער אויפגעלעבט דאָס וואָס איז נאָך הוגאָס שולע ווי אָפּגעשטאָרבן. ער האָט ווידער דערמאָנט, אַז ס'איז פאַראַן נאָך אַ וועלט, אַז מיר האָבן ערגעץ ווו טיף אין אָפּגרונט נאָך ברידער מיט וועלכע מיר דאַרפן זיך ניט שעמען, ווייל מיר אַליין האָבן פיל געהאָלפן זיי אַריינצוברענגען אין דעם. ניט מער, גאָרקי האָט זיך באַנוצט מיט אַ מיטל, וואָס איז פאַר אים מיט מער קונסט און ליטעראַרישן ערפאָלג אויסגענוצט געוואָרן פון אַ גרעסערן מייסטער פון אים, באַלזאַק, וועלכער האָט געשילדערט דעם זעלבן ... טיף ווי לוקאַ, האָט גאָרקי אויך געהאַט אַ פאָרגענגער אין דעם טיפ קאַסיאַן, וועלכן טורגעניעוו האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין זיין פערלדיק ווערקל, וואָס איז אין ענגליש באַקענט אונטערן נאָמען „מומו". אָבער גאָרקיס אַרבעט אין זיין צייט איז באַלד אַזוי גרויס ווי הוגאָס אַרבעט אין זיין צייט.ביידע האָבן אונדז געצייגט די אַנדערע זייט פונם מעדאַל. דאָס העכסטע, וואָס איז ביז צו זיי, אין זייערע פאַרשיידענע צייטן, געשאַפן געוואָרן אין דער ליטעראַרישער קונסט, איז געווען צו צייגן דאָס „מיאוסע" אין „שיינעם" און זיי האָבן אונדז געצייגט דאָס „שיינע" אין „מיאוסן". מיר ווייסן איצט, אַז דאָס מענטשלעכע אין „דאָס מאוסע" איז דאָסזעלבע וואָס אין ד' שיינע לייט. זיי האַנדלען און וואַנדלען, זיי ליבן און זיינען אייפערזיכטיק, זיי שטרעבן און קעמפן, זיי ליידן און פילן, זיי פאַרשטייען און זיינען נאַראָנים, זיי שלאָגן זיך און לעבן ניט, זיי ליגן אין געהאַקטע צרות און לאָזן זיך ווילגיין, זיי ספּראַווען זיך מיט פינאַנסן און שפּייען אויף געלט ווען עס האַנדלט זיך וועגן העכערע געפילן, זיי פאָלגן דאָס געזעץ און טרעטן דאָס געזעץ, זיי האָבן אַ מאָראַל און זיינען אוממאָראַליש, זיי האָפן און צווייפלען און אַזוי כסדר.

אַזעלכע דראַמען ווי גאָרקיס שאַפן אָפּ די איינזייטיקייט פון דער קונסט און מאַכן זי פולשטענדיק פולקום. איז דאָס ניט „צוועק" גענוג?

### און איצט גייט איבער ישׂראל דער יענקי צו דער אויפפירונג און צום שפּילן:

„דער שרייבער פון דיזע שורות האָט ניט געזען די ערשטע פאָרשטעלונג אין שוואַרצס „אירווינג פּלייס טעאַטער", אָבער די פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט יאָ געזען, איז געוויס די געלונגסטע וואָס מען האָט געקאָנט ערוואַרטן. אַזוי „רייך" אויסשטראַלן די שוידערלעכע אָרעמקייט, אַזוי אַרויסברענגען די אינטערעסאַנטע דעטאַלן פון דעם שטיק, אַזוי אויפדעקן די אינערלעכע נשמה פון יעדן באַזונדערן טיפ וואָס גאָרקי מאָלט פון וועלכן יעדער איז אַ וועלט פאַר זיך, איז ניט געלונגען אין דער פריערדיקער פאָרשטעלונג, וואָס דייוויד קעסלער האָט געגעבן, ניט אין דער דייטשער פאָרשטעלונג פון דעם זעלבן שטיק אין דעם זעלבן אָרט און ניט אין דער איצטיקער בראָדוויי־פאָרשטעלונג. כמעט אַלע שוישפּילער זיינען פולשטענדיקע אַרטיסטן אין זייערע פאַרשיידענע ראָלן און קיין בעסערן צוזאַמענשטעל קאָן מען זיך ניט, דאַרף מען זיך ניט ווינטשן. דער אַרטיסטישער עפעקט איז כמעט פולקומען.

מאָריס שוואַרץ שילדערט די רייכע נשמה פון לוקאַ פּשוט מייסטערהאַפט. ער ברענגט אַרויס אַלע אירע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, וואָס צעגיסן זיך מיט אַן איבערמענטשלעכער גוטסקייט, און ווען ער זאָגט וואָס מיר ווייסן, אַז ס'איז „ליגן", זעען מיר, אַז ער אַליין גלייבט אין דעם מיט זיין גאַנצן האַרצן און אַז אים פאַלט גאָרניט איין צו זאָגן קיין ליגן, נאָר אַז זיין באַגער צו העלפן די אומגליקלעכע מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג, שאַפט אין זיין קאָפּ אַ רייכערע פאַנטאַזיע, וועלכע זעט אוממעגלעכע „ליגנערישע" זאַכן. עס איז אַ פראַכטפולער טיפ, פראַכטפול פאַרקערפּערט אין פלייש און בלוט. אַברהם טייטעלבוים אַלס דער אַקטיאָר, וואָס האָט פאַרברענט זיין „אָרגאַניזם" מיט וואָדקאַ און פאַרפינסטערט זיין מוח אַזוי, אַז ער געדענקט ניט קיין איינציקן וואָרט פון זיינע אַמאָליקע ראָלן, שאַפט אַ טיפ, וואָס וועט לעבן אין יידישן רעפּערטואַר. דיזער שוישפּילער האָט אין דיזן שטיק ענדלעך זיך אַליין געפונען. ער האָט געראַטעוועט זיין אַרטיסטישע רעפּוטאַציע. גוסטאַוו שאַכט אַלס סאַטין, דער קאָרטן־שפּילער און אַריינגיסער פערזאָניפיצירט די פאַראַכטונג צו דער וועלט. די „איך האָב אַלעמען און אַלעס אין דער ערד" — שטעלונג [איז] זייער קרעפטיק, כאָטש עס פאַרכאַפּט אים אויך דער אָטעם איין רגע כאָטש ווען ער הערט וועגן עטוואָס וואָס שמעקט מיט מענטשלעכקייט.

י. דובינסקי אַלס אַליאָשקאַ, דער „הויף־נאַר" פון דער אונטערערדישער מלוכה, שפּילט מיט פייער און רעדט מיט פּיסק, און זיין ערשיינען פאַרטרייבט דעם קעלער־אומעט. מוני ווייזענפריינד אַלס קאָסטילאָוו, דער פילאָזאָפישער בעל־הבית פון "לאָזשיר"־הויז ברענגט אַרויס זיין גאַנצע כיטרעקייט מיט גרויס טאַלענט. מאַקס סקאָלניק אַלס קלעשטש, דער שלאָסער, וועלכער שלאָגט זיין ווייב ביז ער מאַכט זי שווינדזיכטיק, און שרה קוטנער אַלס אַננאַ זיין ווייב, וועלכע לייגט אַ שווערע כמאַרע מיט איר טראַגישע עקזיסטענץ אויף דער גאַנצער צימלעך פריילעכער אַטמאָספערע פונם קעלער, פירן ביידע פּעזיק אויס זייערע ראָלן און איבערטרייבן ניט אויף אַ האָר. נאַסטיאַ, די פאַרפירטע מיידל וועמנס יוגנט, שיינקייט און חן האָבן פאַר דער צייט פאַרבליט, ווערט מיט אויסערגעוויינלעכער פעזיקייט פאַרקערפּערט פון מאַדאַם חנה האָלענדער, וועלכע האָט די דאָזיקע שווערע ראָלע אויפגעפאַסט מיט גרויס פינקטלעכקייט. דאָס איז די מיידל, וואָס געפינט „זיך אין שענק און דאָך ווייט פון שענק". די סצענע ווען איר פאַרויכערטע און דאָך געלייטערטע נשמה רעוואָלטירט קעגן דער פאַרדאָרבנקייט פון וועלכער זי איז אַרומגערינגלט, מאַכט אַ טיפן איינדרוק. עס קאָן קיין צווייפל ניט זיין, אַז דער טאַלענט פון דיזער שוישפּילערין וואַקסט מיט יעדער נייער אינטערעסאַנטער ראָלע וואָס זי באַקליידט. מאַדאַם בערטאַ גערסטין אַלס נאַטאַשאַ האָט אַ ראָלע אין וועלכער זי האָט ניט אַזעלכע אינטערעסאַנטע מאָמענטן, כאָטש מער דראַמאַטישע, און זי איז אויך געראָטן, איבערהויפּט אין איר ליבע מיט וואַסקאַ אין וועלכער זי ווערט אַריינגעצויגן כמעט קעגן איר ווילן. די סצענע מיט די אָפּגעבריטע פיס פאַלט ניט אַזוי געלונגען אויס. מאַד. ליזאַ זילבערט איז שוין אַ ביסל אַ צו קרעפטיקע וואַסיליסאַ, קאָרפּולענט, צו אַ גרויסע מרשעת, ווייל אויך אין אַזעלכע האָט גאָרקי אַריינגעפלאַנצט אַ מענטשלעכן אָדער. סאַמואילאָוו אַלס דובנאָוו דער היטלמאַכער איז גוט גרימירט און ער פּאַסט אויסגעצייכנט אַריין צום „רימל". טענענהאָלץ אַלס וואַסקאַ דער גנב איז זייער לעבעדיק און ער מאַכט זיין „דזשאַב" ווי אַ גרויסע בריה. ער טויג אויך שטאַרק צום עסק ווען ער פאַרדרייט נאַטאַשאַן דאָס קעפּל. עס צייכענען זיך אויך אויס אין די קלענערע ראָלן הער מאַנע, הער פּישקינד, הער פערקויף און

מאד. פערקויף. עס איז אויך ווערט צו דערמאנען, אז די איבערזעצונג איז זייער גוט. א נייעס אין יידישן טעאטער. זי איז געמאכט פון מארק שווייד. אין אלגעמיין מוז אן אינטעליגענטער צושויער ארויסטראגן דעם איינדרוק פון פרענציס בעיקאנס גרויסן „זאג" — „די זון שיינט אויף ארעמע ווינונגען פונקט ווי אויף פאלאצן". זי קלייבט ניט איבער".

**י. פישמאן האט א קעגנגעזעצטע מיינונג. ער האלט, אז דוקא די יידישע בינע און אירע אקטיארן זיינען צוגעפאסט צו די רוסישע פיעסן. ער ווייזט אן, אז אמעריקאנער זיינען שטענדיק געווען נייגעריק צו קענען אייראפע און איר קולטור, וואס עס איז צו זען פון די פיל איבערזעצונגען אין ענגליש פון פארשיידענע אייראפעישע שפראכן. פון ליטעראטור איז מען לעצטנס אריבער צו אייראפעישע פיעסן, באזונדערס פון רוסישן לעבן, ווי ס'איז צו זען פון די אויפפירונגען אויף דער אמעריקאנער בינע פון טאלסטאיס „דער לעבעדיקער מת" און גארקיס „נא דניע", און ער פארגלייכט עס מיט די אויפפירונגען פון די זעלבע פיעסן אויף דער יידישער בינע:**

„מאריס שווארצס אויפפירונג פון דעם זעלבן שטיק [„נא דניע"] איז קריטיקירט געווארן ווייל, ווי עס איז באריכטעט געווארן, האבן די שוישפילער טיילווייז געשפילט אין א הומאריסטישן טאן. זיי האבן געמאכט שפאס פון שווארצן וואס ער האט געשפילט און דאס פובליקום פלעגט אפטמאל לאכן. מיר האבן ניט פארשטאנען, אז שווארצס פארשטעלן איז געווען עכט מיט דעם רוסישן גייסט, אז דער גייסט פון דער [דעם] שטיק פאדערט אן אויסמישונג פון טראגעדיע און הומאר, ווייל אפילו אין דער אונטערוועלט פארשטייען זיי דעם הומאר פון זייערע טראגישע אומשטאנדן.

דער הויפט פעלער פון דיזע אלע פארשטעלונגען ציינגט זיך ווידער ארויס אין דער אויפפירונג פון טאלסטאיס „מאכט פון פינסטערניש", וואס ווערט איצט געשפילט אין גארדען טעאטער פון טעאטער גילד.

...ביז איצט איז די בעסטע פארשטעלונג פון רוסישער דראמע געזען געווארן אויף דער יידישער און ניט אויף דער אמעריקאנער בינע, וועלכע דארף נאך א סך לערנען פון דעם כאראקטער פון די רוסן. אין דעם יידן איז עפעס דא א פארוואנדשאפט צו דעם סלאוו, ווי מיר זאלן עס ניט וועלן מודה זיין. מיר יידן פארשטייען די רוסן. עס וואלט געווען א וואונדער ווען מיר זאלן זיי ניט פארשטיין. אויסלאזנדיק פון חשבון די בינען־רעזשי און די געשמאקפולע דעקאראציעס פון דער ענגלישער בינע, איז אדלערס פארשטעלן פון „דער לעבעדיקער מת" געווען פיל בעסער ווי באַרימאַרס „רידעמפשאן", מאריס שווארצס פארשטעלונג פון „נא דניע" איז געווען פיל בעסער ווי די אין פלימוט טעאטער און אדלערס „מאכט פון פינסטערניש" מיט ראזענטאל, מרס. אדלער און מרס. אבראמאוויטש איז געווען פיל בעסער ווי די פארשטעלונג אין טעאטער גילד".

**ס. דינגאל שרייבט:**

„אויפפירן גארקין אויף דער יידישער בינע איז זייער אן אומדאנקבארע ארבעט. גארקי מוז האבן א רוסישע אטמאספערע. ער מוז האבן די שטארקייט און דעם שוווּנג פון דער רוסישער שפראך, און אויפפירן גארקיס „אויפן אפגרונט" איז טאפלט שווער. „אויפן אפגרונט" איז ניט קיין דראמע פון סיטואציע, נאר פון כאראקטער. ס'איז ניט קיין דראמע פון האנדלונג, נאר פון טיפן. יעדערער פון גארקיס העלדן טראגט זיין דראמע אין זיך, אין זיין אייגענער נשמה. נעמט יעדן טיפ באזונדער אראפ פון דער בינע און לאזט אים אויסריידן פאר אייך זיין הארץ, וועט איר זיך באגעגענען אויג צו אויג מיט א גרויסער דראמע. אויף דער בינע, אלע צוזאמען, פארשטעלן זיי זיך גיכער איינע די אנדערע, אנשטאט ארויסצוברענגען זיך מער בולט. גארקיס טיפן זיינען אינדיווידועלע. זיי פאסן זיך שלעכט אריין אין געזעלשאפט. דער שיקזאל האט זיי ניט צונויפגעבונדן, נאר צונויפגעווארפן צוזאמען. דאך איז יעדערער געבליבן ביי זיין אינדיווידואליטעט און דער ערפאלג פון דער פיעסע איז אפהענגיק פון דעם אויף וויפל יעדער טיפ האט בכוח ארויסצוברענגען זיין „איך" אויף דער בינע.

ווי אזוי האט יעדער פון די שוישפילער פון מאריס שווארצס טעאטער איז דער פיעסע ארויסגעבראכט זיין „איך"? דעם ערשטן פלאץ מוז אפגעגעבן ווערן צו מאריס שווארץ אלס „לוקא". לוקא איז א פרעמדער, א וואנדערער. ער האט זיין היים ערגעץ ניט און איבעראל. ער איז אלט און אייביק יונג. ער קאן קוים זיינע פיס רירן, און דאך ברענגט ער מיט זיך זון־שיין און טרייסט וווהין נאר ער קומט. ער איז א פארקערפערונג פון דעם ברייטן רוסישן הארץ, וואס איז פול מיט תשובה און רחמנות נאכדעם ווי עס באגייט די גרעסטע זינד. שווארץ האט אים געשפילט גוט, אויסגעצייכנט גוט. אין זיין גרים, שטימע, האלטונג, אין אלץ איז געווען פארקערפערט דער לעבעדיקער לוקא, און ווען ער איז געווען אויף דער בינע, האט ער זי דאמינירט. מען האט פון אים די אויגן ניט געקאנט אוועקרייסן.

אברהם טייטעלבוים האט געגעבן אן אויסגעהאלטענעם טיפ אין זיין ראלע אלס אקטיאר. ערטערווייז איז ער אונדז ניט זייער געפעלן. עס האבן דאך געמוזט זיין מאמענטן ווען דאס אלטע פייערל זאל זיך אויפכאפן אין זיין נשמה און ער זאל אין זיך באזיגן אי זיין „פון אלקאהאל פארסמטן ארגאניזם", אי זיך זעלבסט, און מיר זאלן אין אים כאטש אויף א מינוט זען דעם אלטן אקטיאר איידער ער איז געפאלן אין אפגרונט. גוסטאוו שאכט אלס „סאטין" האט געגעבן א פיינעם טיפ. ער האט אים נאר געמאכט א ביסל צופיל זעלבסטצופרידן, סאטין האט שלום געמאכט מיט דעם „אפגרונט", און וועט שוין דא, ווארשיינלעך, ענדיקן זיין לעבן צווישן בראנפן, שמוץ און קארטן. זיין נשמה דארף נאך אבער רעוואלטירן ערגעץ. זי פילט דאך, אז מענטשן האבן צו איר אן אומרעכט באגאנגען, און אין דער פארגאנגנהייט הענגט דאך נאך א שווערע טראגעדיע איבער זיין קאפ ...מארק שווייד אלס באראן וואלט געווען זייער גוט ווען ער וואלט נאר אין זיין פנים און אין זיינע מאניערן איבערגעלאזן מער סמנים פון זיין פארגאנגענער אינטעליגענץ אין שיכות צו דער הויכער געזעלשאפט. ווען שווייד אליין זאגט אונדז ניט, אז ער האט אמאל געטרונקען „קאפע מיט סמעטענע ליגנדיק אין בעט", וואלטן מיר עס אים אסור געגלייבט... טענענהאלץ אלס וואסקא האט געשפילט זיין ראלע צופיל אינטעליגענט. מיר האבן אפט געטראכט, אז ער איז מער סטודענט ווי גנב, וועמנס טאטע איז שוין א גנב געווען.

מוני וויזענפריינד אלס קאסילאוו האט געגעבן א גאנץ געלונגענעם כאראקטער אלס דער בעל־הבית פון דעם „אפגרונט־האטעל", וואס פארייניקט אין זיך פרומקייט, געלט־גייציקייט, אייפערזוכט און פייגהייט. ער האט אים נאר געשפילט א ביסעלע צו אלט. ביי גארקין איז ער א מאן פון א יאר פופציק, און אויף דער בינע איז ער געווען א מאן אין די ניינציקער. וויזענפריינד האט געהאט א קליינע ראלע, אבער ער האט זי גאנץ דייטלעך ארויסגעבראכט.

סקורניק [מנשה סקולניק], סאַמואילאָוו, פּישקינד און פּערקויף האָבן געהאַט קלענערע ראָלן און האָבן ניט שלעכט געשפּילט. סקורניק האָט נאָר געהאַט דעם חסרון, וואָס ער האָט פּיל ווערטער גערעדט צו זיך אַליין אַנשטאָט דאָס פּובליקום זאָל אים אויך הערן און בעסער באַגרייפן דעם טיפּ, וואָס זעט זיין איינציקע האָפענונג אין דעם טויט פון זיין פרוי, און אַז זי שטאַרבט שוין, ווייס ער ערשט ניט ווו אַהינצוטאָן זיך. דאָס קאָן מען ניט זאָגן וועגן די הערן מאַנע און דובינסקי. דער ערשטער האָט אין זיין ראָלע געדאַרפט פאַרקערפּערן די ברוטאַליטעט, לעכערלעכקייט און קאָרופּציע פון דער רוסישער פּאָליציי און גערעכטיקייט. אַנשטאָט דעם האָט ער געוויזן אויף דער בינע אַ הילצערנע, קוים באַוועגלעכע פיגור, וואָס האָט גאָרניט צוגעגעבן דער פּיעסע. דובינסקי אַלס אַליאָשקאַ האָט געדאַרפט זיין אַ פאַרקערפּערונג פון זאָרגלאָזיקייט, פרייד און אַ טיפּ פון אַ נאַר, וואָס קאָן אַלץ אָפּטאָן אומבאַשטראָפט, און אונטער דעם מאַנטל פון זיין נאַרישקייט, וואַרפן די גרעסטע אמתן אין פּנים אַריין פון דער זינדיקער וואַסיליאַ. דאָס האָט ער אָבער ניט געטאָן.

איבערגייענדיק צו די פרויען־ראָלן טוט אונדז לייד, וואָס די זייער טאַלענטירטע מאַדאַם גערסטען האָט דאָ געהאַט אַזאַ קליינע ראָלע צו שפּילן. מיר זיינען אונטער דעם איינדרוק, אַז אין אָריגינאַל ביי גאָרקין איז נאַטאַשאַ אַ גאַנץ באַטייטנטער טיפּ. דאָ האָבן מיר די מאַדאַם גערסטען מער געהערט שרייען ווי שפּילן. חנה האָלענדער אַלס נאַסטיאַ האָט אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט פעיִקייטן און טעמפּעראַמענט. אירע סצענעס ווען דער באַראָן זוכט צו ברעכן די ראָמאַנטישע לופט־שלעסער פון איר ליבע, און שפּעטער, ווען זי נעמט נקמה פון אים מיט איר צווייפלען אויב ער איז גאָר ווען עס איז געווען אַ באַראָן, זיינען דורכגעפירט געוואָרן גאָר שיין. אָבער אויסער דיזע סצענעס באַוועגט זי זיך אויף דער בינע אַזוי ניט יוגנטלעך, אַזוי פרעמד, פּונקט ווי דער „אָפּגרונט" וואָלט ניט געווען איר ריכטיקע היים, און אירע ראָמאַנטישע פאַנטאַזיעס וואָלטן ניט געהאַט אין זיך אַלע עלעמענטן צו באַפליגלען איר נשמה און אַריינלאָזן אַהין אַ ביסל זונענדיקע שטראַלן. שרה קוטנער [פרוי סקולניק] אַלס די קראַנקע אַננאַ האָט געשפּילט איר ראָלע זייער שיין און אַרויסגעבראַכט פילע שטריכן פון איר צאַרטע נשמה, וועלכע געדענקט אָן איר מאַן אַפילו אויפן טויטן־בעט און באַטראַכט אים מער פאַר אַן אומגליקלעכן ווי אַ שונא, וועלכער וואַרט אויף איר טויט. ליזאַ זילבערט אַלס וואַסיליסאַ האָט געשפּילט איר ראָלע אַ ביסל צו שרייענדיק, און אויב איר געשריי האָט אָפּט געגרילצט אין די אויערן, איז עס ניט איר שולד. אַ ראָלע אַזאַ!

צום סוף ווילן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער צום רעזשיסער אַליין. אויב ער האָט מוט, וואָלטן מיר אים ראַטן אַרויסוואַרפן דעם גאַנצן פערטן אַקט. די פּיעסע וואָלט דורכדעם פיל געווונען. דער פערטער אַקט צעשטערט נאָר דעם גוטן איינדרוק, וואָס בלייבט פון די פריערדיקע דריי אַקטן. די פּיעסע קאָן זיך פּונקט אַזוי ענדיקן מיט דעם סקאַנדאַל און פאַרשווינדן ווערן פון לוקאַ ווי מיט די אָפּגעבריטע פיס פון מאַדאַם גערסטען. אויב מיר וועלן ניט וויסן, אַז דער אַקטיאָר האָט זיך געהאָנגען, איז אויך קיין בייז ניט. מיר האָבן פון די ערשטע דריי אַקטן סיי ווי געוווּסט, אַז קיין גוטס פון אים וועט שוין ניט אַרויסקומען".



**ל. ק. [קוסמאַן] האָט גאָר אַ געהויבענע מיינונג סיי וועגן דאָס אויפפירן די פּיעסע און סיי וועגן שפּילן:**

„צופעליק אָדער ניט איז מאַקסים גאָרקיס אייגנאַרטיקע פּיעסע „אויפן אָפּגרונט" געקומען אין ניו־יאָרק גלייכצייטיק צו אויפפירונג סיי אין ענגלישן סיי אין אַ יידישן טעאַטער. ביי זיי איז האָפּקינס דער „שולדיקער", ביי אונדז — מאָריס שוואַרץ. עס איז ניט קיין וויץ: אַן ענגלישע צייטונג האָט געשריבן, אַז האָפּקינס האָט מיט זיין אויפפירונג פון מאַקסים גאָרקיס שילדערונג פון דעם רוסישן אָפּגרונט פון „געוועזענע" פאַרשטערט דעם ניו־יאָרקער קריסטלעכן עולם זיין פריילעכן קריסטמעס. ביי אונדז האָט אַ קריטיקער, און, דאַכט זיך, ניט איינער, געטאַדלט שוואַרצן למאַי [פאַרוואָס] פירט ער אויף אַזאַ שטיק, וואָס געהערט שוין [צו] דער פאַרגאַנגענהייט. מילא, זיי, די אַמעריקאַנער, מיט זייער אייגענעם באַגריף וועגן טעאַטער, קונסט, מאָגן זיך רעכט האָבן, אָבער ביי אונדז איז אַזאַ חקירה איבריק. אויב אַ דראַמע איז אַ קונסט־ווערק, איז שיין רעזשיסירט, ווערט גוט געשפּילט, און מיט אַנטציקונג אויפגענומען פון אינטעליגענטן צושויער, דאַן האָט זי אַלע רעכט אויפגעפירט צו ווערן צו אַלע צייטן. און דאָס איז דער פאַל מיטן „אויפן אָפּגרונט" אין אוירווינג פּלייס טעאַטער.

דאָס אוירווינג פּלייס טעאַטער, זיין דירעקטאָר מאָריס שוואַרץ און דער גאַנצער קאָמפּאַניע קומט די העכסטע אָנערקענונג פאַר דער אויפפירונג, רעזשי און שפּילן פון גאָרקיס „נאַ דניע". עס איז אַ פּיעסע געשריבן לויט דער אַזוי־גערופענער רוסישער שולע, וואָס אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע דראַמאַטישע שולן מיט איר זיך ניט קימערן איבער אַ „פּלאָט", מיט איר געבן איינצלנע בילדער אַנשטאָט איינינאַנדער געקניפּטע סצענעס. „נאַ דניע" איז די עקסטרעמסטע פּיעסע פון דיזער שולע און פאַר איר אויפפירונג איז נייטיק אַ סך קונסט־פאַרשטענדניש, שטרענגע רעזשי און באַזונדערס גוט שפּילן. די קאָמפּאַניע פון אוירווינג פּלייס טעאַטער האָט אַרויסגעצייגט, אַז זי פאַרמאָגט פון דעם אַלעם אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס. די אויפפירונג אין אוירווינג פּלייס טעאַטער איז אַ קונסט־ווערק. מאָג דאָ און דאָרטן זיין אַ שטיקל חסרון אין עפּעס. דאָס גאַנצע שפּילן „קלאַפּט", ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־לשון, און, ניט קוקנדיק, וואָס די פּיעסע אַליין איז אַ לאַנגע און אַ „שווערע", וויל מען זי דאָך זען מער ווי איין מאָל.

וועגן דער אויפפירונג און דאָס שפּילן פון „נאַ דניע" אין אוירווינג פּלייס טעאַטער וואָלט מען געקאָנט און געדאַרפט שרייבן אַ לענגערע אָפּשאַצונג, אָבער ליידער האָבן מיר ניט דאָ גענוג פּלאַץ פאַר דעם. קורצע באַמערקונגען וועגן די שוישפּילער אין זייערע ראָלן קלינגט ווי „אָטמיעטקעס" [אָפּצייכן]. דאָס ווייסן מיר, אָבער מיר קאָנען זיך ניט העלפן פון צו באַמערקן דאָ, אַז מאָריס שוואַרץ האָט געשאַפן אַ ווונדערבאַרן לוקאַ. ער האָט אים, אַזוי צו זאָגן, פאַראַלגעמייניקט, וואָס גאָרקי איז מיט דעם טיפּ אויסן געווען. טייטעלבוים האָט די טראַגישע פיגור פון דעם אַקטיאָר פאַרייביקט. מען וואָלט געדאַרפט דיזע פיגור אַראָפּנעמען אין סינעמעטאָגראַף פאַר אַ זכר לדורות [אַן אָנדענק פאַר גענעראַציעס]. אויסגעצייכנט איז אויך שאַכט אַלס סאַטין. אַלע איבריקע ראָלן ווערן גוט דורכגעפירט. באַזונדערס צו באַמערקן קאָן מען, דאָס בערטאַ גערסטען זעט אויס צו אָריענטאַליש פאַר אַ רוסיש מיידל, דערפאַר שאַפט זי אַ פּראַכטפולע סצענע אין דריטן אַקט. טענענהאָלץ אַלס וואַסקאַ איז זייער גוט אין די שטאַרקע דראַמאַטישע מאָמענטן. אין די וויכטיקע מאָמענטן איז ער שוין

שוואַכער, אָבער אַרום און אַרום צייגט טענענהאַלץ, אַז ער וואַקסט און אַרבעט פאַר דעם. שווייד אַלס באַראָן איז אַ טיפּ פון אַ „געוועזענעם“, [צי] אָבער פון אַ געוועזענעם באַראָן איז צווייפלהאַפט. די יונגע חנה האָלענדער צייגט, אַז גאָר אינגיכן וועט מען איר קאָנען אָנפאַרטרויען גאַנץ באַטייטנדע דראַמאַטישע ראָלן. די נייע אַקטריסע שרה קוטנער [סקולניק] צייגט אין איר אומדאַנקבאַרער ראָלע פון דער שטאַרבנדער פרוי אַרויס אַ סך טאַלענט און זי קאָן באַטראַכט ווערן אַלס אַ געווינס פאַר אונדזער טעאַטער. סאַמואילאָוו איז אַן אויסגעצייכנטער „בורלאַק“. דובינסקי איז זייער אַ לעבעדיקער אַליאָשאַ און מאַקס [מנשה] סקאָלניק גיט אַ כאַראַקטעריסטישן קלעשטש. ליזאַ זילבערט איז אפשר אַ ביסעלע צו „שטאַרק“ אין וואַסיליסאַ, אָבער זי שטעלט זיכער פאָר דעם נייטיקן טיפּ. באַזונדערס איז ווערט צו דערמאָנען הער ווייזענפריינד אַלס דעם בעל־הבית. פון דיזן יונגען שוישפּילער האָבן מיר זייער פיל צו ערוואַרטן. די איבריקע קלענערע ראָלן ווערן דורכגעפירט מער־ווייניק צופּאַסנד, אַזוי, אַז די גאַנצע פאָרשטעלונג פון „נאַ דניע“ אין אירווינג פּלייס טעאַטער איז זיכער איינע פון די קונסטפולסטע פאָרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער דעם סעזאָן“.

## „קרייצער סאָנאַטאַ“

**דעם 30 דעצעמבער 1919 פירט מאָריס שוואַרץ אויף יעקב גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ“ מיט דזשעני וואַליער אַלס „עטעניו“.**

**הלל ראָגאָף שרייבט:**

„מאַדאַם וואַליער, די דייטשע אַקטריסע, וועלכע שפּילט אויף יידיש אין מאָריס שוואַרצס אירווינג פּלייס טעאַטער, טרעט איצט דאָרט אויף אין דער ראָלע פון עטי אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ“. מאַדאַם וואַליער האָט געמאַכט אַ פוראָר ווען זי האָט צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן פאַרן יידישן פובליקום אין „די טענצערין“. זי האָט זיך דאַן פאַרן יידישן עולם אַנטפּלעקט אַלס אַ וווּנדערבאַרע קינסטלערין וועמענס גלייכן מען זעט זעלטן אויף אירגענד וועלכער בינע. אין דער ראָלע פון דער טענצערין איז זי אָבער געווען איינגעציבט פון בעפאָר [פריער] ווייל זי האָט עס געשפּילט אויף דייטש פילע מאָל. די פילע פאַרערער אירע האָבן געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט איר צו זען אין אַן עכט יידישער דראַמע און אין אַ נייע ראָלע, און דיזע געלעגנהייט גיט זי אונדז איצט שפּילנדיק אין „קרייצער סאָנאַטאַ“, און זי צייכנט זיך ווידער אויס, נאָך פיליכט מער ווי אין דער „טענצערין“, ווייל אין „קרייצער סאָנאַטאַ“ זיינען פאַר אַ גרויסער אַקטריסע פאַראַן פיל מער מעגלעכקייטן ווי אין יענער פּיעסע.

מאַדאַם וואַליער באַזיצט די אַלע אייגנשאַפטן, וואָס אַ גרויסע קינסטלערין אויף דער בינע מוז באַזיצן. זי האָט טעמפּעראַמענט, אינטעליגענץ. זי האָט די פעיִקייט אויסצודריקן אַלע פאַרשידענע געפילן אָן ווערטער. ווען זי שפּילט, לעבט זי איבער אירע ראָלע יעדן מאָמענט, וואָס די געפינט זיך אויף דער בינע, צי זי באַטייליקט זיך אין דער האַנדלונג צי ניט. זי פאַרלירט ניט אויף אַ מינוט דעם טאָן און די האַלטונג.

אין „קרייצער סאָנאַטאַ“ האָט זי די געלעגנהייטן אַרויסצוברענגען די שטאַרקסטע געפילן פון אייפערזוכט, ליבע, שרעק, אַנטוישונג, טרויער, און זי האָט אויך די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען די איבערגאַנגען פון איין סאָרט געפיל צו אַ צווייטן, און אין די אַלע פעלע צייגט זי זיך אַרויס אַ מייסטער, אַ וואַרע קינסטלערין. ווען זי באַווייזט זיך אין דעם ערשטן אַקט אַ צעבראָכענע, אַ דערשלאָגענע, ווערט דער גאַנצער טעאַטער אָנגעפילט מיט מיטלייד פאַר איר. איידער זי רעדט נאָך אַרויס אַ וואָרט, געווינט זי די הערצער פון יעדן איינעם אין דאָס פובליקום, און דיזער איינדרוק פון טיפער סימפּאַטיע פאַר איר און אירע ליידן וואַקסט פון מינוט צו מינוט און איר טראַגעדיע באַצווינגט די הערצער און נשמות פון די צושויער די גאַנצע צייט וואָס די פּיעסע ווערט געשפּילט. דיזער פונקט איז זייער אַ וויכטיקער. ער ווייזט אויך ווי ווייט איר טאַלענט ערהייבט זיך איבער די פעיִקייטן פון די איבריקע שפּילער, וואָרעם די פּיעסע שילדערט די טראַגעדיעס פון נאָך איניקע פערזאָנען, אָבער איר שפּילן געווינט אַריבער אַלעס צו זיך און עס בלייבט זייער ווייניק פּלאַץ אין די געפילן פון די צושויער פאַר די איבריקע מיטליידנדע אין דער דראַמע.

מיר מיינען ניט דערמיט צו זאָגן, אַז די איבריקע אַקטיאָרן שפּילן שלעכט זייערע ראָלן. פאַרקערט, די אויפפירונג איז אַ, אַלגעמיין גענומען, אַ גאַנץ געלונגענע. די ראָלע פון רפאל פרידלענדער, געשפּילט פון סאַמואילאָוו, ווערט אינטעליגענט און נאַטירלעך דורכגעפירט. סאַמואילאָוון פעלט בלויז אַ געוויסע וואַרימקייט אין מאַנכע סצענען, אַ געוויסע האַרציקייט אום אויסצודריקן גרינטלעך די טראַגעדיע פון דעם אַלטן פאָטער. מיר גלייבן אָבער, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געהאַט גענוג געלעגנהייט די ראָלע איינצושטודירן, וואָס ער איז אין איר ניט גענוג איינגעציבט. נאָך עטלעכע מאָל שפּילן און סאַמואילאָוו וועט זיין אַ געלונגענער רפאל פרידלענדער. דובינסקי אין דער ראָלע פון אפרים קלעזמער האָט נאָך אַ מאָל באַוויזן, אַז ער איז אַן אַקטיאָר אויף וועלכן מען קאָן לייגן גרויסע האָפנונג. ער האָט די ראָלע געשפּילט אויסגעצייכנט גוט. ער האָט איר געגעבן אַן אייגענע אויפפאַסונג און האָט ניט געזוכט נאָכצומאַכן די וואָס האָבן זיך פריער אין איר אויסגעצייכנט. דובינסקי שאַפט אַ טיפּ אַ שטימונג אַרום דעם טיפּ. דאָס איז עטוואָס וואָס ניט פילע אַקטיאָרן קאָנען טאָן. דאָס קומט דערפון, וואָס ער באַזיצט פּערזענלעכקייט, אייגנאַרטיקייט, און אַן אַקטיאָר וועלכער באַזיצט דאָס, קאָן זייער הויך ערייכן. ער דאַרף נאָר זיין איבערגעגעבן זיין קונסט. מיס חנה האָלענדער אין דער ראָלע פון צילי האָט אויך געליטן דערפון, וואָס זי האָט ניט געהאַט די געלעגנהייט די ראָלע גוט איינצושטודירן. זי האָט אָבער באַוויזן, אַז זי פאַרשטייט די ראָלע און אַז זי האָט גענוג טעמפּעראַמענט און אינטעליגענץ די ראָלע ריכטיק דורכצופירן. זי האָט אויך באַוויזן, אַז זי איז פריי פון די מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן מיט וועלכע דראַמאַטישע שוישפּילערינס זוכן צו פאַרבלענדן די אויגן פון די צושויער אין „אומאָנגענעמע“ מאָמענטן. מאָריס שוואַרץ אין דער ראָלע פון גרעגאָרי איז ניט געראָטן. ער זעט אויס און שפּילט ווי דער טיפּישער אינטריגאַנט, און באַנוצט די קונצן, וואָס דער אינטריגאַנט אין מעלאָדראַמע מאַכט געוויינלעך. ניט שלעכט איז טייטעלבוים אין דער ראָלע פון מישאַ, מאַדאַם זילבערט אין דער ראָלע פון נאַטאַשאַ און מאַדאַם פערקויף אין דער ראָלע פון מאַדאַם קלעזמער. אין גאַנצן שלעכט און ניט אַם פּלאַץ איז מאַדאַם לאַנסקי אין דער ראָלע פון מאַדאַם פרידלענדער“.

**דר. י. וו. שרייבט:**

„'עטעניו' פון י. גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ" איז אַ קאָמפּליצירטע נאַטור און זי גיט אַ מעגלעכקייט פאַר יעדער גרויסער אַקטריסע זיך אויסצוצייכענען, און דזשעני וואַליער, די גרויסע דייטשע קינסטלערין, וואָס שפּילט איצט אין „אירווינג פּלייס טעאַטער", האָט זיך אויסגעצייכנט. און דערביי האָט זי די ראָלע, און די הויפּט־סצענען, ניט געשפּילט אַזוי ווי די פריערדיקע פלעגן דיזע ראָלע שפּילן. אין ערשטן אַקט בלייבט מען אַ ביסל „דיסאַפּאָינטעט" [אַנטוישט], ניט דערפאַר ווייל זי שפּילט שלעכט, נאָר ווייל זי מאַכט ניט גענוג איינדרוק, ווייל זי איז שוין אַ ביסעלע צו שטיל, און ווען מען זעט זי ניט אין די ווייטערע אַקטן, קאָן מען מיינען, אַז זי פאַרמאָגט ניט קיין ברעקל טעמפּעראַמענט. קיין גרעסערן טעות קאָן מען אָבער ניט מאַכן. ווי עס ווייזט אויס, שפּאָרט זי איר ענערגיע פאַר די מער וויכטיקערע סצענעס. אין צווייטן אַקט זעט איר פאַר זיך אַ ריז אין בוכשטאַבלעכן זינען פון דיזן וואָרט. די סצענע ווען גרעגואַר דערלאַנגט איר אַ פּאַטש און ווי זי רופט זיך אָפּ אויף דעם, איז אמת פּראַכטפול, און די שלוס־סצענע פון דעם זעלבן אַקט פירט זי דורך גאַנץ אייגנאַרטיק, און איר בלייבט אַ לאַנגע צייט אונטערן „ספּעל" [איינדרוק] פון איר שפּילן. און אַזוי איז זי אין דריטן אַקט און אין פערטן אַקט. זי האָט דאָרט אַ סצענע מיט איר שוועסטער, ווען איר פּנים ווערט אַזוי רויט פאַר כעס און שמערצן, אירע אויגן און האַלדז ווערן ווי געשוואָלן, אַז עס פאַרכאַפּט אייך דעם אָטעם. און איר אויסגעשריי צום סאַמע סוף פון דער סצענע, נאָכדעם ווי זי דערשיסט גרעגואַרן, איר מאַן, און איר שוועסטער, און זי ווערט ווי משוגע פון ניט קאָנען מער אַריבערטראָגן די ליידן, אָט דער אויסגעשריי מאַכט אייך פּשוט ווילד.

איר יידיש איז גאָרניט שלעכט. זי באַהערשט די שפּראַך פיל בעסער אַלס גרעטאַ מייער, וועלכע האָט אויך געשפּילט די זעלבע ראָלע אין יידיש. מען קאָן מיט זיכערהייט באַהויפּטן, אַז דזשעני וואַליער וועט מיט דער צייט אַ זייער גוטן יידיש ריידן.

וועגן „קרייצער סאָנאַטאָ" איז שוין פיל מאָל געשריבן געוואָרן. איך וועל זיך דאָ דערפאַר ניט אָפּשטעלן אויף די איבריקע. דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָס שפּילן פון די איבריקע ניט שטאַרק נאָכגעפאָלגט. דזשעני וואַליערס „עטעניו" פאַרלאַנגט אייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. זי רייסט אייך מיט און איר מוזט אין אַלעס אַרום זיך פאַרגעסן. דאָך אָבער האָט מען געמוזט זען דובינסקין, וואָס האָט אויסגעצייכנט געשפּילט „אפרים פידלער", דעם קלעזמער. ער איז פּשוט ברילִיאַנט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך זע אים אַזוי גוט שפּילן אַ יידישע ראָלע. דעם אמת געזאָגט, האָב איך ערוואַרטעט צו זען דעם יונגען כאַראַקטער־קאָמיקער וויזענפריינד אין אָט דער ראָלע. איך ווייס ניט פאַרוואָס עס ווערט ניט געגעבן יענעם טאַלענטפולן יונגעמאַן כאָטש איינמאָל אַ געלעגנהייט אין אַ גרעסערע ראָלע אויפצוטרעטן".

**א. פ־ן [פרומקין] שרייבט וועגן דזשעני וואַליערס אויפטריט אין „קרייצער סאָנאַטאַ":**

„איך האָב געזען דזשעני וואַליער אַלס „עטי פרידלענדער" אין יעקב גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאָ". דאָס איז איר צווייטע ראָלע אויף דער יידישער בינע. און אַזוי ווי אין דער ערשטער, „די טענצערין", מאַכט זי אויך דאָ אַ באַטייטנדן ערפאָלג. זי נעמט אויס ביים טעאַטער־פּובליקום און אפשר נאָך מער ביי די טעאַטער־רעצענזענטן. איינער פון זיי לויבט און דאַנקט דעם גרויסן, ברייטן, רייכן אַלוועלטלעכן הימל, וואָס ער האָט אונדז געגעבן כאָטש איין איינציקן שטערן אין אויסטויש פאַר די אַלע לייכטנדע און וואַרעמע זונען, וואָס ער האָט ביי אונדז צוגענומען און וואָס ער נעמט ביי אונדז צו טאָג פאַר טאָג. . . . אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסן דעם אונטערשייד: בעת ווען אונדזערע טאַלענטן, אַז זיי גייען אַוועק צו זיי, זיינען זיי על פּי רוב צוגעגרייט דערצו, און די וועלט האָט די פולע הנאה פון זיי, איז מיט אונדז דער פאַל גאַנץ אַנדערש. אַז עס פאַרבלאָנדזשעט שוין אַמאָל אַ פרעמדער טאַלענט צו אונדז, איז ער פרעמד און מייסטנס צו אַלט צו אַקלימאַטיזירן זיך און זיך איינלעבן אין אונדזער סביבה, און ווילן מיר זיך ווירקלעך לאַבן מיט אים, קאָנען מיר עס נאָר אַריבערטראָגנדיק זיך אין אַ וועלט, וואָס איז מער אָדער ווייניקער זיינע. אין „די טענצערין" האָב איך געזען אַ נייע ערשיינונג אויף אונדזער בינע; אַן אינטערעסאַנטע אַקטריסע און אַן אינטערעסאַנטע ראָלע, דזשעני וואַליער און די טענצערין צוזאַמענגעשמאָלצן, איין גוס. אין „קרייצער סאָנאַטאָ" האָב איך געזען אַזויפיל דזשעני וואַליער און אַזוי ווייניק עטי פרידלענדער.

געוויס איז דאָ אייגנאַרטיקעס אין דער עטעניו, וואָס זי שפּילט. דאָ און דאָרט בליצט דורך אַ שיינער, פיינער שטריך, וואָס איר האָט נאָך ביז אַהער ניט געזען. ביים שלוס פון צווייטן אַקט ווען זי בלייבט שטיין מיט די הענט אַראָפּגעלאָזן און זאָגט מיט אַ פעסטער אָבער כמעט שטילער שטימע: „ציליע פאָרט אויף דער פאַרם", מוזט איר זיך דערמאָנען אין דער זעלבער סצענע ביי אַנדערע יידישע שוישפּילערינען, אַפילו די בעסטע פון זיי, וועלכע פלעגן דעם אַקט אימער ענדיקן מיט אַ שרייענדיקן טאָן און מיט דעם געוויינלעכן באַנאַלן פּאַטאָס. איר שפּילן אין גאַנצן פערטן אַקט, אין די שטילע ווי אין די ברויזנדע סצענען, נעמט אייך פּשוט דורך. ס'איז עטוואָס זעלטענעס אויף דער יידישער בינע. אָבער אין דעם אַלעם זעט איר פאַר זיך דזשעני וואַליער. פאַר אייך שטייט די אַקטריסע. וווּ איז עטי פרידלענדער? זעלטן ווען זי דערשיינט פאַר אייך ווי גאָרדין האָט זי אייך געשילדערט. איר פעלט עס אַמשטאַרקסטן אין דער פרעמדקייט, וואָס הערשט צווישן דער טאָכטער און איר טאַטען וועמנס פּראָטאָטיפּ, וועמנס נשמה זי איז אייגנטלעך. און אַפילו צווישן עטין און דער נאַניאַ [אַם] איז ניטאָ יענע צאַרטע, יענע רירנדע צוגעבונדנקייט . . . אויף שריט און טריט פילט איר געבונדנקייט, איר אומפרייהייט דורכדעם, וואָס זי באַהערשט ניט די שפּראַך. דאָ פיל מער ווי אין „די טענצערין". גאַנץ אָפט גריצלט אין די אויערן אַ פאַרקערט אַרויסגערעדט וואָרט. ווען ניט ווען איז זאָגאַר די אינטאָנאַציע פאַלש — פאָרט אַ גויע, וואָס פלאָגט זיך נעבעך צו ריידן יידיש — דערצו זינגט זי מער ווי זי רעדט. אָפּטמאָל קלינגט אייך דאָס דאָזיקע דעקלאַמירן גאַנץ אָנגענעם, אָבער אין פילע פלעצער ווערט איר איינפאַך בייז אויף אַזאַ אומפּאַסנדע מוזיק. ...איר גייט אַרויס פון טעאַטער און איר טראַכט ביי זיך: ס'איז דזשעני וואַליער, אַזויפיל דזשעני וואַליער. איר האָט זי געזען איינמאָל אַלס „די טענצערין", איצט נאָך אַמאָל, און איר וועט זי געוויס ווידער גיין זען ווען זי וועט אויפטרעטן אין אַ נייער ראָלע. איר וועט זיך גאָרניט קאָנען העלפן. איר וועט זי מוזן גיין זען, אָבער עטי־פרידלענדער? וווּ איז עטי פרידלענדער?

...פון אַלע אַנדערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער פּיעסע זיינען דאָ דריי, וועלכע ציען צו באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דורך זייער שפּילן און פאַרדינען שטאַרק געלויבט צו ווערן: דאָס זיינען מאַדאַם זילבערט אַלס די אַלטע נאַטאַשאַ, דובינסקי אַלס אפרים פידלער און טייטעלבוים אַלס סאַמואיל. קיין בעסערע נאַניאַ ווי מאַדאַם זילבערט שפּילט, קאָן מען זיך קוים ווינטשן. זי איז אויסגעהאַלטן און רירנד פון אָנהייב ביזן סוף. זייער אינטערעסאַנט און לעבעדיק איז דער טיפּ פון דעם פידלער, וואָס דובינסקי גיט אונדז און ער האַלט דעם עולם אין פולער שפּאַנונג. בלויז זיין מימיקע איז צייטנווייז, שיינט מיר, ניט גאַנץ פּאַסיק פאַר אפרים דעם קלעזמער ...טייטעלבוים טראָגט אַריין אַ נייעם שטריך אין דעם טיפּ פון סאַמואיל. מיר זעען טאַקע דעם לייכטזיניקן, בלאָפערישן, פּוסטן יונג, אָבער דאָך ניט אַזאַ לאָבוס ווי די מייסטע זיינען געוווינט אים פאַרצושטעלן. ס׳איז דאָך פאָרט אַ זון פון רפאל פרידלענדער, און טייטעלבוים פאַרשטייט דורך זיין אויסגעצייכנטע האַלטונג אויף אַ קענטיקן אופן אַרויסצוברענגען דעם דאָזיקן אונטערשייד. ליידער איז ניטאָ קיין איבריק גוטעס צו זאָגן וועגן די צוויי הויפּט מענערראָלן: רפאל פרידלענדער און גרעגואַר. מיר שיינט, אַז מאָריס שוואַרץ האָט געפעלט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן די צווייטע ראָל, גרעגואַר, אַנשטאָט צו שפּילן רפאל פרידלענדער. אַלס גרעגואַר טוט ער ניט אויף קיין חידושים. מיר וואָלטן ווינציק־וואָס אָנגעוואָרן ווען אַן אַנדערער שפּילט די ראָלע, אָבער מיר וואָלטן דאַן אָן צווייפל געהאַט אַן אינטערעסאַנטן פרידלענדער. סאַמואילאָוו איז ווייט ניט דערוואַקסן צו דער גרויסער, שווערער ראָלע. ער איז אַ גאַנץ פעיקער אַקטיאָר, אָבער רפאל פרידלענדער איז איבער זיינע כוחות. ס׳איז ניטאָ די אימפּאָזאַנטע ווירדיקייט פון דעם רוסיש־יידישן סוחר, ניטאָ די ברייטע רוסישע נשמה, ניט דער אויסדרוק פון זיינע טיפע יסורים. גאַנץ געלונגען פירט חנה האָלענדער דורך די ראָלע פון צילע. זי האָט עטלעכע איינדרוקספולע מאָמענטן ...ניט שלעכט זיינען געווען מאַדאַם ליאַנסקי אַלס די פרוי פרידלענדער, מאַדאַם פערקויף אַלס די פרוי פון אפרים פידלער און דאָס מיידל, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון יינגל אַלבערט״.

**אוריאל מזיק איז באַגייסטערט פאַר איר אינטערפּרעטאַציע פון „עטי״:**

„עס איז געווען איין געדאַנק, וואָס האָט באַהערשט דעם שרייבער פון די דאָזיקע ציילן ווען ער האָט געזען מאַדאַם וואַליער אַלס עטי, און דאָס איז, אַז עס קאָן זיין דאָס די מענטשהייט, וואָס האָט אַזויפיל גענומען ביי אונדז יידן, הייבט אָן צוריקצוצאָלן דעם גרויסן חוב, וואָס זי איז אונדז שולדיק. וואָרעם אין דער אמתן קומט עס דען ניט אויס וווּנדערלעך דאָס אַנשטאָט דעם, וואָס יעדער מער אָדער ווייניקער באַגאַבטער מענטש ביי אונדז יידן, רייסט זיך פון אונדז אַוועקצוגיין אַהין, ווו עס איז ברייט, פריי, רייך און שיין, קומט גאָר צו אונדז איינע פון זיי און שאַפט עטוואָס נייעס, גוטס און פרישס פאַר אונדזער פּובליקום.

דאָס וואָס מיס וואַליער, וועלכע האָט געשפּילט ביז איצט אויף אונדזער בינע „די טענצערין״ מיט אַזאַ גרויסן ערפאָלג, האָט נאָך ניט געציינט, אַז מיר האָבן אין איר געוווּנען עפּעס, וואָס זאָל אַ שטויס טאָן פאָרווערטס די שוישפּיל־קונסט אונדזערע, איז צוליב דעם, ווייל די טענצערין איז ניט קיין יידישער טיפּ.

עס איז גאָרניט נייטיק געווען איר מאַטערן זיך צו ריידן יידיש. דער מהות מענטש, וועלכן זי האָט אַרויסגעבראַכט, איז פאַר אונדז אַ פרעמדער, און ווען מען האָט גענומען אָנאָנסירן, אַז די זעלבע אַקטריסע וועט אויפטרעטן אַלס עטי, האָט מען מיט רעכט געקאָנט צווייפלען, אַז זי וועט שאַפן עטוואָס ווערטפולעס. עס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך, אַז אַ ייד זאָל קאָנען שפּילן די ראָלע פון אַ קריסט, אָבער עס טרעפט אַזוי זעלטן, אַז אַ קריסט זאָל שפּילן גוט די ראָלע פון אַ יידן...

ווער איז עטי? אָן ספק, אַז דער טיפּ, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער און באַקענט אין אונדזער אַרטיסטישער וועלטל, און טיילווייז אויך ביים פּובליקום, איז געבראַכט געוואָרן צו דער וויכטיקייט נאָר אַ דאַנק דער אַרבעט פון דער ערשטער שוישפּילערין, וואָס האָט עס געשפּילט, וואָרעם אָן און פאַר זיך איז די פּיעסע „קרייצער סאָנאַטאַ״ ניט פון קיין גאַנץ הויכן ווערט. אין איר צוזאַמענשטעלונג פילט זיך די האַנט פון אַ קלוגן בעל־מלאכה און ניט פון קיין אַרטיסט. די מענטשן זיינען עפּעס מאָדנע אויפגעבלאָזן, די סיטואַציעס — איבערטריבן, און עס מאַכט אַ מאָדנעם פריקרען איינדרוק. די פרוי פרידלענדער איז ניט קיין יידישער טיפּ. איר טאָכטער צילע איז אַ פאַרזעעניש. סאַמואיל, זייער זון, אַן אידיאָט, גרעגואַר, אַ שלעכטער, פאַרדאָרבענער קערל, און ניט דערפאַר ווייל האַנדלונג פאָדערט עס, און ניט דערפאַר ווייל דער שרייבער האָט די דאָזיקע מענטשן געמאָלן אין אַ באַשטימטער ליכט. ניין, דאָס ניט. עס פילט זיך גלאַט אַ מין אָנגעוואָרפנקייט, אַ צעפלאָנטערניש, אָן וועלכער ניט איז איבערצייגונג און אמת. און אָט אַזוי איז אויך אַרויסגעבראַכט עטי, אַ מיידל, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ביכער (ד. ה. אַ געבילדעטע). זי האָט געהאַט אינטימע פאַרהעלטנישן מיט אַן אָפיציר. זי איז געווען גרייט צו שמדן זיך (אַ סימן פון כאַראַקטער), און דאָ לאָזט זי זיך פאַרשלייערן פאַר אַ מענטשן, וואָס שטייט טויזנט מאָל נידריקער פון איר. ער שלאָגט זי, און זי דולדעט עס. ער טראַמפּלט [טרעט] מיט די פיס אירע בעסטע און שענסטע זכרונות, און — גאָרניט. זי טראָגט עס אַריבער ווי אַ שקלאַף, ווי אַ מענטש אָן ווילן און אָן כוח, און דאָס אַלץ פּאַסירט ניט אין רוסלאַנד, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, נאָר דאָ אין אַמעריקע, אין אונדזער צייט, ווו די פרוי פאַרנעמט אַזאַ גרויסן אָרט אין דער אינדוסטריע און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. מאַדאַם קאַליש איז געווען די יעניקע, וואָס האָט דעם טיפּ עטי מיט אירע כוחות געשאַפן און אים געמאַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע ראָלעס אין אונדזער רעפּערטואַר. עס איז תמיד די אַמביציע פון יעדער יונגער אַקטריסע צו שפּילן עטי. די זאַך איז אָבער, וואָס מאַדאַם קאַליש און די, וואָס שפּילן עס נאָך איר, האַלטן זיך אָן דער טראַדיציע פון דער גאָרדין־עפּאָכע אין דער שוישפּיל־קונסט, און דאָס מיינט איבערטריבענע פּאָזע, דעמאָנסטראַטיווע עפעקטן, הויכער געוויין און גרילצנדער יאָמער. אַלץ ווערט געטאָן אויף אַ שרייענדן, נערוון־צופּנדן אופן, און זאָל מען פּרוּוון טאָן אַנדערש, פאַרשרייט מען דער יעניקער אַלס אַ פאַרשווערערין פון דער הייליקער קונסט, ווי גאָרדין האָט עס געלערנט.

מיס וואַליער אַלס אַ פרעמדע, שוין ניט ריידנדיק וועגן איר טאַלענט, איז פריי פון די אַלע זאַכן. פאַר איר איז עטי אַ טיפּ פון אַ ליידנדער פרוי, וואָס דאַרף וויינען, זיך בייזערן, באַפעלן, האַסן און ליבן, און זי איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט די מיטלען, וועלכע זי באַזיצט. זי ווייסט מסתמא, אַז יאָמערן פיל מאַכט אַ שלעכטע ווירקונג אויף די צושויער, און זי באַגרייפט, אַז באַפעלן מיינט ניט דונערן און טופּען מיט די פיס. שוין אין

דעם ערשטן אַקט (דער שוואַכסטער טייל פון איר שפּילן), ווען זי רעדט צו גרעגוואַרן וועגן איר טרייהייט און איבערגעבנהייט, אויב ער וועט זי כאָטש וויפל ניט איז רעספּעקטירן, איז געווען אַרויסגעבראַכט ווונדערלעך שיין. די יסורים, דער שטורם אין איר נשמה, איז געווען פאַרבאָרגן. מיר האָבן עס געפילט, אָבער עס האָט ניט געריסן די אויגן, און עס איז אַ כלל, אַז די ניט־אַרויסגעבראַכטע טרערן רירן פיל מער אונדזערע הערצער ווי די אויסגעוויינטע, און אָט אַזוי איז אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן איר באַפעל, אַז ציליע זאָל פאָרן אויפן פאַרם. שטיל, מיט פאַרביסענע ליפּן, גיכער מיטן אויסדרוק פון פּנים, פון די אויגן, האָט זי אַרויסגעבראַכט דעם שטאַרקן ווילן פאַר וועלכן די שוועסטער מוז זיך בייגן. עס איז אַרויסגעקומען איבערצייגנד, איינדרוקספול און אמת. נאָר צו איר העכסטער שטופע האָט זי דערגרייכט אין דריטן אַקט, ווו עטי איז די הויפּט־פיגור. איר לעזן דעם בריוו פון דעם געליבטן מענטשן, דער פאַרשטיקטער קול, דער ציטער, די נייטיקע שטילקייט און רויִקייט, דער אומעט און יאוש, זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן מייסטערהאַפט. עס איז שוין לאַנג, אַז דעם שרייבער איז אויסגעקומען צו זען אַרטיסטיק פון אַזאַ הויכער מדרגה. אָבער מיר האָבן געוואַרט מיט גרויס אינטערעס צו זען דעם שלוס פון דריטן אַקט, די סצענע ווי עטי נעמט אַרום איר פאָטער און איר קינד. די סצענע ווערט ביי אונדז אַרויסגעבראַכט אַזוי הויך, אַזוי גרילצנד, אַז עס ווערט פּריקרע אויף דער נשמה, אָבער דאָס איז שוין אַזאַ מנהג. קיין אַקטריסע וואָגט ניט אַנדערש צו טאָן, אָבער מיס וואַליער וויס פון דעם ניט. זי האָט דאָ געזען פאַר זיך אַ בילד פון צערטלעכקייט, ליבע, און אין אַזעלכע מאָמענטן שרייט מען ניט. דאָס קומט פאַר מער אין זיך ווי מען קאָן דאָס אַרויסברענגען, און אָט אַזוי האָט זי געהאַנדלט. איר געזיכט איז באַגאָסן געוואָרן מיט זיסקייט און פרייקייט, וואָס מען קאָן נאָר זען אויפן פּנים פון אַ ליבנדער מוטער, און די ווערטער האָט זי שטיל אַרויסגעשעפּטשעט. געוויס קאָן מען אויסגעפינען דעם אָדער יענעם חסרון אין דעם שפּילן פון מיס וואַליער אַלס עטי, אָבער דאָס זיינען חסרונות, וואָס קומען פון אָביעקטיווע זאַכן. די עטי, וועלכע מיר האָבן געזען אין איר שפּילן, איז געווען עטוואָס שטיף פאַר אַ יידישע פרוי. דאָ און דאָרטן האָט מען געקאָנט מערקן, אַז די אינטאָנאַציע שטימט ניט מיט די ווערטער, אָבער דאָס איז דערווייל אומפאַרמיידלעך. די שפּראַך איז אויסגעלערנט. עס איז ניט קיין אָפּקלאַנג פון איר נשמה. ...נאָר דאָס זיינען קלייניקייטן, וואָס וועלן פאַרשווינדן מיט דער צייט. אין אַלגעמיין איז דער שפּילן פון מיס וואַליער אין דער ראָל פון עטי אַ גרויסער געווינס פאַר אונדזער בינע. די דאָזיקע ניט־יידישע אַקטריסע וועט אפשר זיין איינע פון יענע, וואָס וועלן העלפן אַ שטויס טאָן אונדזער יידישע שוישפּיל־קונסט פאָרווערטס.

עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען, אַז אין דער „קרייצער סאָנאַטאַ“, ווי עס איז געשפּילט געוואָרן אין דעם „אירווינג פּלייס טעאַטער“, האָט זיך געפילט עטוואָס נייעס. עס איז ניט געווען יענער שאַבלאָנער טאָן, וואָס שלעפּט זיך נאָך אַלע גאָרדינס פּיעסן. פיל בייגעשטייערט דערצו האָט ה׳ דובינסקי אַלס אפרים קלעזמער. פון די אַלע אפרימס, וואָס מיר האָבן געזען זינט טאָרענבערגן, דאַכט זיך אונדז, אַז דובינסקי איז געווען דער בעסטער. ער איז געווען דער מוזיקאַנט פון דער אַלטער וועלט, אַ לוסטיק, עטוואָס הפקרדיק מענטשל מיט אַן אַרטיסטישער נשמה. דער דאָזיקער שוישפּילער האָט געשאַפן דעם טיפּ, און דאָס איז זייער



וויכטיק. עס איז ניט געווען קיין ייד פון אַ גאַנץ וואָך. מען האָט אים געגלייבט, אַז די פידל איז אַ טייל פון זיין נשמה.

גוט געפעלט האָט דעם שוישפּילער עטוואָס בויגיקייט, זיכערקייט און טאַקט. די באַוועגונגען, דער קער און ריר, די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען צו האַסטיק. אָפּטמאָל איז איינגעפאַלן, אַז אונטער דעם פאַרוק, אונטער דעם גרויען בערדל און אויסגעקרומטער פּלייצע באַהאַלט זיך אַ גאַנץ יונגער בחור. אויך איז דער הער טייטעלבוים (אַלס סאַמועל) געווען גוט און האָט אַרויסגעבראַכט עטוואָס נייעס. מיר זיינען אַלע געווינט צו זען אין דעם דאָזיקן בחור אַן אידיאָט, אַ פּלאַפּלער, אַ טשוטשעלע, אָבער ה׳ טייטעלבוים האָט געשאַפן אַ טיפּ פון אַ בעל גוזמא, אַ לופטיק מענטשל מיט אַ גוטער נשמה, אָבער דער עיקר, וואָס האָט זיך געזען, איז דער מענטש. אַזאַ ווי דער סאַמועל קאָן מען טרעפן אָפט אין ווירקלעכן לעבן. הער סאַמויִלאָוו (אַלס רפאל פרידלענדער) איז געווען מאָמענטנווייז גאַנץ גוט, אָבער עס פעלט אים די ברייטקייט פון נגידישן טיפּ. הער שוואַרץ אין דער ראָלע פון גרעגוואַר האָט קיין נייעס ניט געשאַפן. עס איז געווען דער געוויינלעכער טיפּ פון דעם „ליבהאָבער“. מאַדאַם זילבערט (אַלס נאַטאַשאַ) איז געווען צו שרייענד און גאַנץ ווייניק מאַלאָרוסישע פּויערטע. עס האָבן אויך געשפּילט מיס חנה האָלענדער (אַלס ציליע), מאַדאַם ליאַנסקי (אַלס חוה) מאַדאַם פּערקויף (אַלס ביילע די קלעזמערקע) און מיס שוואַרץ [שפּעטערדיקע — זעלדע זלאַטין] (אַלס אַלבערט, עטיס זון).“

## „נאָך דער חתונה“

**דעם 14 יאַנואַר 1920 ווערט א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „נאָך דער חתונה“ פון לעאָן קאָברין, וועלכע איז שוין פריער געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער דורך באָריס טאָמאַשעווסקי א״נ „בערטשיק אין אַמעריקע“.**

**לואיס ליפּסקי שרייבט:**

„צו זיין בענעפיס לעצטן מיטוואָך אָוונט האָט מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט לעאָן קאָברינס אַן אַלטע שטיק. עס ווערט איצט אָנגערופן „נאָך דער חתונה“. אַרום זיבן אָדער אַכט יאָר צוריק איז די שטיק געשפּילט געוואָרן אונטער די נעמען „בריטש אָוו פּראָמיס“ [„געבראָכענער צוזאָג“] און „בערטשיק אין אַמעריקע“. נאַטירלעך האָט מר. שוואַרץ באַקומען אַ האַרציקע אויפנאַמע פון אַ גרויסן, ענטוזיאַסטישן פּובליקום, פון זיינע פריינט, וואָס אָנערקענען, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דעם יידישן טעאַטער אַלס דירעקטאָר און שוישפּילער אין די לעצטע צוויי סעזאָנען. עס איז אָבער אַ פראַגע אויב קאָברינס שטיק קאָן צוריקגערופן ווערן צום לעבן אַפילו אונטער די בעסטע אומשטאַנדן. פאַרוואָס מר. שוואַרץ האָט גראַדע אויסגעקליבן די שטיק צו זיין בענעפיס, איז שווער צו פאַרשטיין. עס קאָן זיין, אַז די שטיק גיט אים אַן אויסערגעוויינלעכע סימפּאַטיע און קיין גרויסע פאָדערונג פאַר בינע־דירעקציאָן און מענעדזשמענט. עס גיט אים אָבער ניט קיין געלעגנהייט צו באַווייזן אַ נייע זייט פון זיין קונסט.

„נאָך דער חתונה“ האָט אַלע סמנים פון אַ שטיק, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט איר צייט. די צושויער, וואָס פלעגן ליב האָבן אַזעלכע שטיקער, זיינען שוין איצט מער ניט צו געפינען אין די ערשטע קלאַסע יידישע טעאַטערן, ווייניקער ווי אומעטום אין מר. שוואַרצס טעאַטער. מר. קאָברין האָט געפּרוּווט צו מאַכן זיין שטיק „אַפּ טו דייט“ [אַקטועל] דורכדעם וואָס ער דערמאָנט די וועלט־

מלחמה, די טרענטשעס [אָקאָפּעס], הויכע רענט [דירה־געלט] און דעם יקרות אויף צוקער, אָבער עס פֿאָדערט זיך פֿיל מער ווי אַ פּאָר ענדערונגען אין ווערטער צו באַלעבן אַן אַלטע שטיק, וואָס געהערט אין דער אמתן אויפֿן בית־עולם פֿון שטיקער, וואָס זיינען פֿאַרגעסן און נאָך וועלכע קיינער בענקט ניט.

די געשיכטע פֿון דעם שטיק שמעקט פֿון דער צייט פֿון קאָבּרינס „איסט סייד געטאָ". עס האָט צו טאָן מיט סיטואַציאָנען און ניט מיט כאַראַקטערע. די מעטאָדע איז די אַלטע, מיט דריידלעך, וואָס מאַכן, אַז די העלדן זאָלן קאָנען דערציילן פֿאַקטן און איבעראַשנדע פֿאַסירונגען. ווער די מענטשן זיינען ווערט נאָר דערציילט אַזוי ווייט ווי עס איז נייטיק פֿאַר די אויפֿוויקלונג פֿון דעם סוזשעט. די גאַנצע כאַראַקטער־צייכענונג איז אויבערפֿלאַכלעך. מיר קענען שוין די פֿעקטאָרי [פֿאַבּריקס]־מיידל, וועלכע גיסט ביטערע טרערן ווייל זי איז פֿאַרפֿירט געוואָרן און ווייס ניט ווי אַזוי צו באַהאַלטן איר שאַנדע. וויפֿל לענדלאָרדס [הייזער־אייגנטימער] האָבן מיר שוין געזען אויף דער יידישער בינע, וועלכע האָבן גרויזאַם מיסהאַנדלט פֿעקטאָרי־מיידלעך, וועלכע זיי האָבן ניט געקאָנט הייראַטן ווייל זיי, די לענדלאָרדס, זיינען שוין געווען פֿאַרהייראַט. מיר האָבן די ביידע טיפּן אין „נאָך דער חתונה".

דאָ איז אויך דאָ „בערטשיק דער סאָלדאַט", אין ניו־יאָרק אַ הויז־פּיינטער [מאָלער], וועלכער ווערט די [דער] פֿאַנצער פֿאַר דער אומגליקלעכער מיידל. ער הייראַט איר אונטער דעם סטראָשונאָק, אַז ער וועט פֿאַרפֿאָלגט ווערן פֿאַר ברייטש אָוו פּראָמיס. ער ווערט אָנגעקלאָגט אין זיין דער פֿאָטער פֿון דאָס אומגעבוירענע קינד. מיר האָבן דאָ אויך אַ האַרצלאָזע מוטער, וועלכע איז גרייט צוליב איר בלאָנדזשענדע טאָכטער, וועלכע זי שילט מיט שוואַרצע קללות, צו צווינגען דעם אומשולדיקן בערטשיק חתונה צו האָבן מיט איר. אין קורצן, די באַקאַנטע בינע־פֿיגורן זיינען אַלע דאָ, אָבער עס איז שווער צו זיין ווייטער פֿון דעם צימער אין דעם טענעמענט־הויז, ווו די דראַמע שפּילט זיך אָפּ. גליקלעכערווייזע ענדיקט זיך די שטיק אָן אַ זעלבסטמאָרד אָדער מאָרד. ווערנד די האַנדלונג ווערט אַ קינד געבוירן כמעט ווי פֿאַר די אויגן פֿון דעם פּובליקום. דעם לענדלאָרדס ווייב שטאַרבט ווי ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט. בערטשיק בלייבט פֿריי חתונה צו האָבן מיט זיין ליבער רחלע און נאָך די טרערן און זיפֿצן ענדיקן זיי אין אַ שטיקל קאָמעדיע.

עס פֿרעגט זיך וואַרום איז מר. קאָברין בלינד צו אַזעלכע האַנדלונגען אויף דער בינע, וואָס באַליידיקן דעם געוויינלעך גוטן געשמאַק, ווייל ער האָט ניט קיין אַנדער וועג ווי צו אַנטוויקלען זיין געשיכטע און אַריינברענגען איבערצייגונג. אָבער עס שיינט אונדז צו זיין כמעט אומערטרעגלעך צו מאַכן, אַז אַן אַקטריסע זאָל אונדז פֿאָרשטעלן אויף דער בינע פֿאַר די אויגן פֿון אַ געמישטן פּובליקום די חבלי לדה [געבורט־ווייען] פֿון אַ פֿרוי, וואָס ברענגט אויף די וועלט אַ קינד. אַ דאַנק מיס דזשעני וואַליערס טעכנישע פֿעיִקייטן איז דערפֿון געוואָרן אַן איבלדיקער רעאַליסטישער אינצידענט.

מר. קאָברין האָט אַ שיינעם טאַלענט פֿאַר קאָמעדיע. אָבער עס שיינט, אַז ער ווייסט ניט דערפֿון. אין „נאָך דער חתונה" האָט ער ניט געוווּסט אויב ער זאָל שרייבן אַ קאָמעדיע אָדער אַ מעלאָדראַמע. ער האָט זיך טרויעריק פֿאַרפּלאָנטערט. די קאָמעדיע־טיילן פֿון די [דעם] שטיק זיינען זייער אונטערהאַלטנט, אָבער די סעריעזע מאָמענטן רופֿן אויך אַרויס געלעכטער. צוליב די עכטע הומאָר און די אַנדערע שטעלן; דער אַרומקריגן זיך, דער וויינען, די היסטעריקע, האָט אַלעס געשיינט צו זיין רעאַליסטיש גענוג, אָבער צייטנווייז איז עס געווען אַזוי אויסן פּלאַץ, אַז דער איינציקער פּאַסיקער און מעגלעכער ענטפֿער איז געווען געלעכטער.

מר. שוואַרץ האָט געגעבן אַ גוטע פֿאָרשטעלונג אַלס „בערטשיק" און איז געווען דאָס לעבן פֿון דער שטיק. נאַטירלעך האָט ער געהאַט סעריעזע מאָמענטן, וועלכע ער האָט זייער ווירקזאַם אַרויסגעבראַכט. אָבער הויפּטזאַכלעך איז זיין ראָלע געווען פֿון אַ קאָמישן כאַראַקטער, און ער האָט געטאָן זיין בעסטעס מיט דעם. מיס דזשעני וואַליער האָט געשפּילט די געפּילפּולע ראָלע פֿון קיטי, די פֿאַרפֿירטע פֿעקטאָרי־מיידל מיט איר געוויינלעכע טעכנישע פֿאַרטרעפֿלעכקייט און האָט געמאַכט אַ לעבעדיקע, רירעוודיקע פּערזאָן פֿון דאָס וואָס וואָלט געוויינלעך געווען אַ שלוכצנדער, נעבעכדיקער, האָפֿנונגסלאָזער טיפּ. מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז זי איבערצייגט עמיצן, אַז זי איז אַ יידישע מיידל, אָבוואָל [כאָטש] איר יידיש ווערט בעסער פֿון וואָך צו וואָך. מר. טייטעלבוים איז געווען דער לענדלאָרד און האָט געגעבן אַ פֿאָרטרעפֿלעכע אויפֿפֿאַסונג, וואָס האָט געצייגט אָריגינעלע באַאַרבעטונג. ער איז ניט געווען דער געוויינלעכער פֿאַרפֿירער, נאָר אַ טיפּ, וואָס האָט אייך אינטערעסירט. מר. טענענהאָלץ איז געווען גוט אין דער קליינער ראָלע פֿון דעם לאָיער, און מרס. האָלענדער האָט נישקשהדיק געשפּילט די קליינע ראָלע פֿון רחלע. אָבער ווי געזאָגט, די שטיק געהערט צו אַן אַנדער צייט, און האָט ניט באַדאַרפֿט אויפֿגערודערט ווערן פֿון איר שלאָף".

## „די ווייסע בלום"

**דעם 28 יאַנואַר 1920 ווערט א'ר פֿון מאָריס שוואַרץ אויפֿגעפֿירט „די ווייסע בלום" פֿון וואָלפֿען לאַראָי, אַדאָפּטירט פֿון דייוויד בעלאַסקאָ.**

**א. פֿרומקין שרייבט:**

„אין אירווינג פּלייס טעאַטער שפּילט מען איצט אַ פֿראַנצויזישע מעלאָדראַמע, וועלכע דייוויד בעלאַסקאָ האָט איבערגעטראָגן אין ענגליש, און פֿון דער ענגלישער באַאַרבעטונג איז זי איבערזעצט געוואָרן אין יידיש פֿאַר מאָריס שוואַרץ און זיין קאָמפּאַניע. דאָס שטיק הייסט „די ווייסע בלום" אָדער „די ליליע". דער נאָמען איז אייגנטלעך אַ צוטשעפּעניש. עס זיינען דאָ בלומען אין דער פּיעסע, אי ווייסע, אי רויטע, אָבער מיט זיי האָט עס ניט וואָס צו טאָן. פֿון אַ פּאָר ווערטער, וואָס איר הערט אין צווייטן אַקט, דערוויסט איר זיך וואָס דער נאָמען מיינט אייגנטלעך. „די ליליע" דאָס איז די פֿאַרוועלקטע יוגנט, די אַלטע פֿאַרזעסענע מויד ... אַן אַלטע אידעע, וואָס איז שוין, דוכט זיך, היבש אויסגענוצט אויף דער יידישער בינע, אָבער דער פֿראַנצויזישער דראַמאַטורג האָט פֿאַרשטאַנען זי איינצופּאַסן אין אַזויפֿיל פֿיינקייטן, אין אַזויפֿיל שיינע, רירנדע סצענעס, און די אויפֿפֿירונג אין יידיש איז בכלל אַזוי געלונגען, אַז איר קאָנט די פּיעסע זען מיט אינטערעס און מער ווי איין סצענע פֿאַרשאַפֿט אייך אַן אמתן גייסטיקן פֿאַרגניגן.

אין אַ קליין שטעטל אין פֿראַנקרייך וווינט אַ פֿאַראָרעמטער אַריסטאָקראַטישער באַראָן, אַן אלמן, וועלכער האָט פֿאַרשווענדט זיין געלט אויף פֿרויען. ער האָט צוויי טעכטער און אַ זון, אויך אַ לעבע־יונג, ווי ער. די עלטערע טאָכטער, מאַרטאַ, האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ יונגערמאַן, וועלכן זי האָט אָבער געמוזט אויפֿגעבן, ווייל זיין יחוס איז ניט אָנגעשטאַנען איר פֿאָטער. פֿאַר

מענטשן מאַכט זי דעם אָנשטעל, אַז זי איז אַ גליקלעכע, און איר פֿאָטער, אַן עגאָיסט, שטאָלצירט מיט איר. דער זון העראָלד האַלט ביים חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פֿון אַ רייכן שכן, און דער באַראָן מאַכט שוין פּלענער ווי אַזוי צו לעבן אויפֿן חשבון פֿון זונס נדן. די ייִנגערע טאָכטער, פֿלאָראַ, פֿאַרליבט זיך אין אַ פֿאַרהייראַטן מאַן, אַ יונגען מאָלער, און זייער ליבע איז אַ געהיימע. צו דער פֿאַרלאָבונג פֿון זון קומט אָן צו פֿאָרן דעם באַראָנס אַן אַלטער חבר, אַן אַדוואָקאַט, זייער אַ קלוגער, און ער וואַרפֿט פֿאָר דעם באַראָנס האַנדלונג צו זיינע טעכטער. דער רייכער מחותן פֿון דעם זון דערוויסט זיך פֿון דער געהיימער ליבע און ער ברעכט צוליב דעם אָפּ דעם שידוך. דער באַראָן וויל אין אָנהייב ניט גלייבן אין דער באַשולדיקונג, אָבער די טעכטער קומען אַרויס מיט אָפֿענע דבורים צו זייער פֿאָטער, וועלכער האָט ערשט איצט געעפֿנט די אויגן און דערזען וואָס עס שפּילט זיך באמת אָפּ אין זיין משפּחה.

דער סוזשעט פֿון דער פּיעסע איז אַ ביסל פֿאַרעלטערט. די ליידן פֿון אַ פֿאַרזעסענע מויד, די קליינשטעטלדיקע אָנשטענדקייטס־באַגריפֿן און די יחוס־פֿראַגע זיינען שוין אַ ביסל אויסגעדראָשענע זאַכן. דאָך איז דאָס שטיק אינטערעסאַנט און עס ווערט געשפּילט אויף אַן אינטערעסאַנטן אופֿן. די ראָלן פֿון די צוויי שוועסטער, מאַרטאַ און פֿלאָראַ, ווערן דורכגעפֿירט פֿון דזשעני וואַליער און בערטאַ גערסטען. מאָריס שוואַרץ האָט דאָ געפֿונען אַ געלעגנהייט צו לאָזן ערשיינען זיינע ביידע פֿרויען־סטאַרס מיט אַמאָל, און קיין [מער] געראָטענעם אויסוואַל האָט ער גאָרניט געקאָנט מאַכן. מאַדאַם גערסטען פּאַסט זיך פֿאַר דער ראָלע פֿון דער יונגערער שוועסטער ניט נאָר מיט איר אויסערלעכקייט, מיט איר פֿיגור, נאָר אויך דורך איר אויסגעהאַלטענעם שפּילן, איר זעט פֿריער די שטילע, צוריקהאַלטענע טאָכטער פֿון דעם באַראָן און דאַן די רעבעלירנדע נשמה, וועלכע צערייסט די קייטן, וואָס האָבן זי געהאַלטן געפּענטעט. מאַדאַם וואַליער אַלס מאַרטאַ איז איינפֿאַך ערהאָבן אין די אַלע רו־קע מאָמענטן און דראַמאַטיש רירנד אין דער לעצטער ברויזנדער סצענע מיטן פֿאָטער. אויסגעצייכנט ווערן דורכגעפֿירט די צוויי גרויסע מענער־ראָלן: דע מעניע [דער באַראָן] פֿון מר. שוואַרץ און הוסאַר [דער אַדוואָקאַט] פֿון מר. וויזענפֿריינד. אַז שוואַרץ קאָן שפּילן גוט אַזאַ ראָלע, האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען, אָבער דער יונגער אַקטיאָר וויזענפֿריינד האָט זיך דאָ איבערגעטראָפֿן, אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט, אַזאַ קאָרעקטע האַלטונג און אַזאַ אַטמאָספערע־שאַפֿנד שפּילן איז וויינט צו זוכן. ה׳ טייטעלבוים אין דער ראָלע פֿון דעם מאָלער וויקטאָר האָט אַ פּאָר שיינע און איינדרוקספֿולע מאָמענטן. עס ליגט בכלל אַ געוויסער חן אין זיין שפּילן, אָבער פּלעצעמווייז קלינגט זיין ריידן אַביסל אומנאַטירלעך, און דאָס קומט, שיינט מיר, דורך צופֿיל אייפֿער. גאַנץ אָנגענעם איז געווען צו זען ה׳ סאַמואילאָוו אין דער קליינער ראָל פֿון וויקטאָרס פֿריינט בערנאַרד און חנה האָלענדער אין דער ראָלע פֿון לוסי פּלאַק. שוואַך האָט געשפּילט ה׳ ווילנער די ראָלע פֿון דעם יונגען האַראָלד״.

**ל. ק. [קוסמאַן] שרייבט:**

„אין „אירווינג פּלייס טעאַטער״ גייט זייט איניקע וואָכן „די ווייסע בלום״, אַ דראַמע פֿון אַ פּראָווינציעלן שרייבער, וואָס איז פֿון בעלאַסקאָן „צוגעפֿיקסט״ געוואָרן און אין ניט־קיין געראָטענער איבערזעצונג ווערט זי מיט אַ נישקשהדיקן ערפֿאָלג געשפּילט פֿאַר דעם בעסערן יידישן טעאַטער־פּובליקום אין ניו־יאָרק. דאָס „אירווינג פּלייס טעאַטער״, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפֿגאַבע צו ערהייבן די יידישע בינע סיי מיט ליטעראַרישע פּיעסן, סיי מיט אַ קאָרעקטער אויפֿפֿירונג און ערנסטן שפּילן, האָט מיט דיזער פּיעסע ערפֿילט גיכער די צווייטע העלפֿט פֿון זיין אויפֿגאַבע איידער די ערשטע. די פּיעסע איז זייער צופֿרידנשטעלנד אויפֿגעפֿירט און ווערט, אין אַלגעמיין גענומען, אויסגעצייכנט געשפּילט, און דאָך האָט די פּיעסע געמעגט בלייבן אויף דער יידישער בינע ניט אויפֿגעפֿירט. בעת אין אויסוואַל פֿון יידישע פּיעסן מעג שוואַרץ, אויס נויט, פֿאָלגנדיק דעם רוסישן שפּריכוואָרט „ניט האָבנדיק קיין פֿאַרמעט, שרייבט מען אויף פּאַפּיר״, ניט זיין אַמאָל איבריק אויסקלייבעריש און נאָכלאָזן עפּעס פֿון דער ריינער קונסט, טאָר ער אָבער בשום אופֿן [עס] ניט טאָן מיט איבערזעצטע פּיעסן. „די ווייסע בלום״ איז אַ פּיעסע, וואָס געהערט צו דער בעסערער אייראָפּעישער מעלאָדראַמע, אָבער שטייט פֿיל נידריקער פֿון, לאָמיר זאָגן, אַ דורכשניטלעכן זודערמאַן־שטיק. פּיעסן פֿון אייראָפּעישן רעפּערטואַר באַדאַרף מען אין אַן ערנסטן יידישן טעאַטער געבן פֿון די בעסטע, פֿון די אַנטיקן, פֿון די וואָס זיינען איינציק אַפֿילו אין אייראָפּעישן רעפּערטואַר. אַ פּיעסע ווי „די ווייסע בלום״ זיינען דאָ אין אייראָפּעישן רעפּערטואַר אין די הונדערטער, „אויפֿן פֿוד״, אַזוי צו זאָגן, און הייבט מען אָן אַזעלכע פּיעסן ווי „די ווייסע בלום״ אַרויפֿצוברענגען אויף די ברעטער פֿון יידישן טעאַטער, דאַן שטייט דאָס יידישע טעאַטער אין סכנה פֿאַרפֿלייצט צו ווערן פֿון אַ פֿרעמדן עלעמענט, מעלאָדראַמאַטיש און שונדמעסיק, און צוצונעמען פֿון דעם יידישן פּובליקום דאָס פֿאַרגניגן צו געניסן פֿון קונסט אָדער פֿון עפּעס יידישעס.

זאָגן, אַז „די ווייסע בלום״ איז אַן ערנידערונג פֿון דער רעפּוטאַציע פֿון „אירווינג פּלייס טעאַטער״ קאָן מען ניט. פֿון קונסטשטאַנדפּונקט, אויב דיזער אויסדרוק איז נאָר דאָ אָנווענדבאַר, שטייט „די ווייסע בלום״ טורם־הויך איבער דעם „בראָנקס עקספּרעס״, וואָס ווערט געשפּילט אין דעם „נייעם יידישן קונסט־טעאַטער״. בעת דאָס „אָריגינעלע״ אין דימאָווס פּיעסע — דער פּעטענט אַרבעטן אום יום־כפּור באַליידיקט דאָס יידישע געפֿיל, איז אין „די ווייסע בלום״, ניטאָ אַזעלכעס, וואָס זאָל באַליידיקן עמיצנס געפֿילן, אַפֿילו ניט די געפֿילן פֿון אַ נאַיווע בגרות־מיידל. אמת, אַז אין „די ווייסע בלום״ איז דער סוזשעט אַ גאַנץ אַלטער און דער פּלאַנט דרייט זיך ווי אַ צעבראָכענער שליסל אין אַ שלאָס ניט צו פֿאַרשליסן און ניט צו עפֿענען. ...אָבער דערפֿאַר איז דער דיאַלאָג אַ געזונטער און די טעכנישע מיטלען זיינען מיט ווייניק אויסנאַמען אמת קונסטפֿולע, אַזוי, אַז ניט אייער אויג און ניט אייער אויער ווערט פֿון פֿאַרפֿאַסער ניט אָפּגענאַרט מיט שמד־שטיק. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דער דיאַלאָג פֿון „בראָנקס עקספּרעס״ איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַלטע קאַפּעוויצן אָדער ביליקע „דזשאָוקס״ און אַז דימאָוו האָט זיך באַנוצט פֿאַר דער קאָנסטרוקציע פֿון זיין שטיק מיט די ביליקסטע מיטלען פֿון וואָדעוויל (דער חלום איז אַ פֿאָרם און ניט קיין תירוץ פֿאַר נעמען דעם עולם אויף זיכער), דאַן איז „די ווייסע בלום״ אַ ליטעראַריש מייסטערווערק אין פֿאַרגלייך צו דעם האַמבאָג, וואָס ווערט איצט געשפּילט אין דעם „נייעם יידישן טעאַטער״. איך האָב געמאַכט אַ פֿאַרגלייך צווישן „די ווייסע בלום״ און „בראָנקס עקספּרעס״ ניט דערפֿאַר ווייל די פּיעסע האָבן עפּעס געמיינזאַמעס און לאָזן זיך פֿאַרגלייכן, נאָר דערפֿאַר וואָס די פּיעסן ווערן געשפּילט אין די צוויי יידישע קונסט־טעאַטערס, וואָס האָבן דעם צוועק צו דערהייבן די יידישע בינע. איך וויל דאָ אָנצייגן, אַז בעת מיט „בראָנקס עקספּרעס״ איז דאָס „נייע יידישע קונסט־טעאַטער״ אַראָפּגעזונקען כמעט צו גרענד־סטריט־וואָדעוויל, איז

„אוירווינג פּלייס טעאַטער" מיט דער אויפפירונג פון „די ווייסע בלום" נאָך אַלץ געבליבן שטיין אויף דעם ניוואָ פון אַ בעסערן און ערנסטן טעאַטער. און דאָך האָט „די ווייסע בלום" געמעגט בלייבן אויף דער פראַנצויזישער בינע און ביי בעלאַסקאָן. נאָך גאָרקיס „נאַ דניע" איז דיזע פּיעסע אַ היבשער שריט צוריק. אַ פשיטא [איבערהויפּט], אַז זי שיינט ניט צו זיין קיין גרעסערער געלט־ערפאָלג פון דער ערשטער. אויב דיזעס שטיק איז אויפגעפירט געוואָרן אום צו צייגן די יידישע מעלאָדראַמע־שרייבערס ווי שיין און נעט אַ מעלאָדראַמע קאָן געשריבן ווערן, דאַן איז די אויפפירונג אויף אַזויפיל באַרעכטיקט, אָבער ניט מער.

...די אויפפירונג פון דער פּיעסע איז די בעסטע, וואָס איז מעגלעך אין יידישן טעאַטער, די בעסטע און דאָך ניט פראַנצויזיש. עכט־יידישע אַקטיאָרן, די טאַלענטפולסטע פון זיי, זיינען ניט מסוגל צו שפּילן אייראָפּעישע סאַלאָן־מענטשן. דאָס איז זייער חסרון און דאָס איז זייער מעלה. דערפאַר וועט קוים דער בעסטער קריסטלעכער אַקטיאָר שפּילן אַזוי גוט הירשביינס אַ מילנער, אַ ישובניק אדג. ווי די בעסערע יידישע אַקטיאָרן האָבן עס באַוויזן.

די בעסטע צוויי געשפּילטע כאַראַקטערס אין דער פּיעסע זיינען זיכער מאָריס שוואַרצס באַראָן און ווייזענפריינדס אַדוואָקאַט הוזאַר. איך האָב די פּיעסע געזען מער ווי איין מאָל און נאָר צוליב דיזע צוויי כאַראַקטערע. שוואַרץ שאַפט אַ וווּנדערבאַרן כאַראַקטער־טיפּ סיי מיט זיין גרים סיי מיט זיין האַלטונג (שטייף, אָפּגעלעבט, נערוועז, דעגענערירט) און סיי מיט זיין טאָן. אמת, דאָ און דאָרט פאַראַט שוואַרץ דעם באַראָנס מאַניערן, אָבער אַן אויסגעצייכנטער טיפּ בלייבט שוואַרצס באַראָן דע מעניער דאָך, וועלכן איר קאָנט נישט פאַרגעסן. דער איינציקער, וואָס איז פולקום און פאַראַט אַפילו ניט מיט די מאַניערן, איז ווייזענפריינד אַלס אַדוואָקאַט. דער יונגער שוישפּילער האָט פאַרהעלטניסמעסיק אַ קליינע ראָלע. ער פירט זי אָבער אַזוי קונסטפול און פול־בלוטיק אויס, אַז עס פאַרשווינדט פאַר אייך די בינע. איר זעט פאַר זיך אַ לעבעדיקן מענטשן אין גאָרטן, אין הויז און ווו נאָר ער ערשיינט. עס זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין ווייזענפריינדן האָט די יונגע יידישע בינע צובאַקומען זייער און זייער אַ באַטייטנדן שוישפּילער. עס איז מערקווירדיק, אַז מאַד. וואַליער, די קריסטין, איז אין איר האַלטונג ניט פיל מער אַ באַראָנס אַ טאָכטער ווי די יידישע טאָכטער גערסטען. וואָס אָנבאַטרעפט דאָס שפּילן, האָבן זיי ביידע אומגעפער גלייכע ראָלן און סיי די וואַליער און סיי בערטאַ גערסטען פירן דורך אויסגעצייכנט זייער „ערוואַכונגס"־סצענע אין דריטן אַקט. די גערסטען אפשר מיט אַ ביסל צופיל טעמפּעראַמענט און די וואַליער אַביסל צופיל איינטאָניק, זינגענדיק כמעט. עס איז אַ פאַרגניגן צו זען ווי צוויי פרויען־סטאַרס טרעטן אויף איינער נאָך דער אַנדערער אין גרויסע מאָנאָלאָג־סצענעס און ביידע האַלטן גלייך גוט אויס דאָס צוזאַמען. גאַנץ צופרידנשטעלנד איז חנה האָלענדער אַלס דעם פאַבריקאַנטס טאָכטער. שאַכט אַלס דער פאַבריקאַנט שאַפט אַ כאַראַקטער. זיין גרים אָבער, דענק איך, איז ניט דער פּאַסיקער. עס איז בכלל ניט נייטיק אַזאַ בייזער און גראָבער אויסזען. טייטעלבוים אַלס דער מאָלער איז אַ ביסל צו ווייך סיי אין האַלטונג סיי אין טאָן. טענענהאָלץ אין „האַראָלד" בלאָנדזשעט נאָך אין דער ראָלע. די קלענערע ראָלע פון דעם צווייטן מאָלער ווערט גאַנץ אינטעליגענט און מיט פאַרשטענדעניש דורכגעפירט פון סאַמואילאָוו. בדיעבד איז די פּיעסע ווערט געזען צו ווערן".



## הלל ראָגאָף שרייבט:

„אין מאָריס שוואַרצס אירווינג פּלייס טעאַטער ווערט איצט אויפגעפירט אַן אַלטע פראַנצויזישע פּיעסע „די ווייסע בלום", וועלכע איז מיט אַ יאָר צען צוריק געשפּילט געוואָרן אויף ענגליש אויף בראָדוויי. אי אין פּאַריז, אי אין ניו־יאָרק האָט די דראַמע געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. וואָס איר שיקזאַל וועט זיין אין יידישן טעאַטער, בלייבט איבער צו זען. דאָס איז אָבער זיכער: אויב זי וועט האָבן קורצע יאָרן, וועט די שולד פאַלן ניט אויף דער פּיעסע, נאָר אויף דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי זי ווערט אויפגעפירט. „די ווייסע בלום" איז ניט קיין ליטעראַרישע ווערק. זי איז אַ מעלאָדראַמע פון העכערן סאָרט. די געשפּרעכן זיינען אינטעליגענטע, אינטערעסאַנטע געדאַנקן שיין אויסגעדריקט. דער אינהאַלט איז געשטיצט אויף אַן אידעע. דער פאַרפאַסער זוכט דורך דער פּיעסע אַ געוויסן לעסאָן [לעקציע] צו לערנען, און ער האָט די פּיעסע צוזאַמענגעשטעלט, אַז אַלעס אין איר צילט דיזן לעסאָן וואָס שטאַרקער, וואָס איבערצייגנדער אַרויסצוברענגען.

...אָט דיזע סצענע [ווען די טאָכטער רייסט אַראָפּ די מאַסקע פון איר פאָטער און וואַרפט אים אין פנים זיין ברוטאַלע אויפפירונג] איז די נשמה פון דער גאַנצער פּיעסע. ווען בעלאַסקאָ, דער גרויסער בראָדוויי־מענעדזשער, האָט די פּיעסע געדאַרפט אויפפירן אין זיין טעאַטער, האָט ער געזוכט אַ גרויסע סטאַר־אַקטריסע פאַר דער ראָלע פון דער אַלטער מויד נאָר צוליב דיזער סצענע. אין אַ בוך פון ערינערונגען, וועלכע בעלאַסקאָ האָט ניט לאַנג אָפּגעדרוקט, דערציילט [ער] אינטערעסאַנטע איינצלהייטן ווי אַזוי ער האָט די אַקטריסע פאַר דיזער ראָלע געזוכט און געפונען. ער האָט זיך געווענדעט צו דער באַרימטער אַמעריקאַנער סטאַר נענס אָ'ניעל. ער האָט איר געשיקט רופן און געזאָגט דאָס פאָלגנדע: „איך האָב פאַר אייך אַ מאָדנעם פאָרשלאָג. איך וועל אייך געבן אַ ראָלע אין אַ פּיעסע ווו איר וועט דאַרפן שפּילן פאַקטיש בלויז צען מינוטן, אין איין סצענע פון דריטן אַקט. אין ערשטן אַקט וועט איר גאָרניט אויפטרעטן. אין צווייטן אַקט וועט איר זיך אַרומדרייען אויף דער בינע, אָבער כמעט גאָרניט טאָן. אין דריטן אַקט ערשט, אומגעפער ביים שלוס, וועט איר האָבן צען גרויסע מינוטן. אויף אייער שפּילן אין דיזע צען מינוטן הענגט אָפּ דער שיקזאַל פון דער גאַנצער פּיעסע. ווילט איר אַזאַ ראָלע אָננעמען"? נענס אָ'ניעל האָט אים געבעטן אַ טאָג צייט זיך מיישב צו זיין. זי האָט איר ראָלע פאָרזיכטיק דורכגעלייענט און דורכגעטראַכט און אויף מאָרגן האָט זי אים געגעבן איר ענטפער „יאָ". און דיזע פּיעסע האָט אַ פוראָר געמאַכט אויף בראָדוויי. די קריטיק האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן נענס אָ'ניעל אין דער גרויסער סצענע אין דריטן אַקט, און נענס אָ'ניעל האָט פאַר דיזע צען מינוטן שפּילן געקראָגן מער לויבגעזאַנג ווי אַנדערע סטאַרס אין ראָלן ווו זיי זיינען די גאַנצע דריי אַקטן פון דער בינע ניט אַראָפּ.

איצטער לאָמיר זען וואָס שוואַרץ האָט מיט דיזער פּיעסע געטאָן. ער האָט די ראָלע פון דער עלטערער שוועסטער אויך געגעבן זיין גרעסטער סטאַר, די דייטשע אַקטריסע וואַליער, וועלכע באַזיצט די אַלע פעיקייטן און פולן טאַלענט אַזאַ ראָלע פאָרטרעפלעך דורכצופירן. און ביי אונדז איז קיין צווייפל ניט, אַז זי וואָלט אין דער פּיעסע געמאַכט דעם זעלבן פוראָר ווי נענס אָ'ניעל האָט געמאַכט אויף בראָדוויי, אָבער... אָבער די פּיעסע ווערט ליידער אַזוי אויפגעפירט, אַז מיס וואַליער קריגט ניט די

געלעגנהייט די גרויסע סצענע צו שפּילן. דער צוגאַנג צו דער סצענע, די פֿאָרברייטונגען, ווערן אַזוי צעקאַלעטשעט, אַז זי מיט איר גאַנצן טאַלענט קאָן די סצענע ניט ראַטעווען. דער עיקר אין די פֿאָרברייטונגען איז די שטרענגע שטיקנדע אַטמאָספֿערע אין הויז ביז דעם מאָמענט ווען די אַלטע מויד פּלאַצט אַרויס איר פּראָטעסט. די הויז מוז זיין געדיכט מיט שוואַרצע וואָלקנס ביז דער מאָמענט ווען די אַלטע מויד ווערט עלעקטריזירט און פֿאַנגט אָן די וואָלקנס דורכצורייסן מיט בליץ־פֿיילן פֿון איר געפּלאַצט געדולד. אַזאַ אַטמאָספֿערע ווערט אָבער אין שוואַרצס אויפֿפֿירונג ניט געשאַפֿן, און די בליצן מאַכן ניט דעם דראַמאַטישן עפֿעקט. אַמערגסטן זינדיקט דאָ טענענהאָלץ, וועלכער שפּילט די ראָלע פֿון דעם יונגערן זון. ער שרייט און וואַרפֿט זיך אַזוי, אַז דער אַלטער פֿאָטער דערשרעקט זיך אַזש פֿאַר אים. שטעלט זיך פֿאָר: דער עיקר פּונקט פֿון דער פּיעסע איז וואָס דער פֿאָטער טיראַנעוועט אין שטוב, וואָס קיינער וואַגט ניט אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ אין זיין אַנוועזנהייט, און דאָ לויפֿט אַרום אַ יונגער שנעק און שרייט און ליאַרעמט און דער אַלטער טיראַן איז הילפֿלאָז.

מיס גערסטען אין דער ראָלע פֿון דער יינגערער טאָכטער איז ניט פֿיל בעסער ווי טענענהאָלץ. זי ווייזט ניט אַרויס די מינדסטע אונטערטעניקייט, די מינדסטע מורא פֿאַר איר פֿאָטער. אין דריטן אַקט, ווו איר אויפֿגאַבע איז אייגנטלעך צו וועקן מיטלייד צו זיך און איר עלטערער שוועסטער, ווו זי דאַרף דורך איר שרעק און הילפֿלאָזיקייט און פֿאַרצווייפֿלונג טרייבן איר שוועסטער צו איר פּראָטעסט־צאָרן, ווו זי מוז ריידן מיט אַ ציטערדיקע, האַלב־פֿאַרשטיקטע שטימע, אָט אין דיזער סצענע שטורעמט זי און שרייט אַזוי, אַז די גאַלערעע ווערט הינגעריסן און אַפּלאָדירט. דיזער אַפּלאָז, וואָס זי רייסט אַרויס מיט גוואַלד, הרגעט אַוועק די סצענע פֿאַר דער מאַדאַם וואַליער און דאָס רויִנירט די גאַנצע פּיעסע. שוואַרץ אַלס דער אַלטער גראַף, האָט זיין ראָלע גוט אויפֿגעפֿאַסט, אָבער זיינע צוויי געראָטענע יינגערע קינדער מיט זייער אויפֿפֿירן, מאַכן, אַז ער זאָל אין די וויכטיקסטע סצענע אויסזען ווי חוזק. אין זייער אַנוועזנהייט ווערט פֿון זיין שרעקלעכער טיראַניי אָפּט ניט מער ווי אַ שטיקל קאָמעדיע. די בעסטע געשפּילטע סצענען אין דער פּיעסע זיינען די זייטיקע. דער ערשטער אַקט, צום ביישפּיל, וועלכער קומט פֿאָר אין דעם אַרטיסטס גאָרטן, ווערט שיין און אינטעליגענט דורכגעפֿירט פֿון אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס באַטייליקן זיך אין איר: טייטעלבוים אין דער ראָלע פֿון אַרטיסט, סאַמואילאָוו אין דער ראָלע פֿון זיין לוסטיקן פֿריינט, שאַכט אין דער ראָלע פֿון דעם סוחר און מרס. האָלענדער אין דער ראָלע פֿון זיין נאַרישע לאַכעדיקע טאָכטער".

**לואיס ליפּסקי שרייבט:**

„אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" שפּילט מען איצט אַ יידישע איבערזעצונג פֿון אַן ענגלישע באַאַרבעטונג וואָס דייוויד בעלאַסקאָ האָט געמאַכט פֿון אַ פֿראַנצויזישע דראַמע, וועלכע איז צימלעך [גענוג] אַלט און געבויט אויף דעם אַלטמאָדישן פֿראַנצויזישן שטייגער. אויף בראָדוויי איז דאָס שטיק געווען באַקאַנט אַלס „די לילי". אין יידיש ווערט עס אָנגערופֿן „די ווייסע בלום". אויף בראָדוויי זיינען די הויפּטראָלן געשפּילט געוואָרן פֿון נענס אָ'נעיל, די גוטע באַקאַנטע אַקטריסע און טשאַרלס קאָרטרייט, אַן ענגלישער כאַראַקטער־שוישפּילער. אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" ווערן די





זעלבע ראָלן געשפּילט פֿון מאַדאַם דזשעני וואַליער און מאָריס שוואַרץ.

די לעצטע שטיק אין דער וועלט, וואָס קאָן צוגעפּאַסט ווערן צום יידישן טעאַטער, איז די געקינצלטע פֿראַנצויזישע דראַמע פֿון וועלכע „די לילי" איז בלויז איין ביישפּיל, אין די געקינצלטע פֿראַנצויזישע דראַמע הענגט אַלעס אָפּ פֿון טעכניק. די סצענען שפּילן זיך געוויינלעך אָפּ אין אַריסטאָקראַטישע קרייזן כדי צוריקצוהאַלטן דאָס וווּלגאַרע. די מאַניערן און די פֿאָרמע זיינען דאָ דאָס וויכטיקסטע. זיי האָבן צו טאָן מיט אַ סאָרט פֿראַנצויזישן לעבן, וואָס איז ווייניק באַקאַנט אויסערהאַלב די אינערלעכע פֿראַנצויזישע קרייזן, און די מאָטיוון פֿאַר דער האַנדלונג זיינען אַזעלכע, וואָס קאָנען ניט אַפּעלירן צו אַ יידישן פּובליקום. פּאַקטיש, זיינען זיי גראַדע אַזוי פֿרעמד צום אַמעריקאַנער לעבן.

ווען דייוויד בעלאַסקאָ האָט איבערגעמאַכט דיזע שטיק פֿאַר דעם אַמעריקאַנער געברויך, האָט ער געטאָן דאָס וואָס יעדער באַאַרבעטער פֿון פֿראַנצויזישע שטיקער האָט געטאָן זייט די לעצטע צוואַנציק יאָר. זיין ערשטע עובדה איז געווען אַרויסצונעמען אַלעס, וואָס קאָן פֿאַרלעצן [באַליידיקן] דעם אַמעריקאַנער געשמאַק. ער האָט דאַן קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף די מאַניערן פֿון די זאָגענאַנטע פֿראַנצויזישע אַריסטאָקראַטיע און אויף די שפּילערישע מעגלעכקייטן פֿון דער הויפּט סיטואַציע. עס איז כאַראַקטעריסטיש מיט דיזע סאָרט פֿראַנצויזישע שטיקער, אַז אַלעס, וואָס געפֿינט זיך אין זיי, איז בלויז מיט דעם צוועק אויפֿצובויען אַ קלימאַקס. די גאַנצע געשיכטע ווערט צעדרייט און צעקרימט כדי צו מאַכן דעם קלימאַקס אויסזען גליקלעך. דער קלענסטער פֿעלער אין צוזאַמענשטעלן דאָס מאַטעריאַל, דאָס מינדסטע איבעררייסן פֿון די לאָגיק, פֿאַרדאַרבט דעם עפֿעקט און דערהרגעט די שטיק. אין „די ווייסע בלום" אונטערברעכט אַן ענטלאַסענער [אָפּגעזאָגטער] גערטנער די ליבעס־סצענע צווישן דעם אַרטיסט און מאַרטאַ, די יונגערע טאָכטער פֿון דעם דיוק דע מאַניער. דאָס איז לחלוטין אַן אומפֿאַרציילעכע אונטערברעכונג, אָבער עס איז דאָ אַן אורזאַכע פֿאַר דעם. דאָס ווערט געטאָן כדי אין דעם צווייטן אַקט זאָל טאַקע דורך דעם גערטנער קאָנען באַוויזן ווערן ווענן די וויזיטן פֿון מאַרטאַ ביי דעם אַרטיסט. די לעזער וועלן פֿילייכט געדענקען העגרי בערנשטיינס שטיקער וועלכע זיינען אַלע געווען לויט דעם מאָדעל.

... אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" האָט „די לילי" זיך ניט געקאָנט רימען מיט אַן איבערצייגנדע פֿראַנצויזישע אַריסטאָקראַטישע אַטמאָספֿערע. די פֿיגורן זיינען דאָ, אָבער די מאַניערן פֿעלן. מר. שוואַרץ איז געווען פֿאָרטרעפֿלעך גרימירט און האָט געשפּילט מיט ווירדע און איינגעהאַלטנקייט. מאַדאַם וואַליער איז געווען אַ פּאַטעטישע פֿיגור, קאָרעקט אין האַלטונג און מאַניערן. מר. טייטעלבוים האָט געטאָן זיין בעסטעס איבערצוגעבן דעם כאַראַקטער פֿון דעם פֿראַנצויזישן אַרטיסט, און מר. ווייזענפֿריינד איז אין אויסזען און אין טאָן כמעט געווען אַ פֿראַנצויזישער אַדוואָקאַט, אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען פֿיזישע אויסערלעכקייטן. עס איז דאָך ניט געווען די היים פֿון אַ פֿראַנצויזישן אַריסטאָקראַט. איר האָט ניט באַקומען דאָס געפֿיל פֿון די [דעם] איבערוועלקנדן דעספּאָטיזם פֿון דעם דיוק דע מאַניער אויף וועלכעס די גאַנצע שטיק הענגט.

דאָס וואָס מען האָט דאָ נאָכגעפֿאָלגט בעלאַסקאָס נוסח האָט נאָר געמאַכט ערגער. ... אין יידישן טעאַטער איז גאָרניט אַזאַ

נאָווינע צו זען אַ פֿאַרפֿירטע מיידל אָדער אַ ווייבל, וואָס גייט אַראָפּ פֿון דרך הישר. פֿאַרקערט, עס איז געווען אַ צייט יוען קיין שטיק איז ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס ליטעראַריש אויב עס איז אין איר ניט געווען אַ רויניִרטע מיידל. שוואַרץ האָט געוואָלט נאָכמאַכן בלויז בעלאַסקאָס בינען־רעזשי, אָבער ער האָט זיך געמעגט פֿאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם שכל, וואָס אָנבאַטרעפֿט דעם געשמאַק פֿון יידישן פּובליקום. אַזוי ווי די מאָטיוון זיינען ניט געווען איבערצייגנד און די צענטראַלע פֿיגור פֿון דעם דיוק איז ניט גענוגנד אַלס אַ באַזיס פֿאַר אַ דראַמאַטישן קאַמף, איז דער קלימאַקס אין דעם דריטן אַקט געווען עפֿעקטפֿול בלויז פֿאַר איין מינוט. די סצענע דאָ הענגט אָפּ פֿון דעם אויסברוך פֿון די שוועסטערס קעגן פֿאָטער. די אַלטע מויד, וועלכע איז אַ קרבן פֿון דעם פֿאָטערס אייגן־נוץ און טיראַניי, לויפֿט צו פֿאַרטיידיקן איר יונגערע שוועסטער ווען ער וויל באַהאַנדלען אויף דעם זעלבן אופֿן. אָבער עס איז געווען אַן איבעראַשונג צו זען, אַז אַנשטאָט וואָס די אינטערעסע זאָל זיין אין דער עלטערער שוועסטער, איז דער קלימאַקס געקומען ווען די יונגערע שוועסטער האָט העפֿטיק באַהויפּטעט איר פֿרייהייט צו טאָן וואָס זי וויל. דאָס האָט איינגעשטימט מיט דער יידישער טראַדיציע. יעדער פֿריי־הייטס־אַקט ווערט ליבעראַל אַפּלאָדירט.

מר. שוואַרץ האָט גענומען אַ ריזיקע, אַז דאָס פּובליקום וועט לאַכן ווען ער האָט אויפֿגעפֿירט „די טענצערין“. אַן אונגאַרישע שטיק. זיי האָבן דאָרטן ניט געלאַכט צוליב זייער אינטערעס אין דער וואַליערס שפּילן. ער האָט נאָך אַמאָל גענומען אַ ריזיקע מיט „די ווייסע בלום“. בלויז די ערנסטקייט פֿון דעם שפּילן האָט די שטיק געראַטעוועט פֿון חוזק. דאָס שפּילן איז פּאַקטיש לויבנס־ווערט פֿאַר די אויפֿריכטיקייט. מיס גערסטען און מר. טייטעלבוים האָבן געשפּילט די ליבעס־סצענעס אין דעם ערשטן אַקט אמת קינסטלעריש. שוואַרץ איז געווען זייער גוט אין צווייטן אַקט, אָבער אין דעם דריטן אַקט איז ער פֿאַרטונקלט געוואָרן פֿון מיס גערסטענס פֿייערדיקע אַנטפּלעקונג פֿון קוראַזש און ווידערשטאַנד. מאַדאַם וואַליער האָט געהאַט אַן אומדאַנקבאַרע ראָלע, אָבער זי האָט גוט געפּאַסט אין דעם בילד. מר. ווייזענפֿריינד איז געווען גוט דורכויס. מר. שאַכט האָט גוט געשפּילט זיין קליינע ראָלע. מר. סאַמואילאָוו האָט געשפּילט די קליינע ראָלע אין ערשטן אַקט מיט אינטעליגענץ, אָבער דער גוטער אַנסאַמבל האָט ניט געשאַפֿן קיין פּראַנצויזישע אַטמאָספֿערע, ווייל די שטיק אַליין איז ניט איבערצייגנד“.

### משה נאַדיר שרייבט:

„׳די ווייסע בלום׳ איז אַ גלות־דראַמע. אַליין אַ פֿראַנצויזקע, איז זי נעבעך פֿאַרוואָרפֿן אין אַ פֿרעמד לאַנד, צווישן פֿרעמדע מענטשן, וואָס פֿאַרשטייען ניט איר שפּראַך. עס איז אַן אַלט־פֿרענקישע דראַמע פֿון דעם אַלט־פֿרענקישן פֿראַנקרייך, פֿון דעם פֿראַנקרייך, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט געליטן פֿון אַ גרויסן זיג איבער דייטשלאַנד. אויף בראָדוויי איז דאָס מסתם געווען אַ פּיעסע פֿון „גוטע מאַניערן“ און פֿון זיסער מאָראַלעריי. ביי אונדז איז דאָס אַ שטיק, וואָס לערנט אונדז, אַז מ׳קאָן גאָרניט לערנען פֿון אַלע דראַמען, וואָס לערנען אונדז. ביי בעלאַסקאָן איז די „לילי“ אפֿשר געווען עפּעס אַן עסק אויף אַזויפֿיל וויפֿל זי האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז ער קאָן אַריינלייגן פֿערציק־פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר אין אַטמאָספֿערע און עס זאָל אים ניט אַרן, אָבער ביי אונדז? בעלאַסקאָס מעטאָד איז: אויב די פּיעסע דאַרף האָבן אַן איבערגעפֿאָרענעם מענטשן, זאָל מען וואַרטן ביז וואַנעט אַ מענטש וועט באמת איבערגעפֿאָרן ווערן און אים אַריינכאַפּן אין דער פּיעסע. בעלאַסקאָ פֿירט אַוועק זיין „סטאַר“ צו אַ דראַמענשרייבער און זאָגט: „זייט אַזוי גוט און נעמט אים אַ מאָס אויף אַ זעכציק טויזנטיקע דראַמע, קאָמפּליט“. ביי בעלאַסקאָן איז דער טעקסט פֿון דער דראַמע בלויז אַ מין אינהאַלט־פֿאַרצייכניש פֿאַר די קאָסטיומען, לייוונטענע וועלדער און עלעקטרישע לבנות. ער גייט אַרויס פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַ דראַמע דאַרף ניט פּאַסירן, נאָר זי דאַרף באַווייזן. בעלאַסקאָס גרויסער אויפֿטו איז וואָס ער פֿאַרייניקט אַלע ראָלן (אינאיינעם מיט די דעקאָראַציאָן און ליכט־עפֿעקטן) אין איין גרויסער מעכטיקער יוניאָן פֿון וועלכער ער איז דער גאָמפּערס [פֿירער פֿון דער אַרבעטער־יוניאָן]. אין אַ יידישן טעאַטער אָבער, אין אַ טעאַטער פֿון טעמפּעראַמענט, איז ניט מעגלעך צונויפֿצושפּילן ביז אַזאַ קונצן־שאַרפֿן פּונקט, איז ניט מעגלעך צו מאַכן אונטערטעניק די ראָלן צו דער דראַמע.

למשל: מאָריס שוואַרץ האָט וואונדערפֿול געשפּילט די ראָלע פֿון דעם אַראָפּגעקומענעם שטרענגען באַראָן. אין זיך אַליין איז די ראָלע דורכגעפֿירט געוואָרן אַזוי פּרעציז ווי מעגלעך, אָבער ער האָט געשפּילט אַן אָפֿענע אָפּאָזיציע צו דעם גאַנצן. ער האָט הפּנים געוואָלט באַווייזן, אַז ער שרעקט זיך ניט פֿאַר זיין ראָלע. ער קאָן זי צו יעדער צייט איבערקאָנקורירן. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, „געעפֿנט אַ פּיעסע פֿאַר זיך אַליין און געטאָן גוטע ביזנעס“. דאָסזעלבע קאָן מען אויך (כדי זיך איינצושפּאָרן אַרבעט) זאָגן וועגן דעם ווילריידעוודיקן העלד טייטעלבוים. ער האָט זייער נעט און מאַנירלעך געשפּילט, נאָר אויף יענער זייט פֿון דער פּיעסע. עס איז געווען אַזוי ווי קרייזלער, צימבאַליסט, קאַסאַבלאַנקאַ, מאָשקאָוויטש און מאָריס ניטקע וואָלטן געשפּילט אַ סימפֿאָניע פֿון לויטער סאָלאָס. אַלע אין איינעם האָבן מיט גרויס פּינקטלעכקייט אַרויסגעשטעלט פֿענסטער אין דער בלויער לופֿט.

די דאַמען האָבן ניט נאָר קאָנקורירט מיט דער פּיעסע, נאָר אויך צווישן זיך. דאָסמאָל קאָנען די לאָרבער־קרענץ זיכער צעטיילט ווערן אויף גלייכע העלפֿטן — צווישן בערטאַ גערסטען און מאַדאַם וואַליער. מ׳קאָן נאָך אַפֿילו צוואַרפֿן אַ פּאָר עקסטראַ לאָרבער־בלעטער פֿאַר בערטאַ גערסטען. דאָרטן ווו די מאַדאַם וואַליער איז געווען רירנד, איז די גערסטען געווען רירנד שיין. דאָרט ווו די וואַליער איז סעקס, איז די גערסטען — ליבע. דאָרט ווו די ניט־יידישע האָט דעם כישוף פֿון פֿרעמדקייט, האָט די יידישע דעם שטילן חן פֿון נאָנטקייט. דאָרט ווו איר הערט די וואַליער אַזוי גענוי, ווייל עס איז אַזוי אומנאַטירלעך, אַז אַ ניט־ייד זאָל ריידן נאַטירלעך יידיש, דאָרט הערט איר אַפֿילו ניט צי איר הערט די פֿיין־מעלאָדישע שטימע פֿון בערטאַ גערסטען, פּונקט ווי איר זעט ניט בריל אויב איר טראָגט ברילן דורך וועלכע איר זעט זייער גוט. די דריטע אין געווינס פֿון דעם שאַכטל באָנבאָנעס, וואָס ווערן היינט (צוליב מיין פֿרעמיערע, אַזוי צו זאָגן) פֿרייגיביק צעטיילט צווישן די דאַמען, איז די קליינע, פּעיקע לאַכנדיקע חנה האָלענדער, וועלכע האָט מיט איר שפּילן געפּרוווט באַווייזן דעם רייכן קויפֿמאַנס טאָכטער צו זען די פּיעסע פֿון איר שטאַנדפּונקט. די לעצטע באָנבאָנעס פֿון שאַכטל: הער ווייזענפֿריינד האָט גערעדט זייער מענטשלעך. שאַכט איז געווען אויסגעצייכנט גרימירט (דאָס איז ניט קיין קלייניקייט!). סאַמואי־

לאָוו איז געווען ווויל פאַריזעריש, און אַלע גוטע און ליבע פּריינט פּון שוואַרצס טעאַטער האָבן געשפּילט אַזוי געטריי, גלייך ווי עס וואָלט געווען די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה צווישן זיי און דער מאַנירלעך, בלייכער ׳לילי׳.״

## ס. ד. [דינגאָל] שרייבט:

„׳די ווייסע בלום׳, אַ פראַנצויזישע מעלאָדראַמע, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דער ענגלישער בינע אויף דער בינע פון „אוירווינג פלייס טעאַטער״, איז מער ווי אַ פּיעסע. דאָס איז אַן עקספּערימענט, אַ פּרווו־שטיק, וואָס האָט אַן אינטערעס פאַרן טעאַטער־קריטיקער, וועלכער שטודירט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם יידישן טעאַטער־פּובליקום און פאַרן טעאַטער־מענעדזשער, וועלכער זוכט צופרידנצושטעלן די קאַפּריזן פון דעם געשמאַק פון די יידישע טעאַטער־גייער. אויב דער יידישער טעאַטער־גייער זוכט אין אַ פּיעסע בלויז דאָס שיינע שפּילן פון די אַקטיאָרן, דאַן מוז „די ווייסע בלום״ האָבן זייער אַ גרויסן ערפאָלג אויף דער יידישער בינע, ווייל די מערסטע אַקטיאָרן שפּילן זייערע ראָלן זייער גוט, און די גאַנצע פּיעסע ווערט אויפגעפירט מיט געשמאַק. אויב אָבער דער יידישער טעאַטער־גייער וויל זען אויף דער בינע אַ בילד פון זיין אייגענעם יידישן לעבן, דעמאָלט מוז „די ווייסע בלום״ זיין אַ דורכפאַל, ווייל די פּיעסע איז דעם יידישן עולם פרעמד און דאָס לעבן פון די העלדן איז פרעמד און די האַנדלונגען ערטערווייז כמעט אומפאַרשטענדלעך.

אין כלל גענומען איז „די ווייסע בלום״ אַ פּיעסע מיט אַ מאָראַל, אַ מוסר־השכל פון וועלכן עלטערן דאַרפן זיך לערנען ניט צו מישן זיך אין דעם גליק פון זייערע קינדער, נישט שטערן זיי אין שידוכים און ניט האַלטן די טירן פון זייער הויז פאַרשלאָסן פאַר יונגעלייט, וועלכע קומען באַזוכן זייערע טעכטער, ווייל פון די אַלע זאַכן קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

...ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז די האַנדלונג פון דער פּיעסע פרעמד דעם יידישן לעבן. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ יידישן פאָטער פון דעם באַראָן דע מעניעס טיפּ און אין אַן אַטמאָספערע פון דעם באַראָנס הויז. עס איז אָבער ניט נייטיק פאַר אַ פּיעסע צו זיין יידיש אום זי זאָל אַפּעלירן צום יידישן עולם. דער פאַקט איז, אַז לעצטנס זיינען איניקע ניט־יידישע פּיעסן געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע מיט גאַנץ ניט־קשהדיקן ערפאָלג, און אַ חוץ דעם איז די מאָראַל פון דער „ווייסער בלום״ ניט גאָר פרעמד דעם יידישן פּובליקום, וואָרעם וויפל באַלעבאַטישע מיידלעך זיינען ביי יידן פאַרבליבן זיצן ביזן גרויען צאָפּ צוליב די קאַפּריזן פון זייער פאָטער וועמען אַ שידוך איז ניט געפעלן געוואָרן?

וואָס איז נוגע דער אויפפירונג פון דער פּיעסע האָבן אין די מענער־ראָלן זיך אויסגעצייכנט מאָריס שוואַרץ אַלס באַראָן דע מעניע און גוסטאַוו שאַכט אַלס פאַבריקאַנט פלאַק. זיי האָבן ביידע געגעבן גוט־אויסגעהאַלטענע טיפּן, און שאַכט האָט געשפּילט אַ פיינע סצענע אין דריטן אַקט, ווען ער קומט אַריין צום באַראָן אין הויז רופן זיין טאָכטער און בלייבט אויג אויף אויג מיטן באַראָן אום צו ערקלערן אים, אַז דער שידוך צווישן זיי איז צעשטערט. אין שאַרפע שטריכן האָט ער אַרויסגעבראַכט די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פון אַ מענטש, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין אַ ניט־אַנגענעמער לאַגע און איז דאָך באַשלאָסן צו האַנדלען אַזוי ווי ער האָט פון פריער באַשטימט. זייער שיין איז אויך געווען מוני ווייזענפריינד אַלס אַדוואָקאַט כאַזאַר. טייטעלבוים אַלס מאָלער וויקטאָר האָט געגעבן ניט קיין שלעכטן טיפּ, נאָר שוין אַ ביסל צופיל מאַנאָטאָניק, כמעט מרה שחורהדיק. עס קאָן זיין, אַז אַ טייל פון דער שולד דאַרף פאַלן אויף זיין חבר בערנאַרד (סאַמואילאָוו), וועלכער האָט געשפּילט אַזוי ניט געראָטן, אַז די גרעסטע העלפט פון ערשטן אַקט איז געווען פאַרדאַמט לאַנגווייליק. טענענהאָלץ אַלס העראָלד האָט געהאַט אַ גאַנץ פיינע ראָלע צו שפּילן, נאָר ווען מען הייבט אויף אַן אַקטיאָר פון בעט אויף מאָרגן נאָך אַ קראַנקייט און מען הייסט אים שפּילן אַ ראָלע אָן פּראָבע, קאָן מען פון אים פיל ניט ערוואַרטן.

פון די פרויען האָבן די וויכטיקסטע ראָלן געהאַט צו שפּילן דעם באַראָנס טעכטער מאַרטאַ (דזשעני וואַליער) און פלאָראַ (בערטאַ גערסטען), און ביידע האָבן געשפּילט זייערע ראָלן זייער פיין. וואַליער האָט אין איר ראָלע געוויזן אַזויפיל קינסטלערישע רייכקייט, אַז ס׳איז געווען אַ שאָדן צו הערן דעם שלעכט־קלינגנדיקן יידיש, וואָס טראָגט אַריין אַזאַ ניט־קינסטלערישן דיסאָנאַנס אין איר שיינעם שפּילן. מאַדאַם גערסטען האָט די דראַמאַטישע מאָמענטן געשפּילט זייער שטאַרק, נאָר זי איז, לויט אונדזער מיינונג, געווען אַ ביסל אַ צו יידישלעכע באַראָנעסע, אַ גרעפין פון שאָמערס ראָמאַנען. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר פערזענלעך געהאַט אַזוי ווייניק ערפאַרונג מיט יונגע גרעפינס, אַז מיר זיינען גרייט צו צווייפלען אין אונדזער אייגענער אויטאָריטעט וועגן דעם. חנה האַלענדער אַלס לוסי פלאַק האָט געהאַט אַזאַ מאָדנע ראָלע אין וועלכע זי האָט אַ סך צו לאַכן און ווייניק צו שפּילן. געלאַכט האָט זי אויסגעצייכנט, כאָטש מיר הייבן ניט אָן צו וויסן פאַרוואָס זי האָט געלאַכט. חנה האַלענדער איז פּונקט אויף עפּעס בעסערס ווי דאָס וואָס זי האָט אונדז געוויזן אין דער דאָזיקער ראָלע. די הערן פישקינד און פייגין האָבן מיטגעשפּילט אין דער פּיעסע״.

**אַ טעאַטער־פּאַטריאָט שרייבט אין „פאָרווערטס״ וועגן סקאַנדאַלן און אינטריגעס, וואָס גייען אָן אין שייכות מיט דער ניט־יידישער אַקטריסע דזשעני וואַליער:**

„אין „אוירווינג פלייס טעאַטער״ האָבן פאַר יאָרן און יאָרן געשפּילט דייטשע אַרטיסטן פּון ערשטן ראַנג. דער פּיינסטער און קינסטלערישסטער טעאַטער איז געווען דער דייטשער „אוירווינג פלייס טעאַטער״. די גרויסע וועלט־מלחמה האָט פאַרניכטעט, אונטערגעגראָבן דעם עקזיסטענץ פּון דעם דייטשן „אוירווינג פלייס טעאַטער״. זיינען געקומען צוויי יידן, מאַקס ווילנער און מאָריס שוואַרץ, האָבן איבערגענומען דעם „אוירווינג פלייס טעאַטער״ און אים געמאַכט פּאַר אַ יידישן. דעם ערשטן סעזאָן האָט שוואַרץ, וועלכער איז אַליין אַ טאַלענטפּולער אַקטיאָר, גרופּירט אַרום זיך די בעסטע יידישע יונגע בינע־טאַלענטן און מען האָט געשפּילטווירקלעך פּיינע פּיעסן. אין „פאָרווערטס״ האָט מען מר. שוואַרצן געגעבן קרעדיט [געלויבט] דערפּאַר.

נו, האָט איצטער פּאַסירט אַ געשיכטע פּאַר וועלכע מען קאָן דעם „אוירווינג פלייס טעאַטער״ קיין קרעדיט ניט געבן. טאַדלען דאַרף מען זיי דערפּאַר, מאַכן קולות און גוואַלדן. מאָריס שוואַרץ האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דער דייטשער שוישפּילערין מאַדאַם דזשעני וואַליער אויפּצוטרעטן פּאַר אַ יידישן עולם. מאַדאַם וואַליער איז אַ באַרימטע שוישפּילערין אין דייטשן און פּראַנצויזישן טעאַטער. זי איז געווען אין דער דייטשער קאָמפּאַניע אין „אוירווינג פלייס טעאַטער״ ווען דער דייטשער „חורבן״ איז געקומען.

מר. שוואַרץ איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פֿאַר אַרויפֿברענגען אויף דער יידישער בינע אַזאַ אַקטעריסע. מאַדאַם וואַליער האָט געמאַכט אַ פֿוראָר מיט איר שפּילן, אי ביים עולם, אי ביי די קריטיקער. פֿאַר דער קורצער צייט, וואָס מאַדאַם וואַליער שפּילט אויף דער יידישער בינע, האָט אונדזער בינע אַ סך, אַ סך געוואונען. איר פֿיינער קולטורעלער קינסטלערישער איינפֿלוס וועט זיך לאַנג לאָזן פֿילן. עס איז אַן ערע פֿאַר דער יידישער בינע דאָס אַזאַ קינסטלערין איז געקומען צו איר לייסטן איר טאַלענט. די ערנסטע יידישע קריטיקער און דער ערנסטער יידישער טעאַטער־עולם האָט שוואַרצן געדאַנקט פֿאַר דעם געניוס וואָס ער האָט אַלעמען פֿאַרשאַפֿט מיט דזשעני וואַליערס אויפֿטרעטן.

ווי האָבן אָבער די מיטשפּילער אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" באַצאָלט דער קריסטלעכער קינסטלערין, וועלכע האָט באַשיינט די יידישע בינע? געמיין, זייער געמיין. עטלעכע אינטריגאַנטן און און אינטריגאַנטקעס האָבן ניט פֿאַרגינען דער מאַדאַם וואַליער דעם כבוד און ערפֿאָלג, וואָס זי האָט ביים יידישן עולם און קריטיקער. דיזע אינטריגאַנטן האָבן אַ מאַרגעידזש [היפּאָטעק] אויפֿן יידישן עולם און זיי האָבן זיך גענומען צו דערגיין מאַדאַם וואַליער די יאָרן. מען האָט איר גענומען זידלען און אונטערשטעלן פּיסלעך ביים שפּילן. ווען מאַדאַם וואַליער דאַרף אויף דער בינע ריידן, נעמען אַ פּאָר מישפּילער זינגען און שרייען און גוואַלדעווען, וואָס עס איז אַזוינס אין דער פּיעסע ניטאָ. מען האָט גענומען פֿאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז זי איז אַן אַנטיסעמיטקע, אַז זי קאָן אויפֿפֿרעסן אַ מנין יידן אויף ברעקפֿעסט [פֿרישטיק] און אַ הונדערט יידן אויף סאַפּער [אָוונט־ברויט], און מען האָט געקראָגן אַ דריי שרייב־קנעכט, אַלטע פּאַסקווילן־שרייבער, און מען האָט גענומען אין די צייטונגען געבן אָנצוהערעניש, אַז מאַדאַם וואַליער איז אַ שרעקלעכע בריאה און מען מוז איר פֿאַרניכטן. מען האָט אַזעלכע פּאַסקווילן אויף מאַדאַם וואַליער אויך געשיקט אין „פֿאָרווערטס".

מיר האָבן דאָ דערציילט די געשיכטע כדי דער יידישער עולם זאָל וויסן ווי מען באַצאָלט אַ קינסטלערין ווען זי קומט אויף דער יידישער בינע צו ברענגען שיינס און גוטס. דעם טראָק [קאָסטן] מיט אירע זאַכן האָט זי אַרויסגענומען פֿון טעאַטער. עס זיינען דאָ אַ סך טעאַטערע און מען באָט איר אָן גרויסע סומען געלט און אַלע באַקוועמלעכקייטן צום שפּילן. צווישן די טעאַטערע, וואָס יאָגן זיך נאָך איר, זיינען אויך דאָ יידישע און זי וויל דווקא שפּילן אין אַ יידישן טעאַטער, כאָטש אויף אַ קורצע צייט. זי וויל דוקא ציינגן אירע פֿאַרלוימדער, אַז זי ליבט דעם יידישן פּובליקום, ווייל ס'איז אָנגענעם צו שפּילן פֿאַר דעם ענטוזיאַסטישן יידישן פּובליקום. שוואַרץ וואָלט איר געלאָזט גיין. ער חלשט זי זאָל גיין, ווייל זי נעמט אַוועק צופֿיל אַפּלאָדיסמענטן און עס איז דאָך זיין טעאַטער. ווילנער איז אָבער אַ פּאַרטנער צום טעאַטער. ווילנער ווייס, אַז מיט דזשעני וואַליער קאָן מען מאַכן גרויסע איינגאַמען, און ער באַפֿרייט איר ניט. ער האָט מיט איר אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר. אַז אַך און ווי וואָס פֿאַרע דריי יאָר די אַרטיסטין קאָן דאָרט האָבן צווישן די אינטריגאַנטן. וואַרשיינלעך וועט זי אַוועק פֿון אירווינג פּלייס טעאַטער אין אַן אַנדער יידישן טעאַטער להכעיס די פּאַסקווילן־שרייבער. קונסט איז קונסט, און קיין בלבול־מאַכער, קיין אינטריגאַנט קאָן ניט אָפּלייקענען דזשעני וואַליערס טאַלענט און דאָס געווינס, וואָס די יידישע בינע האָט מיט אירע פֿאָרשטעלונגען. ווען מיר וואָלטן איצט געקאָנט ריידן צו די אינטריגאַנטן, וואָלטן מיר בלויז געזאָגט דריי ווערטער: „פּע,



חלשות, שעמט זיך". ...עס זיינען דאָ פּעק מיט נייעס און גאַנצע באַנדלס [פּעקלעך] מיט נייע, שפּאָגל נייע אינטריגעס. מיר האָבן דאָס איבערגעלאָזן אויף נעקסטע וואָך, ווייל מיר האָבן קיין פּלאַץ ניט. מיר האָבן געדאַרפֿט אָפּגעבן דעם פּלאַץ פֿאַר דער וואַליער־געשיכטע, וואָרעם ווייבאַלד, אַז מאַדאַם וואַליער איז אַ „געפֿערלעכע אַנטיסעמיטקע", האָבן מיר געמוזט ראַטעווען דעם יידישן פֿאָלק און מאַכן אַ טאָלק דערמיט איידער עס ווערט צו שפּעט, איידער וואַליער וועט אַרויסטרייבן אַלע אַמעריקאַנער יידן אין גלות און וועט פֿאַרכאַפּן די מאַכט אויף דער יידישער פּערצענטער סטריט און סעקאָנד עוועניו. וויי צו אונדז"!

**די לאַגע האָט זיך אָבער באַלד געענדערט ווי מ'קאָן זען פֿון אַ צווייטע גרעסערע נאָטיץ פֿון דעם זעלביקן „טעאַטער פּאַטראָיט":**

„היינט איז שוין פּורים און יידישער טעאַטערע וועלן זיך פֿילן יום טובדיק. פּורים דאָס איז דער יום־טוב פֿון דער יידישער בינע. ווען ניט פּורים־שפּיל, ווען ניט די שיינע מעשה מיט אסתר המלכה, וואָלט קיין יידישער טעאַטער אפֿשר ניט געווען. פּורים בעטן זיך איבער אַלע טעאַטער־מענטשן און ווערן גוט־פֿריינט און שיקן איינע די אַנדערע שלח־מנות. די אסתר המלכה פֿון דעם איצטיקן יידישן טעאַטער איז דוקא אַ גויע און מיט דער גויע האָט זיך איצט מאָריס שוואַרץ און אַלע זיינע שוישפּילער איבערגעבעטן און געשיקט זיך איינע די אַנדערע שלח־מנות און מתנות און ס'זעט אויס, אַז ס'וועט ווערן אַ לעבן ווי אַ לעקעך. איר שטויסט זיך שוין מסתמא אָן, אַז די גוישע אסתר המלכה מיינט מען די טאַלענטפֿולע דזשעני וואַליער, און אַז מאָריס שוואַרץ איז אַחשורוש. פּישקינד איז מרדכי הצדיק און קיין המן איז שוין לאַנג, לאַנג ניטאָ. זרש איז שוין אויך גוט און פֿרום און ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט.

יאָ, די פּראָקלאַמאַציע פֿון דעם טעאַטער־פּאַטריאָט לעצטן פֿרייטיק אין „פֿאָרווערטס" וועגן די צרות פֿון מאַדאַם וואַליער אין אירווינג פּלייס טעאַטער האָט געמאַכט אַ רושם. אַנדערע האָבן געבענטשט דעם פּאַטריאָט, אַנדערע האָבן געשאָלטן און די עשרת בני המן האָבן זיך ניט באַוויזן אין די גאַסן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס פֿאָלק וועט זיי אויפֿהענגען פּורים צו דער סעודה.

די פֿאָרשטייער פֿון דער אַקטיאָרן־יוניאָן האָבן זיך אין דעם גאַנצן שטרייט געהאַלטן נייטראַל. זיי האָבן אויסגעדריקט אַ ווונטש דאָס מאַדאַם וואַליער האָט געדאַרפֿט פֿאָרברענגען אירע טענות פֿאַר די [דער] אַקטיאָרן־יוניאָן און זי וואָלט אין דער יוניאָן זיכער געפֿונען גערעכטיקייט. ווי די זאַך איז, דער טעאַטער־פּאַטריאָט האָט אויסגעפֿאָרשט דעם גאַנצן סכסוך און ער האָט אויסגעפֿונען, אַז מאַדאַם וואַליער איז די גערעכטע, האָט ער איר געשווירן לאָיאַליטעט און געוואָרן איר אַדוואָקאַט. די קעיס [ענין] איז געוווּנען און אַלעס איז אָלרייט. מאַדאַם וואַליער שפּילט אין שוואַרצס טעאַטער אירע ראָלן. די גאַנצע אַטמאָספֿערע איז איצט אַ פֿריינטלעכע, ערקלערט מאָריס שוואַרץ, און עס וועט זיין ווי געווונטשן. מר. שוואַרץ איז געקומען אין אָפֿיס פֿון „פֿאָרווערטס" און האָט געגעבן אַן ערקלערונג וואָרום עס איז אַרויסגעקומען צווייסטיקייטן [מחלוקת] צווישן אַ פּאָר פֿון זיינע שוישפּילער און אים און צווישן מאַדאַם וואַליער. שוואַרץ לייקנט אַבסאָלוט, אַז ער וויל פּטור ווערן פֿון דזשעני וואַליער. שוואַרץ זאָגט, אַז ער שעצט צו הויך וואַליערס טאַלענט און אירע פֿאַרדינסטן צום ערפֿאָלג פֿון זיין טעאַטער, אַז ער זאָל וועלן פֿון איר פּטור

ווערן. די קונסט איז די העכסטע און הייליקסטע זאַך, זאָגט שוואַרץ, און ווייל מאַדאַם וואַליער פֿאַרמאָגט אין זיך די פֿיינע קונסט אין אַ הויכער גראַד, קאָן קיין אינטריגע ניט צעשיידן אים פֿון מאַדאַם וואַליער. די גאַנצע אומאָנגענעמלעכקייט איז אַרויסגעקומען פֿון רכילות־טרייבער און אינטריגאַנטן. „מיינע שונאים — זאָגט שוואַרץ — פֿאַרגינען מיר ניט מיין ערפֿאָלג און מיין גליק וואָס אַזאַ גרויסע שוישפּילערין ווי מאַדאַם וואַליער איז אין מיין טעאַטער. מען וויל איר אַוועקנעמען פֿון מיר. מען וויל איר אַניידן זי זאָל שפּילן אין אַן אַנדער טעאַטער. מאַדאַם וואַליער איז אָבער צו אָנשטענדיק צו פֿאַרלאָזן מיך אין מיטן פֿון אונדזער ביידנס ערפֿאָלג, האָבן די שונאים גענומען מאַכן אינטריגעס צווישן אונדז. מען האָט געטראָגן פּליאַטקעס און געהעצט און געמאַכט אַ גיהנום צווישן מיר און מיין גרויסער שוישפּילערין. איך לייקן אַבסאָלוט אַלעס וואָס שלעכטע מענטשן זאָגן אויף מאַדאַם וואַליער. עס איז מיר קיינמאָל ניט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז זי איז אַן אַנטיסעמיטקע. עס איז אומזין. זי איז אַן אײדעלע, קולטורעלע און פֿיינע פּערזענלעכקייט. זי שפּילט אין יידיש און האָט ליב דעם יידישן פּובליקום, די יידישע שוישפּילער־קאָלעגן און די יידישע ראָלן. זי באַציט זיך צו די יידישע ראָלן מיט גרויס רעספּעקט, פּונקט מיט אַזאַ רעספּעקט ווי די יידישע גרויסע טאַלענטן באַציען זיך. אַלס אַ באַווייז ווי איך פֿאַרער די פּערזענלעכקייט און טאַלענט פֿון דזשעני וואַליער, קאָן דינען דאָס, וואָס איך שפּיל גאַנץ קליינע ראָלן מיט איר. איך וואָלט קיינמאָל ניט געשפּילט דיזע ראָלן ווען ניט מיין גרויסע אַכטונג צו דער קינסטלערין וועמען איך וויל מאַכן באַקוועם אויף דער בינע און פֿיל, אַז עס איז אַ כבוד פֿאַר אַן אַקטיאָר צו אויפֿטרעטן מיט אַזאַ טאַלענטפֿולע אַקטריסע". אַזוי האָט מאָריס שוואַרץ ערקלערט. ער האָט אויך פֿאַרענטפֿערט זיינע אַלע שוישפּילער און געזאָגט, אַז אַלעס בייזעס שטאַמט פֿון די לאַבי־גייס [אַרומהענגער אַרום טעאַטער] פֿון אַנדערע טעאַטערע, וועלכע ווילן קידנעפּן מאַדאַם וואַליער אין אַן אַנדער טעאַטער. מאַדאַם וואַליער פֿאַרבלייבט ביי שוואַרצן אין טעאַטער. זי שפּילט אירע ראָלן ... און לאָמיר זינגען: „לאָמיר זיך איבערבעטן, לאָמיר זיך איבערבעטן"!

[ דאָס דערשיינען פֿון דזשעני וואַליער אויף דער יידישער בינע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש צוליב צוויי אורזאַכן. ערשטנס, איז זי טאַקע געווען אַן אויסגעצייכנטע שוישפּילערין, צווייטנס, דער פֿאַקט, וואָס זי איז געווען אַ גויע, אַ דייטשקע, וועלכע האָט זיך וווּנדערבאַר צוגעפּאַסט צום יידישן לשון, הגם אַפילו שפּעטער, ווען זי איז אַריבער שפּילן אין אַנדערע יידישע טעאַטערס פֿון ניויאָרק, און אַפילו אויפֿגעטראָטן אַלס „מירעלע אפרת", איז זי אַלץ נאָך ניט געווען פּערפֿעקט אין איר אַרויסברענגען די יידישע ווערטער, גאַנץ באַזונדערס די ספּעציפֿישע יידישע תנועות. אין דער צייט וואָס אין אייראָפּע זיינען געווען אַ סך פֿאַלן, וואָס ניט־יידישע שוישפּילער זיינען אַריבער צו דער יידישער בינע, גאַנץ באַזונדערס אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען אין אַמעריקע געווען נאָר איינצלנע פֿאַלן, וואָס ניט־יידישע שוישפּילער זיינען געוואָרן יידישע אַקטיאָרן. מערסטנס נאָר פֿאַר אַ קורצע צייט. די איינציקע צוויי קריסטלעכע אַקטריסעס, וועלכע האָבן לענגער געשפּילט אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע זיינען דזשעני וואַליער און גרעטאַ מייער. גרעטאַ מייער האָט אַפילו זיך אויסגעלערנט שרייבן יידיש און איר יידישע אויסשפּראַך איז געווען אַ סך בעסער ווי וואַליערס.







דען פֿראָהמאַן און מאָריס שוואַרץ

**די באַגייסטערונג, וואָס איז לכתחילה אַרויסגעוויזן געוואָרן דער דייטשער אַקטריסע דזשעני וואַליער אין דער יידישער פּרעסע, הייבט זיך אָן אָפּצוקילן. מען נעמט טיפֿער אַנאַליזירן איר שוישפּיל־קונסט. אין אַ לענגערן אַרטיקל וועגן איר שרייבט מ. גרים:**

„...ניט „מירעלע אפרת, ניט „סאַפֿאָ" און ניט די אַנדערע טיפּן פֿון יידישע שטיק, וועלכע מאַדאַם וואַליער האָט גענומען אָדער געקאָנט נעמען, וועלן אַרויסקומען ביי איר אַזוי, אַז זיי זאָלן עפּעס געבן דעם יידישן עולם. איר באַטייליקן זיך אין אַ ריין־יידישן רעפּערטואַר איז און וועט בלייבן ניט מער ווי אַ צופֿאַל, און וויפֿל פּראָפֿעסיאָנעלע ענערגיע זי זאָל ניט אַריינלייגן דערין, וועט זי קיינמאָל ניט געבן דאָס וואָס זי האָט געגעבן אין די ניט־יידישע טיפּן.

די עכטע שוישפּילערין איז זי בלויז אין דעם ניט־יידישן רעפּערטואַר, און דאָ האָט זי געגעבן צוויי קלאָר־געצייכנטע טיפּן. די ערשטע די טענצערין לאַלאַ און איצט „לילי" פֿון דער ניי נאָר־וואָס אויפֿגעפֿירטער פֿראַנצויזישער מעלאָדראַמע „די נאַקעטע נשמה". דער צווייטער — די עלטערע טאָכטער אין דער פֿראַנצויזישער מעלאָדראַמע „די ווייסע בלום" און די טאָכטער אין גאָרקיס „מיעשטשאַניע". ליבער אָבער פֿון דעם צווייטן טיפּ איז איר דער ערשטער. נאָך אַלע ראָלעס אין וועלכע מאַדאַם וואַ־

ליער איז שוין אויפגעטראָטן, איז זי פאַרן גרויסן עולם געבליבן בלויז „די טענצערין“.

„די טענצערין“ איז געווען אַן איבעראַשונג אויף אונדזער בינע. דער עולם איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות. מען האָט פאַרמישט אי די טעכניק, וואָס מאַדאַם וואַליער האָט געבראַכט, אי די ריינע ראָסן־שטריכן פון דעם ניט־יידישן מיידל, און עס האָט „דערלאַנגט איבערן קאָפּ“. איר ערפאָלג אָבער און די סיבה פון איר רייץ איז אויך דאָ געווען איר ניט־יידישקייט ...זי איז געקומען אַלס ניט־יידישע אין אַ שטיק, וואָס איז דורכויס געבויט אויף דער שפּילעוודיקייט פון דער ליבע, האָט געבראַכט אַ טעכניק און אַן אופן פון אויסדריקן זיך, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אָט דער ליבע־קונסט, און זי האָט איבעראַשט. נאַטירלעך, וואָלט אַבי ווער ניט געקאָנט איבערגעבן אָט דעם רייץ און חן פון אָט דער ליבע־שפּיל, אָבער די הויפּט־זאַך פון איר ערפאָלג איז געווען ניט די בינע־קונסט, נאָר דער נאַציאָנאַל־פרעמדער און רייצנדער עלעמענט, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט, ווייל אָט האָט זי אין דער לעצטער ראָלע געפּרוווט געבן דעם זעלבן טיפּ, נאָר אין אַן אַנדער סיטואַציע, ווייניקער שפּיל און מער דראַמע, און עס איז אַרויסגעקומען שווער, מעלאָדראַמאַטיש, שרייענדיק. „לולו“ איז „די טענצערין“, אָבער אין אַ פּיל ערגערע אויסגאַבע.

פיל עכטער אַלס שוישפּילערין, וואָס קאָן מאַכן אַן איינדרוק אין זייטיקע עלעמענטן, איז זי געווען אין דעם צווייטן טיפּ, אין דעם טיפּ פון דער עלטערער מיידל, דער ניט־געראָטענער, וועלכע בענקט און מאַטערט זיך שטילערהייט. דער טיפּ איז אַן אַלגעמיינער, אונדז נאָענטער, און מען האָט אים געקאָנט באַטראַכטן פון דער נאָענט, אָן אַ פּערספּעקטיווע. קאָן זיין, אַז אין דעם אַלגעמיינעם רעפּערטואַר זיינען פאַראַן נאָך טיפּן אין וועלכע מאַדאַם וואַליער וועט זיך פילן היימיש און שפּילן זיי אין יידיש. אַזוי, אַז מען זאָל ניט דאַרפן געדענקן צופיל איר ניט־יידישקייט. דערוויל בלייבט עס צו זען“.

[דזשעני וואַליער איז סוף כל סוף אַרויס פון „קונסט טעאַטער“ און עטלעכע טעאַטער־סעזאָנען געשפּילט אין אַנדערע יידישע טעאַטערס. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז ביים אויפקום פון נאַציזם, איז זי צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד און דאָרט אָנגענומען די נאַצישע פּאַרטיי־ליניע. געני פעסטגעשטעלט איז דאָס ניט].

## „דער ממזר“

דעם 4 מערץ 1920 ווערט אויפגעפירט „דער ממזר“ פון יעקב גאָרדין, וואָס איז שוין פריער געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. די פּרעסע האָט זיך אויף דער אויפפירונג ניט אָפּגערופן.



מאַרק אַרנשטיין
מחבר

## „דער זון פון צוויי נאַציאָנען“

דעם 11 מערץ 1920 ווערט א״ר פון מאָרים שוואַרץ אויפגעפירט „דער זון פון צוויי נאַציאָנען“ פון מאַרק אַרנשטיין, בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע.

**ל. ליפּסקי שרייבט:**

„גרויס אינטערעס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער נייער שטיק פון מאַרק אַרנשטיין, וואָס ווערט איצט געשפּילט אין „אויר־ווינג פּלייס טעאַטער“. אַרנשטיין ווערט באַטראַכט אַלס אַ צימלעך וויכטיקע פיגור אין דער פּוילישער ליטעראַטור. ער האָט דאָרטן אָנגעהאַלטן זיין פּאָזיציע טראָץ זיין יידישע אָפּשטאַמונג און פאַרבינדונג. דאָרטן האָט ער זיך אַנטפּלעקט און דאָרטן האָט ער געוווינען זיינע לאָרבער־קרענצע. ווען ניט ווען האָט ער געשריבן אַ שטיק, וועלכע האָט געפונען אַ פּלאַץ אין דער יידישער וועלט, אָבער זיין פּלאַץ איז מייסטנס געווען מיט די פּוילישע אינטעלעקטועלע ליבעראַלן. זיין שטיק „אַ זון פון צוויי נאַציאָנען“ איז אָבער געשריבן אויסשליסלעך פאַר יידן און ציגט אַרויס אַ שנאה צו פּוילן פאַר וועלכעס עס פעלן דעם פאַרפאַסער אויסווערטער איר אַרויסצודריקן שטאַרק גענוג. די יעניקע יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער לאַגער כדי צו זוכן שוץ ביי דער שטאַרקערער פּאַרטיי, זיינען שולדיק אין אַ פאַרברעכן קעגן די יידישע אינטערעסן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין העלדנמוט, קיין ערע. עס וואָלט געווען פיל בעסער פאַר זיי, לויט אַרנשטיינס מיינונג, צו ליידן מיט די אונטערדריקטע איידער פאַרעכנט צו ווערן צווישן די אונטערדריקער. דער יידישער מאַרטירער זינגט זיך דאָס ליד קעגן די פּאָליאַקן. ניט מער לאָזן מיר אויס אונדזער שנאה צו עמלקן. דאָס פּוילישע פאָלק איז געוואָרן די נייע עמלקים. זאָלן זיי אונדז טראַמפּלען [טרעטן] אונטער די פיס, אָבער אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן אַ קול צו ריידן, וועלן מיר פאַרשילטן פּוילן.

אַרנשטיינס שטיק ליידט זייער פיל פון זיינע ליידנשאַפטלעכע פאַראַטונגען. ער שיינט צו זיין פול מיט חרטה און צאָרן. זיין נשמה איז צעריסן פון יסורים און צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעזען אין פּוילן, פּרובירט ער אַריינצוגעבן אין אַ דריי־אַקטיק שטיק אַלע צרות, וואָס די פּוילישע יידן האָבן אויסצושטיין. ער שליידערט אַלע דיזע צרות — דעם צעגלידערטן קערפּער פון דאָס יידישע פאָלק — אויף איין לייוונט אום אַלע, וואָס ווען עס זען, זאָלן אויפגעשוידערט און דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם פאַרפאַסערס שנאה. ער האָט ניט געשריבן קיין פּאָגראָם־שטיק. דאָס וואָלט ניט געווען גענוג. ער האָט ניט געוואָלט זיך אָפּגעבן בלויז מיט דראַמאַטישע גרוילעכע איינצלהייטן. רעאַליזם וואָלט ניט געווען גענוג. דאָך האָט ער געזוכט אַריינצוגעבן אין זיין שטיק אַלע יסורים פון פּאָגראָמען און אַלע ווייטיקן פון אַסימילאַציע כדי צו ענדיקן דאָס אַלעס מיט אַ דונערנדע פאַרדאַמונג פון פּוילן.

ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבן „אַ זון פון צוויי נאַציאָנען“, האָט ער הפנים געהאַט אַן איינפאַכע געשיכטע צו דערציילן, אָבער די טעמע איז געוואַקסן און האָט פאַרבונדן נייע, זאָנדערבאַרע, פאַנטאַסטישע אידעען אַנשטאָט אַן איינפאַכע, רירנדע טראַגעדיע [און] איז געוואָרן אַ מיש־מאַש פון סימבאָליזם און רעאַליזם, פון נביאות און אומפערפעקטפולע קינות. פראַגמענטן פון דער איינפאַכער געשיכטע זיינען פאַרבליבן, אָבער זיי זיינען בלויז דינע פעדעם, וואָס לויפן דורך דאָס שטיק, וועלכע איז באַלאַסטעט מיט אומקלאָרע פּאָעזיע און אומינטערעסאַנטע איינצלהייטן. די געשיכטע פאַרלירט זיך ענדלעך אינגאַנצן און מיר האָבן אַן עפּילאָג וועלכער וואָלט זיך גיכער געפּאַסט אַלס אַ פּראָלאָג. דער פאָטער פון דעם הויז וואַרשאַווסקי, אַרומזעענדיק זיך וואָס

פאַרע חורבן ער האָט געבראַכט אויף זיין פאַמיליע דורך זיין פאַרנאַכלעסיקן יידישע אינטערעסן, קלאַפּט זיך אין האַרצן און שרייט „חטאתי" און שטאַרבט ווערנד זיין אייגענער פאָטער דערוועגט אים אין אַ חלום.

אַרנשטיינס צו גרויסער אייפער פאַרוואָלקנט דאָס בילד. ער האָט געהאַט צו פיל צו דערציילן און האָט ניט געוווסט וואָס אויסצולאָזן. דאָס ברענגט צו געוויסע אָנצוהערענישן, וואָס פירן אין ערגעץ ניט. דאָ איז פאַראַן גענוג מאַטעריאַל פאַר אַ גוטע שטיק. דער פּלאָט איז דאָ, די כאַראַקטערע זיינען דאָ, אָבער זיי זיינען געפּענטעט פון דעם סימבאָליזם וועלכע האַלט זי אַזוי פעסט, אַז זיי קאָנען ניט האַנדלען, קאָנען זיך ניט באַוועגן. זיי קאָנען בלויז זיך אויסריידן אין ווערטער וועלכע געהערן צו דער פּראָפאַגאַנדע פון דעם פּראָפעסאָר. אַ נעבל פון אומקלאָרע און מוראדיקע פאַרדאַמונגען און פון צאָרן, וועלכער קומט פון ליידן, שוועבט איבער דאָס הויז פון וואַרשאַווסקי און דאָס אַלעס ווערט אויסגעמישט מיט דער איינפאַכער געשיכטע פון דעם געשמדטן יידישן יינגל, וועלכער קומט צוריק צו זיין פאָלק. איר פילט, אַז אַ געדאַנק האָט זיך דאָ געמאַטערט צו געפינען אַן אויסדרוק, אָבער דער געדאַנק איז ניט קריסטאַליזירט. ער שווימט אַרום אין דעם שטיק, באַווייזנדיק זיך דאָ און דאָרט ביז ענדלעך פאַרטונקלט ער אַלעס, און דאַך מאַכט זיך דער געדאַנק אַליין ניט קלאָר. עס איז אַ ניט־געענדיקטע שטיק. איר פאָרמע איז אומבאַשטימט, אָבער זי ערוועקט אַן ערוואַכונג וועלכע ווערט ניט רעאַליזירט. דאָס איז בדרך כלל וואָס קאָן געזאָגט ווערן איבער אַרנשטיינס שטיק. די אומהאַרמאָנישע שטעלן זיינען צאָלרייך צוליב דעם איבערפלוס פון מאַטעריאַל. איר וווּנדערט זיך וואַרום די שטיף־מוטער מוז דוקא האָבן אַ ליבעס־אַפערע מיט אַן אויסוווּרף פון אַ פּוילישן אָפיציר. איר וווּנדערט זיך אויך וועגן דער אומגעהיבלקייט פון די איינצלהייטן פון דער אַפערע. וואָס האָט די ערמאָרדונג פון דעם פּוילישן אַרבעטער פראַנעק צו טאָן מיט דעם סימבאָליזם אָדער מיט דער רעאַליסטיק? איז די פאַבריק־שול אין דער אמתן וויכטיק אָדער איז עס בלויז אַ סימבאָל? די טעכניק איז פעלערהאַפט. די כאַראַקטערע קומען און גייען אָן שום שיכות צו צייט און וואַרשיינלעכקייט.

ווי אין אַלע שטיקער פון דיזן סאָרט האָבן די אַקטיאָרן דעם ערגסטן דזשאָב. זיי שווימען אַרום אין דער לופטן. זיי ריידן ניט דאָס וואָס זיי אַליין וואָלטן וועלן זאָגן, נאָר וואָס דער אויטאָר וויל זיי זאָלן זאָגן. איר האָט דאָ דאַרום אַן אומערמידלעכע אומרויִקייט און אומקלאָרקייט אַנשטאָט אמתע כאַראַקטעריזירונג. די שוישפּילער געפינען פאַר אומעגלעך זיך אויפצופירן ווי געוויינלעכע מענטשן, ווייל זיי זיינען אימער אין ספק צוליב וואָס זיי געפינען זיך אויף דער בינע. וואָס זיי האָבן געהאַט צו טאָן אין „אַ זון פון צוויי נאַציאָנען" האָבן זיי געטאָן צימלעך גוט, אָבער קיין ווונדערבאַר שפּילן האָט מען ניט געקאָנט ערוואַרטן. עס איז ניט געווען קיין געלעגנהייט פאַר דעם. טייטעלבוים איז געווען פאַרטרעפלעך אַלס דער גבאי פון דער פאַבריק־שול. ער האָט גערעדט מיט אַן ערנסטקייט און אַן אויפריכטיקייט, וואָס איז געווען שטאַרק איבערצייגנד און זיין גאַנצע ערשיינונג איז געווען אַ שטיק קונסט. שוואַרץ האָט געשפּילט „יאַנעק" מיט אַ פיינעם געפיל און צייטנווייז עלעקוועטנץ, אָבער די ראָלע האָט ניט געהאַט קיין גרויסע וואַריאַציעס און האָט ניט געשטעלט קיין גרויסע פאָדערונגען פון שוואַרצס טאַלענט. מיס גערסטען איז געווען גענוג פּאַטעטיש אַלס





די אמתע מוטער. זי האָט פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אומעט און דעם טיף פון דעם פּוילישן אַסימילאַטאָר מיט אַלע זיינע געמיינע און פאַראַכטלעכע כאַראַקטער־ציגע. סאַמואילאָוו אַלס דער פאָטער האָט געקאָנט האָבן מער וואַריאַציע אין זיינע טענער און ווייזן טראַגישע טיפקייט. דובינסקי איז געווען גוט אַריינגעלעבט אין טיפערע געפילן. ווייזענפריינד איז געווען ווונדערבאַר גרימירט אַלס דער פּאַטריאַרך. אין דעם ערשטן אַקט האָט ער געמאַכט אַ דראַמאַטישן איינדרוק מיט זיין שטומער סצענע, אָבער אין דעם לעצטן אַקט האָט אים געפעלט קראַפט און אויסדרוק. מאַדאַם זילבערט אַלס די שטיף־מוטער האָט געהאַט אַן אומדאַנקבאַרע ראָלע, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן גוט. מיס האָלענדער איז געווען גוט אין די לייכטע מאָמענטן".

### ישראל דער יענקי שרייבט:

„'די קאַץ ווייס וואָס זי האָט גענאַשט' — זאָגט מען אין דעם שרייבערס געגנט אַ ווערטל. און פּונקט אַזוי ווייס מאַרק אַרנשטיין, אַז זיין „זון פון צוויי נאַציאָנען", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ אין זיין „אירווינג פּלייס טעאַטער", קאָן ניט כאַראַקטעריזירט ווערן פון אַ דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט, און ער האָט דעריבער געזאָרגט ניט צו לאָזן שטעלן אויפן פּראָגראַם, אַז דאָס איז אַ „דראַמע", אַ „טראַגעדיע" אָדער „קאָמעדיע" ווי אַ פּראָפעסאָר באַצייכנט געוויינלעך זיין ווערק אַפילו אין עטלעכע ווערטער איבער דאָס געלינגט אים ניט בלויז מיט איין וואָרט פונם דראַמאַטישן ווערטערבוך, נאָר אַז „דער זון פון צוויי נאַציאָנען אין 3 אַקטן", ווייל אַפילו פּשוטע פּאַסירונגען, אַפילו ווען זיי זיינען די כראָניקסטע, קאָנען ניט כאַראַקטעריזירט ווערן מיט קיין דראַמאַטישע באַצייכענונג, איבערהויפּט ווען דאָס זיינען פּאַסירונגען, וואָס ווערן געוויינלעך „געמעלדעט" אין יעדער לאָקאַלער יידישער צייטונג אין די פּוילישע שטעט און וועלכע האָבן שוין געגרייכט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע צום טויזנטסטן מאָל.

אַ פּוילישער פעלד־געריכט פאַר יידישער אָנגעקלאָגטע איז אַ שרעקלעכע פּאַסירונג, אָבער וויפל דראַמאַטישן מאַטעריאַל זי זאָל ניט אַנטהאַלטן, איז זי דאָך ניט מער ווי אַ פּאַסירונג ווען זי איז ניט אַרויסגעאַרבעט אין עכטער דראַמאַטישער פאָרם. דער אמת, דער פּרינציפּ איז שטענדיק דער זעלבער, בלויז די פאָרמע איז ניי. סאָביעסקי און אַרנשטיין האָבן ביידע געטראָגן קאָלנערס, אָבער [ביי] יענער פון סאָביעסקיס צייטן און אַרנשטיינס פון היינטיקער צייט, איז די פאָרמע אַן אַנדערע, כאָטש זיי זיינען ביידע געשאַפן צו פאַרדעקן דעם האַלדז. די פּאַסירונגען זיינען געוויס וויכטיק. פון פּאַסירונגען קומען דראַמאַטישע האַנדלונגען, אָבער די פאָרם האָט די אויבערהאַנט אין דיזן פאַל, און גלאַט איבערדערציילן פּאַסירונגען, וואָס האָבן ניט קיין שום צוזאַמענהאַנג איינער מיט דער צווייטער, איז געוויס ניט קיין דראַמאַטישע שאַפונג, און דאָס איז „דער זון פון צוויי נאַציאָנען", ניט מער און ניט ווייניקער. צו דיזן שלוס מוז דער שרייבער פון דיזע צייל קומען מיט זיין גאַנצן דרך־ארץ פאַר אַרנשטיינס אַן אַנדער שאַפונג, וועלכע האָט אין זיך די קערנער פון אַ שיינעם ליטעראַרישן ווערק.

ביי אַרנשטיינען ווערן נאָך די זעלבע זאַכן, די זעלביקע פּאַסירונגען רעפּעטירט, איבערגעחזרט, און דאָס ווערט געוויס ניט געטאָן אין אַ דראַמע, ווו יעדע סצענע, יעדע האַנדלונג, יעדע שורה, יעדעס וואָרט זאָגאַר, מוז זיין ניי און אינטערעסאַנט. אַזוי

צ. ב. קאָן געשאַפֿן ווערן אַ דראַמע פון אַזאַ פּאַסירונג ווי אַ יונגער פּוילישער אָפיציר, וואָס איז נאָך אַלס קינד געשמדט געוואָרן, ווערט אָנגעפולט מיט סימפּאַטיע פאַר יידן און יידנטום ווען ער זעט די רציחות וואָס פּאָליאַקן באַגייען קעגן יידן און ווי ער ווערט ענדלעך געטריבן ווייטער פון די זעלבע אכזריות און פון מער דערפאַרונג פון זיין אייגענער יידישער אָפּשטאַמונג, און ער ווערט דערנאָך צוריק אַ ייד מיט די ביינער, אָבער אַנשטאָט דיזן דראַמאַטישן מאַטעריאַל אויסצואַרבעטן, קומט אַ רעפּעטיציע פֿון דעם זעלביקן מאַטעריאַל. מיר האָבן דערנאָך ווי דער טאַטע פון דעם דאָזיקן אָפיציר, וועלכער האָט שוין לאַנג פֿאַרוואָרפֿן זיין יידישקייט און יידנטום, ווערט אויך פֿון די זעלבע פּוילישע רציחות געטריבן צוריק צום יידנטום און ער קומט אַרויס פֿון זיין באַהאַלטענעם חדר באַקליידט אין אַ טלית.

עס איז פּרעכטיקער דראַמאַטישער מאַטעריאַל ווי אַן עכטע יידישע טאָכטער וואַרפֿט אַוועק איר מאַן דערפֿאַר וואָס ער שמדט אָפּ זיין איינציקן זון און ער אַליין טוט זיך אינגאַנצן אויס פון יידישקייט, פֿון דער יידישער נשמה, וואָס איז אים פֿאַרבליבן בירושה פון זיינע עלטערן, אָבער אַנשטאָט צו אַנטוויקלען דאָס מאַטעריאַל אין עכטער דראַמאַטישער פֿאָרם, קומט אַ רעפּעטיציע, וועלכע קאָן אין אַ דראַמע געוויס ניט געדולט ווערן. און דער זעלבער פֿאַרפֿאַסער ברענגט אין דעם זעלבן „שטיק“ נאָך אַן ענלעכע דראַמאַטישע פּאַסירונג, ווי די געליבטע פון דעם אָפיציר וואַרפֿט אים אַוועק דערפֿאַר וואָס ער וואַרפֿט אַוועק דאָס פּוילנטום און ווערט באַקערט צום יידנטום.

אויך איז עכטער דראַמאַטישער מאַטעריאַל אַ פּאַסירונג, אַז אַ יידישע מאַמע מיט צוויי זין ווערן געשטעלט פאַר אַ פּוילישן פעלד־געריכט. דער פאַקט איז אַזוי אַלט ווי דער בייזער וואָרם, וואָס נערט די פּוילישע שנאה צו יידן, אָבער וואָס פאַרע רייכע שילדערונגען עס יאַווען זיך פאַר דער פען פון אַ דראַמאַטורג! בלייבט אָבער אויך דיזער דראַמאַטישער מאַטעריאַל אומאַנטוויקלט, און אַנשטאָט דעם קומט ווידער אַ רעפּעטיציע און מיר הערן אויך ווי דער אַלטער איזאַק וואַרשאַווסקי איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון אַ פּוילישן פֿעלד־געריכט.

דאָס גאַנצע געשטעל אַרנשטיינס קאָן אויף אַזאַ אופֿן איינגעטיילט ווערן אין פּאַראַלעלן, פֿאַרגלייכונגען, רעפּעטיציעס, וועלכע האָבן ניט קיין צוזאַמענהאַנג איינע מיט דער צווייטער. עס איז ניט מער ווי אַ געוויינלעכע מואווינג פּיקטשור [פֿילם] אין וועלכער דער פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט האָט אַ סך זאַכן אויפֿגעכאַפּט צוויי אָדער דריי מאָל. יעדעס מאָל פֿילייכט פֿון אַן אַנדערן ווינקל. פונקט אַזוי וואָלט מען געקאָנט ציינגן פּיקטשורס פֿון וואַרשעווער גאַסן אָדער פֿון פֿאַרשיידענע פּוילישע שטעט, און דער צושויער וואָלט דערביי נאָך מער פּראָפֿיטירט. ער וואָלט געלערנט עטוואָס געאָגראַפֿיע.

דער „כל עורב למינהו“־פּראָבלעם, וואָס אַרנשטיין נעמט זיך אונטער אַרויסצואַרבעטן אין זיין „זון פֿון צוויי נאַציאָנען“ איז אויך פאַלש אַרויסגעבראַכט. פונקט ווי די גרויסע אומוויסנדע מאַסע, זעט אויך אַרנשטיין בלויז די נעגאַטיווע זייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג. דאָס יידישקייט אַליין, די יידישע אמונה, די יידישע נאַציאָן, זיי אַליין האָבן ניט קיין שום צוציִונג פאַר דעם העלד פֿון אַרנשטיינס „זון פֿון צוויי נאַציאָנען“. ניט זיי ברענגען אים צוריק צום שויס פון יידנטום. אים ברענגט צוריק דער זעלבער אונטערשטראָם פֿון נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך געיאַוועט צוזאַמען מיט די פּאָגראָמען, מיט די טייכן בלוט וואָס האָבן גענומען פאַרבן די פּוילישע און אוקראַינישע גאַסן.



ריידנדיק וועגן דער זעלבער פּראָבלעם ביי און ענלעכער געלעגנהייט, האָט דער שרייבער געגעבן דעם פֿאָלגנדן ביישפּיל: „גיסט אָן אויף אַ גלאַטן טיש צוויי טראָפּנס וואַסער אויף צוויי באַזונדערע ערטער, און איר וועט זען, אַז די טראָפּנס וועלן אָנהייבן רינען איינער צום צווייטן. עס וועט זי ציען איינער צום צווייטן, און אויב עס וועט נאָך זיין גענוג וואַסער אין די דאָזיקע טראָפּנס, וועלן זיי זיך ביידע צוזאַמענגיסן“. קאָן זיין אַ מער פּאָעטישער, אַ מער גראַנדיעזער דראַמאַטישער מאַטעריאַל פון דער פּאָזיטיווער זייט פון דעם פּראָבלעם פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג? וואָס פאַרע שענערע פּראָבלעם קאָן זיך שטעלן אַ פֿאַרפֿאַסער, וואָס האָט אונטערגענומען צו לייזן דעם „כל עורב למינהו“־פּראָבלעם? וואָס קאָן זיין אַ פּרעכטיקערע פּאַנאָראַמע ווי די אַלע טראָפּנס צוזאַמענגיסן אין איין מעכטיקן שטראָם, וואָס זאָל ווערן אַ צונג פֿונם ריזיקן ים? אָבער גלייך מיט אַלע דראַמאַטורגן און גלייך מיט דער פּשוטער מאַסע, פֿאַלט אויך אַרנשטיין אַריין אין דיזן טראַגישן טעות. אויב די אכזריות פון אַ פּוילישן פעלד־געריכט קעגן אַ יידישע מאַמע און אירע צוויי זין קאָנען פון אַ פּוילישן אָפיציר מאַכן אַ יידן מיט אַ וואַרם יידיש האַרץ, קאָן דאָך אויף אַזאַ אופֿן ווערן יידיש די גאַנצע פּוילישע אַרמעע, און אויב דיזעלבע פּורעניות קאָנען מאַכן אַ פֿאַרביסענעם אַסימילאַטאָר זיך אָנטאָן אין אַ טלית, קאָנען דאָך דיזע אומגליקן אויף יידן ברענגען אַלע משומדים צוריק צום יידישן שויס. בלויז לעווין איז אַ ייד „פּער סע“, אַן און פֿאַר זיך, ווי דער דייטש דריקט זיך אויס, ניט מחמת פּאָגראָמען און פּוילישע פֿעלד־געריכטן, נאָר פּשוט דערפֿאַר ווייל ער איז אַ ייד, ניט ווייל פּוילישע רציחות שטויסן אים אָפּ, נאָר ווייל יידישקייט ציט אים צו, אָבער ער אַליין האָט אַזוי ווייניק צו טאָן מיטן תמצית פֿון אַרנשטיינס „זון פֿון צוויי נאַציאָנען“, אַז ער איז ווירקלעך די איינציקע שוואַלב וועגן וועלכער מען זאָגט, אַז זי קאָן קיין זומער ניט מאַכן.

אַפֿילו דער נאָמען פֿון דער „זאַך“, וואָס אַרנשטיין האָט דערלאַנגט דעם יידישן טעאַטער־פּובליקום, איז פֿאַלש. ווען איז יאַן, דער אָפֿיציר, דער „זון פֿון צוויי נאַציאָנען“ אויף איינמאָל? ער איז דאָך אייגנטלעך ניט מער ווי פֿון איין נאַציאָן. מען זעט דאָך ניט ווען זיין נשמה ווערט אויפֿגעפֿרעסן פון דעם „אינערלעכן קאַמף“, וואָס ער מאַכט דורך ווען ער דאַרף זיך אָפּרייסן פון דער פּוילישער נאַציאָן פון וועלכער ער איז אייגנטלעך קיינמאָל ניט געווען קיין ווירקלעכער, קיין פֿולשטענדיקער טייל. דער פֿאַרפֿאַסער דערציילט אונדז דאָס דורך יאַנס מויל, אָבער דאָס איז ניט איבערציינגנד, ווייל דאָס האַרץ פֿון זיין העלד געלינגט אים ניט פֿאַר אייך אויפֿצודעקן וויפֿל „פּראָזע“ יאַן זאָל זיך ניט אָנריידן אויף דיזער טעמע, און אַזוי ווי דער איבערגאַנגס־פּראָצעס פֿון יאַנס נשמה פֿעלט, בלייבט בלויז דער פֿאַקט, אַז ער איז געווען און איז ניט מער. אָבער ביידע אויף אַמאָל האָט ער דאָך אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן ניט געקאָנט זיין. איז ער אַלזאָ ניט געווען קיין ייד אין דער צייט ווען ער איז געווען צוגעקלעבט צום פּוילנטום, און ער איז ווידער ניט געווען קיין פּאָליאַק נאָכדעם ווי ער האָט ווידער זיך באַגעבן צום יידנטום. ער איז אַלזאָ בלויז געווען אַ זון פֿון איין נאַציאָן אויף איין מאָל און קיינמאָל ניט פֿון צוויי נאַציאָנען אויף איין מאָל. אויף אַזאַ אופֿן האָט דאָך יאַקוב, דער

אַסימילאַטאָרישער פֿאָטער פון דעם אָפֿיציר, אויך געקאָנט זיין פֿון „צוויי נאַציאָנען". ער איז דאָך אויך געווען מיטן האַרצן צו די פּאָליאַקן און דערנאָך צוריקגעקערט זיין האַרץ צו די יידן, און אַזוי ווי יאַקוב איז דער פּאָטער, וואָלט דאָך לויט דער זעלבער, לאָגיק דאָס „שטיק" געדאַרפֿט הייסן „דער פֿאָטער פֿון צוויי נאַציאָנען", וואָרעם ווו ליגט די לאָגיק, אַז אין דיזן זין איז יאַן מער העלד פֿון זיין פֿאָטער יאַקוב, און אַז יאַן איז מער מיוחס, און דאָס „שטיק" דאַרף הייסן נאָך אים און ניט נאָך יאַקובן?

„דער זון פֿון צוויי נאַציאָנען" האָט בלויז דריי אַקטן און דאָס איז אַ גרויסע מעלה, אָבער ניט ווילנדיק האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ פֿערטער אַקט און דיזער אַקט איז פֿילייכט דער טראַגישסטער וואָס דער שרייבער פֿון דיזע שורות האָט ווען בייגעווינט. אָט איז דער פֿערטער אַקט ווי לויט דער שרייבער האָט אים מיט זיינע אייגענע אויגן געזען: דער אַלטער איזאַק וואַרשאַווסקי, וועלכער איז געקומע צו זיך זון און איז נאָכדעם וואָס ער איז האַלב טויט האַלב לעבעדיק אַנטלאָפֿן פון פוילישן פֿעלד־געריכט, איז נאָר וואָס געשטאָרבן, געפלאָגט פֿון שרעקלעכע גייסטער, וועלכע ערשיינען אויף דער בינע און ברענגען אַן אימה אויפן פובליקום, און ווען דער קוירטן [פאָרהאַנג] פון דריטן אַקט איז געפֿאַלן, און לויט דעם פּראָגראַם דאַרף דער טעאַטער־עולם גיין אַ היים. רירט זיך אָבער ניט דער עולם פֿון אָרט. די מוזיק שפּילט אַ גאַנץ טיכטיקן „אַהיימגיין", אָבער קיינער איז נאָך פֿון מוזיק ניט אַנטלאָפֿן . . . און אַז דאָס העלפֿט אויך ניט, הייבן אָן אַרומצוגיין די אָשערס [אָרדנערס] פֿון דעם טעאַטער און שרייען מיט באַנומענע קולות דער עולם זאָל גיין, אָבער אויך דאַן רירט זיך ניט דער עולם. ער קאָן זיך ניט גלייבן, אַז די פֿאָרשטעלונג איז צו ענדע. ער האָט קיין סוף ניט געזען. ער האַלט נאָך אַלץ ביים אָנהייב. געפינט זיך אָבער איינער אַן אָשער, וואָס מיט אים שפּאַסט מען ניט. ער איז אַ ברייט־בייניקער מיט אַ פּאָר ריזיקע פּלייצעס און אַ געמבע האָט ער צו וועלכער אַ פובליקום מוז זיך צוהערן און ער גיט אַ נעם די זאַך אין האַנט און שרייט אויס, אַז די פֿאָרשטעלונג איז שוין געענדיקט, און אויב דער עולם וועט ניט אַרויסגיין, וועט זיין זייער ניט פֿריילעך, און דער עולם פֿאַרשטייט דיזע טענה בעסער ווי דעם סוף פֿון דער פּיעסע און ער הייבט זיך אָן רירן און די מוזיק שפּילט אויפֿסניי דעם „אַהיימגיין"־מאַרש און דאָסמאָל מיט ערפאָלג... אַזאַ „פערטער" אַקט איז באַלד אַזוי שלעכט ווי די געוויינלעכע געשמאַקלאָזע „פֿערטע אַקטן", וואָס יידישע דראַמאַטורגן גיבן דעם פובליקום אַלס זייער „מאָני וואָירט" [באַפרידיקונג פֿאַרן געלט].

### אַ גאַנץ אַנדערע באַציִונג האָט דער שרייבער צו די שפּילער פֿון דער פּיעסע:

„מאָריס שוואַרץ אַלס יאַן דער אָפֿיציר, ווייזט אויס, דעקלאַמירט דעם גרעסטן טייל פֿון זיין ראָלע מיט אַ צוועק. ניט אַנדערש, ער האָט זיך דערמאָנט וואָס מ׳דערציילט וועגן זאָנענטאַלן און וועגן אַנדערע גרויסע טראַגיקער, אַז זיי האָבן געמאַכט מענטשן וויינען דורכן דעקלאַמירן דעם אלף־בית אָדער פשוטע ציפֿערן פֿון 1 ביז 10. וואָס לענגער די מאָנאָלאָגן, וואָס מער ער האָט צו ריידן, אַלץ ווייניקער האָט ער צו זאָגן. וואָס „שטאַרקער" אַזאַ ראָלע איז געשריבן, אַלץ שוואַכער, אַלץ בלאַסער קומט





זי אַרויס. אין די מאָמענטן וואָס יאַן האָט געהאַט מיט זיין מוטער, האָט שוואַרץ אַנטפּלעקט די נשמה פֿון אַן אַרטיסט. דיזע מאָמענטן זיינען געוויס רירנד און פֿילייכט די איינציקע עכט דראַמאַטישע, וואָס געפֿינען זיך אין דעם גאַנצן „זון פֿון צוויי נאַציאָנען". די מערסטע אַנדערע מאָמענטן זיינען אויפֿגעבלאָזענער ראָמאַנטיזם. שוואַרצס פֿיגור איז שיין, יונג און העכסט סימפּאַטיש. בערטאַ גערסטען האָט דעם שרייבער אָנגענעם איבעראַשט מיט איר ערשיינען אַלס עלטערע פֿרוי. איר ראָלע זאָגט מער פֿון אַלע, כאָטש זי האָט ווייניק צו ריידן און נאָך ווייניקער צו טאָן. זי האָט פֿאָרטרעפֿלעך פֿאָרגעשטעלט די פּרינציפּיעלע מוטער וואָס אַרנשטיינען איז געלונגען צו שילדערן.

מוני ווייזענפריינד אין זיין ראָלע פון איזאַק וואַרשאַווסקי שפּילט אומנאַטירלעך פון דעם מאָמענט וואָס מיר דערוויסן זיך, אַז ער האָט פֿאַרלאָרן דאָס לשון ווען ער איז געווען פֿאַרן פוילישן מיליטערסקע געריכט ביז צו זיין אומנאַטירלעכן טויט. אַ חוץ די סצענע ווען ער וואַרפֿט אַרויס בראָניעווסקין, דעם לינקן געליבטן פֿון יאַקובס צווייטע ווייב, מאַרי, וועלכע ער מאַכט גוט. אָפֿט שרייט ער אַזוי איבערנאַטירלעך און ווערט אַזוי שיר דערוואָרגן פֿון דריקעניש און מאַטערניש, אַז מען מיינט ער שטאַרבט צען טויטן אויף דער בינע. דאָס איז שוין אַריבער אָפּילו די שטופּע פֿון דעקלאַמאַציע. דובינסקי אַלס אַדאָלף ראַדעצקי, אַן אַסימילאַטאָר ביז בלוט, איז, דאַכט זיך, ניט זייער קיין ראָמאַנטישע פיגור, און דאָך פֿאַרגינט ער זיך צו דעקלאַמירן גאָר אויף אַ גרויסן אופֿן. ערשט שפּעטער ווען ער אַרבעט זיך איין אין דער ראָלע, הערט מען אים מער מענטשלעך ריידן. ווען ניט די גלות־לאַנגע מאָנאָלאָגן, וואָס אַברהם טייטעלבוים האָט צו זאָגן אין זיין ראָלע אַלס לעווין, דעם פרומען יידן, וואָלט זיין שפּילן געווען העכסט אָנגענעם. אַזוי אָבער ווייס מען ניט ווו עס לאָזט זיך אויס דעם פֿאַרפֿאַסערס לאַנגע פּלוידעריי און ווו עס הייבט זיך אָן טייטעלבוימס גוטע שפּילן. סאַמואילאָוו אַלס יאַקוב שפּילט די ראָלע מיט אַ היבש ביסל טאַקט, אָבער עס זעט זיך ווייניק אַרטיסטישער טעמפּעראַמענט אין דער סצענע ווען יאַן שטייט צו צו יאַקובן מיט פֿראַגן, וואָס דאַרפֿן אים קרענקן ביז טויט. מאַדאַם חנה האָלענדער שפּילט האַלינאַ ראַדעצקי, די געליבטע פון יאַן, און אַזויפֿיל זיסקייט לייגט זי אַריין אין דער ראָלע, אַזויפֿיל חן איז אויסגעגאָסן אויף איר פנים און אַזויפֿיל גוטסקייט און שיינע באַנעמונג צייגט זי אַרויס, אַז עס פֿאַרדריסט אַזש וואָס זי איז די טאָכטער פֿון אַזאַ פאַרפוילישטן יידן, וואָס פּרעסט אויף דריי יידן צו יעדן ברעקפּעסט און וואָס דער פֿאַרפֿאַסער צווינגט זי צו פֿאַרלאָזן איר געליבטן אין זיין גרעסטער נויט. מאַד. ליזע זילבערט, יאַקובס צווייטע ווייב, שפּילט איר ראָלע גוט ביז טיראַניי. זי ברענגט פּעיִק אַרויס יעדן שטריך פֿון דער זעלבשטענדיקער פֿרוי. מאַדאַם פֿערקויף אַלס איזאַק וואַרשאַווסקיס ווייב רעבעקאַ, שפּילט אַ געוויינלעכע יידישע פרוי, וואָס האָט אויסצושטיין פֿיל צרות דורך דעם אומגליק אויף איר מאַן, און זי איז גאַנץ געראָטן. א. טענענהאָלץ איז גאַנץ גלאַט אין דער ראָלע פֿון בראָניעווסקי, דעם לינקן ליבהאָבער פֿון יאַקובס צווייטע ווייב, און ער איז אַ האָר אויך ניט שולדיק אין דעם וואָס דער פֿאַרפֿאַסער גיט אים, אַ פֿאַרדאָרבענעם שייגעץ, איבער צו שפּילן כל נדרי. מאַדאַם ליאַנסקי אַלס די דינסט און י. פֿישקינד אַלס וויקטאָר, דער לאָקיי, זיינען אָלרייט".

## „די אמתע קראַפּט"



גוסטאַוו שאַכט
שוישפּילער

**דעם 16 מערץ 1920 איז צום בענעפיס פון אַקטיאָר גוסטאַוו שאַכט אויפגעפירט געוואָרן „די אמתע קראַפּט" פון יעקב גאָרדין.**

**אַ. בוקשטיין שטעלט זיך אָפּ אויפן שפּילן פון שאַכטן, וועלכער פלעגט פרייער שפּילן די ראָל פון „חאיוטין" און כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:**

„...גוסטאַוו שאַכט איז איינער פון די יחידים אויף דער יידישער בינע, וואָס באַציען זיך צו זייער באַרוף ווי אמתע קינסטלער, וואָס דינען איר לשמה און פאַר וועלכע זי איז ניט בלויז אַ מרייד [פּראָפעסיע] אָדער פרנסה ... אין „די אמתע קראַפּט" האָט שאַכט אויסגעקליבן צו שפּילן די ראָלע פון דר. גאָלדענווייזער. פון דער ראָלע קאָנט איר אורטיילן איבער שאַכטס גייסטיקע „אַפיניטיס" [קרובהשאַפט]. דר. גאָלדענווייזער איז די אמתע קראַפּט אין לעבן. אַזאַ טיפּ האָט וויניקסטנס געוואָלט מאָלן יעקב גאָרדין. גאָרדינס קאָנצעפּציע פון טיפּ איז אפשר דאָ, דער נאָמען אָבער איז ניט ריכטיק. גאָלדענווייזער איז ניט די אמתע קראַפּט אין לעבן. מר. גאָלדענווייזער איז גיכער אַן אמתער ווערט ווי אַן אמתע קראַפּט. די אמתע ווערטן אין לעבן זיינען, וואָס באַשיידענער, דאָס שטילע, דאָס זעלטענע, כמעט דער נסתר. ...שאַכט איז איינער פון אַזעלכע ווערטן"...

**י. פּ. [פּישמאַן] שרייבט:**

„צו דער געלעגנהייט פון זיין ערן־אָוונט איז גוסטאַוו שאַכט אויפגעטראָטן לעצטן דינסטיק אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער" אַלס דר. גאָלדענווייזער אין יעקב גאָרדינס שטיק „די אמתע קראַפּט". מר. שאַכט האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דער ראָלע, כאָטש ער האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אין דער זעלבער שטיק אין דער ראָלע פון חיוטין דער לערער. מיט יאָרן צוריק ווען אין אַ יידישער צייטונג איז אָנגעגאַנגען אַ ויכוח וועגן דעם „סטאַר סיסטעם" איז מר. שאַכט אַרויסגעקומען מיט אַ „טשאַלענדזש" [אַרויספאָדערונג] צו יעקב פּ. אַדלער, אַז ער (שאַכט) וועט שפּילן די ראָלע פון דר. גאָלדענווייזער, וועלכע אַדלער האָט דער ערשטער געשאַפן, אַזוי גוט ווי אַדלער ווען מען וועט אים גאָר געבן די געלעגנהייט דערצו. פון דעם „טשאַלענדזש" איז דאַן גאָרניט געוואָרן. איצט, צו שאַכטס ערן־אָוונט, האָט מר. אַדלער געגעבן זיין צושטימונג, אַז מר. שאַכט זאָל אויפטרעטן אין די ראָלע. אַ גרויס פובליקום פון מבינים און פריינט פון מר. שאַכט איז געווען אָנוועזנד. דער אָוונט איז געמאַכט געוואָרן נאָך אָנציענדער צוליב דער באַקאַנטמאַכונג, אַז בערטאַ גערסטען וועט שפּילן צום ערשטן מאָל די ראָלע פאַני זרחי, די ראָלע וואָס מאַדאַם אַדלער האָט געשאַפן.

אַז מר. שאַכט איז אַ שוישפּילער פון ערשטן ראַנג און באַזיצט דערצו פיל אינטעליגענץ, דאָס איז פאַרשפּאָרט צו דערמאָנען. מאַנכע כאַראַקטער־טיפּן, וואָס ער האָט געשאַפן — דערונטער טאַקע דער טיפּ פון חיוטין, — לעבן אין זכרון פון טויזנטער טעאַטער־באַזוכער צו זיין קרעדיט. דאָך אָבער ווען שאַכט האָט זיך אונטערגענומען צו שפּילן ד"ר גאָלדענווייזער, האָט ער, דאַכט זיך, אַריבערגעכאַפּט די מאָס פון זיינע מעגלעכקייטן. שאַכט איז אַ גרויסער אַרטיסט אַלס אַ כאַראַקטער־שוישפּילער, אָבער זיין גרויסקייט ווייזט זיך מערסטנס אַרויס אין אַן אַטמאָספערע, וואָס ווערט פריער געשאַפן פון אַ צענטראַלע פיגור. אין אַנדערע ווערטער, שאַכט באַזיצט מער טעכניק און אינטעליגענץ ווי פּערזענלעכן מאַגנעטיזם, אַ גאַבע [מתנה], וואָס איז אומבאַדינגט נייטיק אין אַזאַ צענטראַל־פיגור ווי דר. גאָלדענווייזער. אַלס דר. גאָלדענווייזער האָט שאַכט אַליין באַדאַרפט שאַפן די אַטמאָספערע פאַר דאָס גאַנצע שטיק און פאַר די אַנדערע שוישפּילער. ליידער איז עס אים ניט אינגאַנצן געלונגען. קיין ספק, אַז אַ גרויסער חלק אין דעם האָט געהאַט זיין נערוועזיטעט און די מורא פון אַן „ערשטע פאָרשטעלונג". ווען מען זאָל אָבער אַפילו דאָס דיסקאָנטירן, איז אַלץ שאַכטס אויפטריט אין דעם ערשטן אַקט געווען צו בלאַס. זיין השפעה אויף דער בינע האָט זיך ווייניק געפילט. ער איז ניט געווען די לייכטנדע פערזענלעכקייט וואָס מען דאַרף געפינען אין דר. גאָלדענווייזער גלייך ביי זיין ערשטן אויפטריט פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי דיזע ראָלע איז געשפּילט געוואָרן פון י. פּ. אַדלער, דער מאַן וועלכער שטראָמט איינפאַך מיט מאַגנעטיזם, איז דיזער מאַנגל ביי שאַכטן געווען אַ זייער קענטיקער חסרון. אין די קאָנווענציאָנעלע סצענען האָט זיך געפילט אַ לעבלאָזיקייט, וואָס האָט געשטערט צו דעם אויפוויקלען פון דעם שטיק. שאַכט האָט זיך ערשט צעוואַרעמט צום סוף פון צווייטן אַקט, ביי דעם ערשטן קלימאַקס פון דעם שטיק. ער האָט דאַן באַוויזן, אַז ער באַזיצט פיל מער טעמפּעראַמענט און פייער ווי מען קאָן דענקן פון זיין שפּילן אין די שטילע סצענעס. אין דער גרויסער סצענע צום סוף פון דריטן אַקט איז ער געווען אַמבעסטן. ער האָט דאַן געגעבן אַ גוטן באַגריף פון די אמתע קראַפּט, וואָס ליגט באַגראָבן אין דיזן כלומרשטן פעדאַנטישן און גוטן מענטשן.

בערטאַ גערסטענס פאַני זרחי איז געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג אַפילו פאַר אירע גרעסטע פאַרערער. די יונגע קינסטלערין האָט זיך אין דיזער ראָלע ערהויבן צו אַ שטופע אויף וועלכער ווייניק, זייער ווייניק יידישע אַקטעריסעס זיינען אַרויפגעקומען. מען קאָן זאָגן, אַז איר שפּילן איז געווען 100 פּראָצענט פולקומען. פון איר ערשטן אויפטריט האָט מיט גערסטען באַהערשט די ראָלע מיט אַזאַ מין עכטקייט, אַז דער טיפּ האָט געלעבט פאַר אייך. איר האָט געזען בולט מיט די לעבעדיקסטע פאַרבן צוערשט די פּראָסטע נאַיוו־ערצויגענע מויד, נאָכדעם די מאַדאָם, וואָס ווערט געטריבן צו שלעכטסקייט און קאַפּריזן דורך אירע פּרימיטיווע באַגריפן וועגן דעם אמתן ווערט פון אַ מאַן. נאָכדעם, צום סוף פון דריטן און פערטן אַקט, איר ערוואַכונג צו די בעסערע ווערטן פון לעבן. דאָס אַלעס איז געשילדערט געוואָרן פון מיס גערסטען מיט אַ זעלטענע אויסגעהאַלטנקייט, אָנע [אָן] אָפּצווייכן אויף דאָס מינסטע פון דעם טיפּ וואָס גאָרדין האָט געשילדערט. דיזע ראָלע וועט אָנע [אָן] צווייפל בלייבן איינע פון די בעסטע ראָלן אין מרס. גערסטענס רעפּערטואַר. אַברהם טייטעלבוים האָט געשפּילט שאַכטס אָריגינעלע ראָלע פון חיוטין. דיזער יונגער שוישפּילער האָט נאָך אַמאָל באַוויזן ווי גוט ער קאָן זיך צופּאַסן צו פאַרשיידענע ראָלן, כאָטש מען קאָן ניט לייקענען, אַז שאַכט אין דער ראָלע איז געווען נאָך געשמאַקער. טייטעלבוים איז אָבער געווען גוט אויף זיין אַרט. מוני ווייזענפריינד אַלס שמשון דוד זרחי האָט באַוויזן, אַז ער איז איינער פון אונדזערע קומענדע גוטע אַקטיאָרן. ער איז געווען אַלעס וואָס מען האָט געקאָנט ווינטשן אין דער ראָלע און דערצו נאָך פריי פון די מאַניריזמים פון געוויסע אַנדערע אַקטיאָרן. דובינסקי אַלס פּומפּיאַן איז געווען בלאַס און

ווייניקער געראָטן ווי אין אַנדערע ראָלן. טענענהאָלץ אַלס מאַרק איז געווען אַ צימלעך קאָנווענציאָנעלער לעבע־יונג. דזשוליאַ אַדלער האָט צוגעגעבן חן צו דער פֿאָרשטעלונג מיט איר שפּילן „אַליאַ“, דעם דאָקטאָרס יונגע טאָכטער. מאַדאַם זילבערט האָט גוט פֿאָרגעשטעלט די אַלטע ווירדיקע מוטער און מאַדאַם פֿערקויף איז געווען גאַנץ נאַטירלעך אַלס די אַלט־מאָדישע יידענע“.

**הלל ראָגאָף שרייבט:**

„דינסטאָג אָוונט האָט שאַכט אויפֿגעפֿירט צו זיין ערן־אָוונט אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער גאָרדינס „אמתע קראַפֿט“ כמעט אַלע אַקטיאָרן און אַקטעריסעס, וואָס האָבן זיך אין דער פֿאָרשטעלונג באַטייליקט, זיינען אין זייערע ראָלן אויפֿגעטראָטן צום ערשטן מאָל, ראָלן אין וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די גרעסטע סטאַרס פֿון עלטערן דור. דערפֿאַר איז עסווירקלעך אַ פֿאַרגניגן צו פֿאַרצייכענען, אַז די יונגע קאָמפּאַני האָט כמעט אָן אויסנאַמע די פּיעסע אויסגעצייכנט גוט געשפּילט.

שאַכט אַליין אין דער ראָלע פון דעם דאָקטאָר איז געווען נאַטירלעך און קינסטלעריש. ער האָט אַרויסגעוויזן די נייטיקע אינטעליגענץ, וואָס עס פּאַסט פֿאַר אַ הויך־געבילדעטן דאָקטאָר, און ער האָט קרעפֿטיק אַרויסגעבראַכט פֿאַרשיידענע געפֿילן און ליידנשאַפֿטן, וועלכע באַהערשן אים אין פֿאַרשיידענע מאָמענטן פון דער טראַגעדיע, וואָס ער לעבט דורך. די ראָלע פֿון דעם אַלטן זרחי איז וווּנדערבאַר גוט געשפּילט געוואָרן פון דעם יונגן וויַזענפֿריינד. ער איז אין זיין שפּילן געווען אויסערגעוויינלעך סימפּאַטיש און פֿול מיט חן. אייניקע מאָל האָט ער אַזוי באַצויבערט דעם טעאַטער דאָס אַ שטורם פֿון אַפּלאָדיסמענטן האָבן אים באַגלייט ווען ער האָט פֿאַרלאָזן די בינע, טראָץ דעם וואָס איז זיין ראָלע איז ניטאָ קיין האָר דראַמאַטישעס.

מיר ווילן זיך באַנוצן מיט דיזער געלעגנהייט גוט צו מאַכן אונדזערן אַ פעלער בנוגע דיזן אַקטיאָר. אין דער קריטיק, וואָס מיר האָבן מיט אייניקע וואָכן צוריק געשריבן וועגן דער „ווייסער בלום“, האָבן מיר פֿאַרגעסן צו דערמאָנען ווייזענפריינדן און אים געבן דעם פֿאַרדינטן קרעדיט פֿאַר דער ראָלע, וואָס ער האָט אין דער פּיעסע געשפּילט. ער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם טיפּ פֿון אַן אַדוואָקאַט פֿון פּאַריז. יענע ראָלע האָט ער אויך געשפּילט מיט טאַלענט. ער האָט אויף אַ האָר ניט איבערגעטריבן און איז געווען אויסגעהאַלטן פֿון דעם ערשטן מאָמענט ביז דעם לעצטן.

וועגן די איבריקע שוישפּילער אין „די אמתע קראַפֿט“: מיס גערסטען אין דער ראָלע פֿון פֿאַניאַ, די יונגע, פּראָסטע ווייבל, וועלכע האָט מער גאַל ווי האַרץ און מער גראָבע ליידנשאַפֿט ווי נשמה, האָט געשפּילט מיט דעם נייטיקן טעמפּעראַמענט פֿאַר אַזאַ ראָלע. טייטעלבוים אין דער ראָלע פון חיוטין איז געווען אַ ביסל איבערטריבן אין זיין גרים, אָבער זיין שפּילן איז געווען איינגעהאַלטן און נאַטירלעך. ניט שלעכט זיינען אויך געווען טענענהאָלץ אין דער ראָלע פֿון מאַרק און דובינסקי אין דער ראָלע פֿון דעם פֿעלדשער“.

**צו דער געלעגנהייט, וואָס גוסטאַוו שאַכט, וועלכער האָט ביי דער אַריגינעלער אויפֿפֿירונג געשפּילט די ראָל פֿון „חאַיוטין“ און איז איצט אויפֿגעטראָטן אַלס „דר. גאָלדענווייזער“, דערציילט ב. זאַלמאַנאָוויטש ווי אַזוי די ראָל „חאַיוטין“ איז געבוירן געוואָרן:**

„פּאָריקע וואָך האָט דער יידישער שוישפּילער גוסטאַוו שאַכט אויפֿגעפֿירט צו זיין ערן־אָוונט „די אמתע קראַפֿט“ פֿון יעקב





גאָרדין, שפּילנדיק צום ערשטן מאָל די ראָלע פון דר. גאָלדענווייזער, וואָס איז אַלע מאָל געשפּילט געוואָרן פון דזשייקאָב פּ. אַדלער. מיט יאָרן צוריק, ווען „די אמתע קראַפט“ איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן, האָט שאַכט געשפּילט די ראָלע פון דעם לערער חאַיוטין. ווי ווייט מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף שאַכטן, אַז ער איז פעיִק צו „כאַפּן“ אַ טיפּ און אַרויסברענגען אים אויף דער סצענע, איז כדאי צו ברענגען אַן אינטערעסאַנט מעשהלע, און טאַקע וועגן חאַיוטינען אַליין, ווי אַזוי שאַכט האָט מיט גוואַלד חאַיוטינען אויף דער יידישער בינע אַרויפגעבראַכט. אַ מעשהלע, וואָס איז דעם ברייטן עולם ביז איצט נאָך ניט באַקאַנט.

ווען „די אמתע קראַפט“ איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן, האָט זיך נאָך שאַכט גערעכנט צווישן די קלענערע אַקטיאָרן. אויסער דעם איז ער גלאַט ניט געווען אַזוי שוה בשוהדיק [אין גוטע באַציִונגען] מיט דער טעאַטער־וועלט, האָט שאַכט געזאָגט ווייס, האָבן אַלע געזאָגט שוואַרץ. אויף וואָס ער האָט געזאָגט טאָג, האָט מען געזאָגט — נאַכט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר עפּעס אַ מין „יאָלד“. „די אמתע קראַפט“ איז אויפגעפירט געוואָרן אין „טאַליאַ“־טעאַטער אין דער צייט ווען אַדלער און קעסלער מיט אַ קאָמפּאַניע פון הוילע „סטאַרס“ האָבן אינאיינעם געשפּילט. און ווען מען האָט באַשטימט אַ צייט פאָרצולעזן „די אמתע קראַפט“ און צו צעטיילן די ראָלן צווישן די אַקטיאָרן פון דער דאָזיקער קאָמפּאַניע, האָט מען שאַכטן צו דעם אַפילו ניט איינגעלאַדן. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַ געוויסן אָוונט, ווען שאַכט איז געווען אויף דער בינע, שפּילנדיק אין דער פאָרשטעלונג פון יענעם אָוונט, האָט מען אים צוגעטראָגן חאַיוטינס ראָלע.

— וואָס איז דאָס? — האָט שאַכט ערשטוינגט אַ פרעג געטאָן.

— אַדלער האָט געהייסן, אַז איר זאָלט שטודירן חאַיוטינס ראָלע. איר וועט שפּילן אין „די אמתע קראַפט“ — איז געווען דער ענטפער.

שאַכט האָט זיך נאָכדעם דערוווּסט, אַז גינצבערג, שפּילנדיק די ראָלן פון ליבהאָבער און רעכנענדיק זיך צווישן די „סטאַרס“, האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון דער דאָזיקער ראָלע, ווייל זי איז פאַר אים צו קליין. מען האָט די ראָלע געוואָלט געבן אַנדערע אַקטיאָרן, און אַזוי ווי קיינער האָט דאָס ניט געוואָלט אָננעמען, האָט מען דאָס שאַכטן אַוועקגעגעבן. שאַכט האָט חאַיוטינס ראָלע צוגעכאַפּט ווי אַן אבן טוב, איז אַוועקגעלאָפן אַהיים, דערציילט זיין ווייב וואָס עס האָט פּאַסירט און גענומען שטודירן די ראָל אויף זיין שטייגער, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען. שאַכט האָט חיויטינען פאַרשטאַנען אַלס אַ צעטראָגענע בריאה, וועלכן עס אַרט ניט צי די שיך זיינען צעריסן, אויסגעדרייט, וואָכן־לאַנג ניט אָפּגעפּוצט. די קליידער אַלטע, אָפּגעריבענע, צעקנייטשטע, די [דער] הוט אַ צעדרייטע[ר]. דאָס אַלץ אַרט אים זייער ווייניק. עס אַרט אים אויך ניט ווען יענעם פאַרדרִיסט ווען ער זאָגט אים אַן אמת, אַ זאַך, וואָס שניידט יענעם אַריין אַזש אין זיבעטן ריפּ. עס אַרט אים אויך ניט ווי דער צווייטער האַלט פון אים, און זייענדיק אַ קורצזיכטיקער, קאָן ער אַמאָל אויף דעם צווייטנס קאָפּ אַרויפקריכן. אַדלער האָט חיוטינען פאַרשטאַנען אַלס אַן אָרעמער לערער. עס איז אמת, אַז די שיך זיינען ביי אים צעריסן, אָבער שיין אויסגעפּוצט. די קליידער אַלטע, אָבער ריין אויסגעפּרעסט, און אין גאַנצן דאַרף ער זיך האַלטן ווי אַ געבילדעטער מענטש; שטאָלץ, מוטיק און דאַרף ריידן שיין, אין אַ קלינגנדן טאָן. האָט שאַכט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שטודירן צוויי חיוטינס: זיין אייגענעם און אַדלערס. נו, איז געווען צרות אויפן פּוד. אין דער היים האָט שאַכט זיך פאָרגע־

שטעלט חיוטינען אַלס צעטראָגענע בריאה און אויף די פּראָבן האָט ער געשפּילט אַלס דער שטאָלצער לערער, פּלעגט ער זיך אָבער אַמאָל פֿאַרגעסן און פּלעגט נעמען שפּילן אַלס צעטראָגענע בריאה פֿאַר אַדלערן און קעסלערן אין די אויגן, פּלעגט דאַן ווערן אַ יעלה [געשריי]. מען האָט צווישן זיך גענומען מורמלען, אַז ער, שאַכט הייסט, איז אַ פּורצע, און אַז ער וועט די גאַנצע פֿאָרשטעלונג איבערפירן. וואָס מער פּראָבן מען האָט געמאַכט, האָט זיך דאָס אַלץ מער גענומען אַדויסזען, און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל ביי שאַכטן אינגאַנצן צונעמען די ראָלע פון חיוטינען. מיט חיוטינס קליידער איז אויך אַזוי געווען: אַדלער און קעסלער זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז ער דאַרף גיין שיין אָנגעטאָן, האָט מען געאָרדערט דעם גאַרדעראָבער אָנצוגרייטן פֿאַר חיוטינען אַ שיינעם, אויסגעפּרעסטן פּראַק, אַ פֿאַלערינע, שיינע הויזן, אַ לייטישן הוט און אַ פּאָר גאָלדענע ברילן. שאַכט אָבער, האָבנדיק אַ באַגריף פון אַן אַנדערן חיוטין, איז אַוועק אין באָיאַרד סטריט און געקויפט פֿאַר זיך אַן אַלטע, אָפּגעקראָכענע פֿאַלערינע, אַ פּאָר אַלטע, אויסגעדרייטע שיך, אַ פּאָר הויזן, וואָס האָבן פון דער ווייטנס געגלאַנצט, אַ הוט פון ששית ימי בראשית [גאָר אַלטע צייטן] און האָט באַשטעלט אַ פּאָר טונקעלע שפּאַקולן מיט אייזערנע ראַמקעס.

פֿרייטיק צו נאַכט, צו דער ערשטער פֿאָרשטעלונג, האָט זיך שאַכט מיטן פּעקל שמאַטעס, וואָס ער האָט אין באָיאַרד סטריט איינגעהאַנדלט, אַריינגעגנבעט אין טעאַטער, איז אַריין אין זיין גאַרדעראָבע־צימער און זיך גענומען אָנטאָן. [פּיטער] גראַף, וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער דאָזיקער פֿאָרשטעלונג און וועלכער האָט זיך אָנגעטאָן אין דעם זעלבן צימער, דערזעענדיק שאַכטן אַ האַלב־גרימירטן, איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אויסגעשריען: „שאַכט, וואָס טוסטו, זע ווי דו זעסט אויס“. „איך בעט דיך, גראַף — האָט זיך שאַכט גענומען בעטן — לאָז מיך... דערצייל קיינעם ניט. לאָז מיך...“ „מיר וועלן היינט האָבן אַ קאַטאַסטראָפע — האָט גראַף ווי זיין שטייגער גענומען דרייען אַהין און אַהער מיטן קאָפּ. שאַכט איז געבליבן באַהאַלטן אין גאַרדעראָבע־צימער ביז עטלעכע מינוט אײדער די פֿאָרשטעלונג האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן. ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו ווייזן זיך פֿאַר די אויגן, און ווען ער איז אַרויס פון זיין צימער, האָט ער זיך הינטער די קוליסן גלייך געטראָפן מיט אַדלערן און קעסלערן. „וואָס איז דאָס? — האָבן ביידע, אי אַדלער אי קעסלער, אויסגעשריגן, כאַפּנדיק זיך פֿאַרן קאָפּ ווען זיי האָבן שאַכטן דערזען אין דעם מאָדנעם גרים און אָנגעטאָן אין דער אַלטער פֿאַלערינע מיט דער צעדרייטער הוט — „אַ לץ, אַ לץ“.

ווען שאַכט איז ערשינען אויף דער סצענע, האָט ער גלייך אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום, אַדלער און קעסלער זייענדיק אין כעס און אויפגערעגט פֿאַרוואָס שאַכט האָט זיי ניט געפֿאָלגט, האָבן אַ פּנים דאָס ניט באַמערקט. שאַכטס שפּילן אויף דער בינע האָט זיי נאָך מער אויפגערעגט, ווייל ער האָט די ראָלע געשפּילט ווי ער האָט זי אין דער היים געלערנט: געגאַנגען אויף זיין שטייגער. געשטאַנען אויף זיין שטייגער, ניט ווי די פּיעסע איז רעזשיסירט געוואָרן ביי די פּראָבן אין טעאַטער. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז שאַכט דרייט זיך זיי אונטער די פיס. און אין דער סצענע ווען דר. גאָלדענווייזער שטייט און רעדט מיט פּאָמפּיאַנען (געשפּילט דאַן פון אַדלערן און קעסלערן), און שאַכט קומט אָן פון אויבן נעמען אַ בוך פון דר. גאָלדענווייזערס אַלמער, איז שאַכטן אַרויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז אַזאַ צעטראָגענע בריאה



ווי חיוטין דאַרף ניט קוקן אויף עטיקעטע און מעג אַפילו יענעם אויפן קאָפּ אַרויפקריכן. איז ער, גייענדיק נעמען דעם בוך, דורכגעגאַנגען צווישן דר. גאָלדענווייזער און פּאָמפּיאַנען, וועלכע זיינען אין וועג געשטאַנען און זיי זיינען ביידע צוליב דעם פֿאַנאַנדערגעשפּרונגען אין די ווינקעלעך ווי פּילקעס. די סצענע איז געווען אַזאַ נאַטירלעכע, אַז דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ האַרציקן געלעכטער און האָט לאַנג שאַכטן אַפּלאָדירט. אַדלער און קעסלער האָבן זיך גלייך געכאַפּט, אַז שאַכט ווייס וואָס ער טוט און האָבן אים שוין געלאָזט שפּילן די ראָלע פון חיוטין ווי ער אַליין האָט געוואָלט“.

[סערע אַדלער, וועלכע האָט געשפּילט די הויפּט־פֿרויען־ראָלע „פּאַניא זאַרכים“, דערציילט אין אירע זכרונות, אַז שאַכט האָט אַזוי אויסגענומען ביים עולם, אַז אַנשטאָט, נאָכן שפּילן, אַרויסצורופן די כּטאַרס [אַדלער און קעסלער] האָט מען עטלעכע מאָל אַרויסגערופן שאַכטן, שאַכט האָט נאָכדעם באַקומען שטאַרקן חשק צו שפּילן די ראָל פון דר. גאָלדענווייזער אויף זיין אופן].

## „דאָס נייע געטאָ“

דעם 18 מערץ 1920 ווערט אויפגעפירט „דאָס נייע געטאָ“ פון דר. טעאָדאָר הערצל.

## „אַמאָל אין מאַי“


פּרץ סאַנדלער
קאָמפּאָזיטאָר

דעם 2 אַפּריל 1920 ווערט א'ר פון מאָריס שוואַרץ מיטן אָנטייל פון נאַדיאַ נעראָסלאַווסקאַ אויפגעפירט „אַמאָל אין מאַי“ [„ווי איינס אַם מאַי“, אַדאָפּטירט פון דייוויד בעלאַסקאָ א'נ „מעי טיים“], אַדאָפּטירט פון מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט די פּיעסע נאָך פריער געשפּילט אין פילאַדעלפיע.

ב. גאָרין שרייבט:

„עס איז געווען אין „אירווינג פּלייס טעאַטער“ ווען דאָרטן האָט נאָך געשפּילט די דייטשע קאָמפּאַני, האָט מען צום ערשטן מאָל אויפגעפירט די דייטשע אָפּערעטע „ווי איינסט אַם מאַי“. די דייטשע קאָמפּאַני האָט זיך מיט אָפּערעטע ניט אָפּגעגעבן און די אויפפירונג איז געווען זייער אַן אָרעמע, נאָר מיט דער געוויינלעכער ערנסטקייט מיט וועלכער אַלע פּיעסן זיינען דאָרטן אויפגעפירט געוואָרן. אָבער ווי אָרעם זי איז ניט אויפגעפירט געוואָרן, האָט זי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן צושויער מיט דער אינערלעכער שיינקייט, מיט דער שיינער מוזיק און טענץ, ווו יעדער טייל באַזונדער האָט בייגעטראָגן צו דעם זעלטענעם גענוס, וואָס די דאָזיקע אָפּערעטע האָט פֿאַרשאַפֿט. די דאָזיקע אָפּערעטע איז נאָכדעם אויפגעפירט געוואָרן אין ענגליש אונטערן נאָמען „מעי טיים“ מיט דער אויסשטאַטונג און דעקאָראַציעס, וואָס מען פֿאַרגינט זיך צו געבן אויף דער אַמעריקאַנער בינע און זי האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן ערפֿאָלג. געוויינלעך זיינען אָפּערעטעס אינטערנאַציאָנאַל און מען מאַכט זיי ניט איבער, נאָר „מעי טיים“ איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער אַמעריקאַנער בינע ווען אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט דייטש, איז געווען טרייף, און מען האָט איר געמוזט געבן אַן אַמעריקאַנער פּנים, אַן אַמעריקאַנער אומגעבונג און אַן אַמעריקאַנער אַטמאָספֿערע.

מאָריס שוואַרץ גיט אָן, אַז ער האָט „אַמאָל אין מאַי“ אַדאָפּטירט און עס איז גרינג צו זען, אַז די אַדאָפּטעישאָן אָדער ווי ער רופט עס די אַדאָפּשאָן איז געמאַכט פון „מעי טיים“, און ווי אַמאָל, אין מאַי, ווען דער יידישער טעאַטער איז יונג געווען און אַ גע־שווירענער אויטאָר האָט זיך אויף דער בינע געקאָנט ערלויבן אַלץ, האָט זיך דער יונגער דירעקטאָר באַנוגנט מיט אומבייטן די ענגלישע נעמען אויף יידישע, און דערמיט איז כמעט זיין גאַנצע אַרבעט געווען פאַרטיק. עס דאַרף הייסן, אַז די האַנדלונג קומט פאָר אין רוסלאַנד, און דאָס איז די ערגסטע זאַך, וואָס מאָריס שוואַרץ, האָט געקאָנט טאָן. די דאָזיקע אָפּערעטע איז סיי אין



מאָריס

שוואַרץ

און

נאַדיאַ

נעראַסלאַווסקאַ

אַלס

בנימין

און

פערעלע

דייטש און סיי אין ענגליש געשריבן אויף ברייטערע ליניען, מיט אַ דראַמאַטישן שוווּנג, און דערמיט איז זי פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם, אָבער ווען מען באַגנוגנט זיך בלויז מיט איבער־בייטן די ענגלישע נעמען אויף יידישע און מען שטעלט אַרויס אַמעריקאַנער אָדער דייטשן פון די פערציקער יאָרן, זעכציקער יאָרן, אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און מען זאָגט דעם צושויער, אַז דאָס זיינען שלמה און באַשע און פערעלע אין שמו־ליק און בנימין און מירעלע און מען ווייזט זיי אים אין עפּעס

משונהדיקע קליידער און מיט זייער ווייניקע אויסנאַמען דער־קענט ער אין זיי קיין יידישע קלייד פון די אָנגעגעבענע צייטן, און די האַנדלונג איז אַזוי פריקרע פאַר יידן פון רוסלאַנד פון יענער צייט, פאַרלירט זיך דער צושויער און ווייסט ניט אויף וואָס פאַרע וועלט ער איז, און אַזאַ איינפאַכע האַנדלונג ווי אין „אַמאָל אין מאַי“ ווערט פאַר אים אומפאַרשטענדלעך.

מילא, ווער־ווער, אָבער מאָריס שוואַרץ האָט געמעגט וויסן בעסער, אַז מיט איבערבייטן די נעמען, קאָן מען קיין אַדאָפּטי־רונג ניט מאַכן. אָבער דער צויבער פון דער אָפּערעטע „ווי איינס אַם מאַי“ איז אַזוי גרויס, אַז ניט קוקנדיק אויף דער אומ־געלומפּטערטער אַדאָפּטירונג אין יידיש, ווערט דער צושויער פריער אָדער שפּעטער געפאַנגען פון דער זיסער מוזיק און די פילע פאַטעטישע און קאָמישע סצענקעס, וועלכע האָבן געגעבן דער דאָזיקער אָפּערעטע איר לעבן און איר חן און געשטעלט איר אין אַ גאָר באַזונדערן קלאַס. ווי שוין געזאָגט, איז די „אַמאָל אין מאַי“ געשריבן אויף ברייטע ראָמאַנטישע ליניען.

דער פאַבריקאַנט שלמה גאָלדמאַן האָט אַ טאָכטער פערעלע, וועלכע האָט ליב דעם אַרבעטער בנימין. כל זמן פערעלע איז נאָך אַ יונגינקע מיידעלע, קימערט זיך ניט דער פאָטער וואָס זי שפּילט זיך מיט בנימינען, נאָר ווען זי וואַקסט אויס פון אירע קורצע קליידלעך, ערקלערט דער פאָטער זיין ווילן, אַז פערעלע זאָל חתונה האָבן מיט איר פּלימעניק פּרץ, נאָר [אָבער] אַז בנימין ווייזט זיין אומצופרידנקייט מיט דער דאָזיקער ערקלערונג, הייסט אים שלמה פאַרלאָזן די טאָכטער און גיין.

בנימין נעמט זיין פּעקל, נאָר איידער ער פאַרלאָזט זיין פערעלע, שווערן זי זיך איינער דעם אַנדערן אייביקע ליבע, און ביידע דריקן אויס זייערע געפילן אויף אַ פּאַפּיר, וואָס זיי הייבן אויף פון דער ערד, און וואָס איז אַן „אָנווייזונג“ אויף דעם הויז און דעם לאַנד אַרום, לייגן עס אַריין אין אַ מעטאַלענער פּושקע, פאַרשטעקן עס אין דער ערד און פאַרפלאַנצן אַן עפּל־בוים. בנימין פאָרט אַוועק קיין אַפריקע און אין אַ משך פון פופצן יאָר לאָזט ער פון זיך קיין וואָרט ניט הערן. ער איז פאַרטאָן אין שאַפן אַ פאַרמעגן און ווען נאָכדעם קערט ער זיך צוריק אַ מיליאָנער, איז שוין פערעלע לאַנג פאַרהייראַט פאַר פּרצן, און כדי צו פאַרמיידן אַ סקאַנדאַל פון וועלכן פערעלעס נאָמען האָט געקאָנט ליידן, האָט ער חתונה מיט אירער אַ פריינדין.

פּרץ האָט זיין ווייבס פאַרמעגן פאַרשפּילט אין קאָרטן און פאַרשוווּנדט אויף אויסגעלאַסענע פרויען, און נאָך זיין טויט האָט מען דאָס הויז און יין גאַנצע בעל־הביתישקייט געדאַרפט פאַרקויפן פון האַמער [ליציטאַציע] בנימין שטעלט אונטער אַ פּערזאָן און קויפט אָפּ אַלץ און שיקט אַריין פערעלען דעם קנין. אין צוואַנציק יאָר אַרום באַגעגענען זיך ווידער די צוויי פאַמיליעס, אָבער פון די באַקאַנטע מיטגלידער איז קיינער ניטאָ. זיי זיינען שוין שוכני עפר [פאַרשטאָרבענע], און אויף דער סצענע טרעטן אַרויס זייערע קינדער. בנימינס אַן איניקל איז פאַרליבט אין פערעלעס אַן אייניקל, נאָר איצט האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט; בנימינס אייניקל איז דער מיליאָנער און פערעלעס אייניקל איז אַ שניידערין, און די שניידערין זאָגט אים אָפּ זיין ליבע, ווייל ער איז רייך און זי איז אָרעם, און אַ חוץ דעם איז ער, ווי איר ווייזט אויס, אַ פאַרשווּוענדער. ער ווענדט אָן אַלע מיטלען צו באַגעגנען זיך מיט איר, און איין טאָג ווען ער קומט צו איר מיט זיין אייביקן פאַרלאַנג, האַקט ער אויס דעם עפּל־בוים, וואָס זיין זיידע און איר באָבע האָבן פאַרפלאַנצט, און מען געפינט אין דער ערד די פּושקע מיטן „אָנווייזונג“ אויפן הויז און דעם לאַנד אַרום, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז זייער רייך.

די הויפּט־ראָלן זיינען פון פערעלע און בנימין, וועלכע גייען דורך אַלע אַקטן, פריער אין זייער אייגענעם געשטאַלט און אין לעצטן אַקט אין דער געשטאַלט פון זייערע אייניקלעך. די דריטע וויכטיקסטע ראָל איז פון שמואלן, אַ פּלימעניק פון דעם פאַברי־קאַנט שלמה גאָלדמאַן. נעראַסלאַווסקאַיאַ האָט געזונגען און גע־שפּילט די ראָלע פון „פערעלע“ און איז געווען זייער אָנגענעם

סיי מיט איר זינגען און סיי מיט איר שפּילן. אין ערשטן אַקט האָט איר שפּילן פּיל געליטן, ווייל איר קלייד איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו איר פּיגור און זי איז געווען גע[ה]אַמפּערט אין איר באַוועגונג, און דאָס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס זי האָט געטראָגן אַ קרענאָלינאַ, נאָר ווייל זי האָט ניט צוגעקליבן אַזאַ, וואָס זאָל איר פּאַסן. אין די ווייטערע אַקטן דערפילט זי זיך היימישער און אַמבעסטן זיינען אירע באַוועגונגען און איר האַלטונג אין דעם לעצטן אַקט, וואָס ווייזט אַ גוטן חוש פאַר אָפּערעטע. איר זינגען איז געווען גוט פון אָנהייב ביזן סוף. מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט די ראָל פון „בנימינען". אין פילע מאָמענטן האָט ער פאַרגעסן, אַז ער שפּילט אַן אָפּערעטע און א״ז אַריינגעפאַלן אין שווערע טראַגעדיע און בכלל אָנגעהאַלטן אַ שווערן טאָן אין שפּילן, נאָר דערפאַר זיינען זיינע פאַרערער געוויס געווען איבעראַשט צו זען אים אין אַ הויפּט ראָל אין אַן אָפּערעטע און הערן אים זינגען ניט פון יוצא וועגן נאָר טאַקע לשם אָפּערעטע מיטן אמתן טראָפּ און מיטן אמתן קנאַק. די דריטע וויכטיקסטע ראָלע איז פון „שמוליק". די דאָזיקע ראָלע האָט געשפּילט מוני ווייזענפריינד. עס ווייזט אויס, אַז ער קאָן ניט זינגען. דאָס הייסט, ער ווייסט, אַז ער קאָן ניט, און הגם עס זינגען פילע שפּילער, וואָס קאָנען ניט, ווייסן אָבער יענע ניט, אַז זיי קאָנען ניט אָדער מאַכן זיך, אַז זיי ווייסן ניט, און ער ווייס. זיין ראָל באַשטייט דורכויס פון שפּילן, און דאָס איז אפשר דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אָפּערעטע, אַז אַ קאָמיקער זאָל אין [אַן] אָפּערעטע זיין אינגאַנצן אָנגעלייגט אויפן שפּילן און זאָל אויסקומען אינגאַנצן אָן זינגען.

עס איז אַ שאָד, וואָס די „אַדאָפּטירונג" איז געמאַכט אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ניט דער צושויער ווייסט ווען ער זעט אוין־דער בינע און ניט דער שפּילער ווייסט ווען ער שפּילט אוין־דער בינע און עס איז דעריבער שווער צו ריכטן וועגן זיין שפּילן. דאָס וואָס ער שפּילט איז מייסטנס קאָפּירט און ווען דער יידישער בחורל שמוליק פון די פערציקער יאָרן אין רוסלאַנד, ווען מען האָט געהאַקט פּאותן ביי יידן, רעדט און האַנדלט ווי אַ גוישער לאַוולאַס פון יענער צייט, קאָן ער זיך היימיש ניט פילן. אין זיין שפּילן און גרים אין ערשטן אַקט, ווו ער האָט געוואָלט זיין אָריגינעל, דערמאָנט ער גיכער אַ ווילנער קעשעניק פון די אַכציקער יאָרן ווי וועמען אַנדערס. נאָר עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ער האָט טאַלענט און מען וועט וועגן אים בעסער קאָנען ריכטן, ווען ער וועט ערשיינען אין אַ פּאַסנדער ראָל, ווו ער וועט פילן אַ באָדן אונטער די פיס און קאָנען ווייזן וואָס ער אַליין קאָן שאַפן אין אַ כאַראַקטער. קלענערע ראָלן האָבן געהאַט גוסטאַוו שאַכט, בערטאַ גערסטען (אויפן פּראָגראַם איז איר נאָמען ניט אָנגעגעבן), חנה האָלענדער, מיס זיבעל, מרס. פערקויף, מיס לאַנסקי, סאַמוילאָוו, מאַרק שווייד, דובינסקי, סקולניק, ליזע זילבערט, מאַנע און נאָך אַנדערע. אַ טייל פון דער מוזיק איז פאַרפאַסט פון פּרץ סאַנדלער".

## „גנבים"

## „משה פידלער"

**דעם 8 אַפּריל 1920 ווערט א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „גנבים" פון פּ. בימקאָ, און „משה פידלער", אַ בילד פון קלעזמער־לעבן אין 1 אַקט, ווי אויך מוזיק פון יוסף טשערניאַווסקי, סאָליסט פון דער „זמרה", מיט זיין אָנטייל.**





פּ. בימקאָ
מחבר



יוסף טשערניאַווסקי
מחבר

### אוריאל מזיק [אַלטער עפּשטיין] שרייבט:

„... עס איז קיין נייעס ניט, אַז מען זאָל ביי אונדז אויף דער בינע אַרויספירן די „שיינע חברה"; גנבים, קאַדעטן [פּרויען־הענדלער], מערדער און פּראָסטיטוטקעס. פאַרקערט, עס איז ביי אונדז אַ היבשע גערעטעניש אויף אָט דעם מין טיפּן. די זאַך איז אָבער וואָס די דאָזיקע אַרבעט ווערט געטאָן אַזוי, אַז עס האָט ניט קיין ווערט, ניט אין ליטעראַרישן און ניט אין שוישפּילערישן זין. מען באַווייזט אויך די דאָזיקע מענטשן אין אַ שרעקלעכן ליכט. מען מאָלט זיי אַלס חיות, אַלס „פּימפּערנאָטערס" אָדער אַלס מלאכים, אָבער זעלטן ווען אַלס מענטשן פון אַ געווויסן שניט, אַזוי ווי זיי זיינען אין דערווירקלעכקייט, אין זייערע היימען, אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. דער מחבר פון „גנבים" האָט אָבער געמאַכט אַ פּאַרזוך צו שאַפן פאַר אונדז אָט יענער — פאַר אונדז, אָנשטענדיקע מענטשן — פרעמדער וועלטל, און עס האָט זיך אים איינגעגעבן, אַזוי, אַז מען האָט פאַר זיך דערזען עטוואָס אומבאַקאַנטעס, נייעס און זייער אינטערעסאַנטעס. אין פלוג האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער דראַמאַטורג וועט קערן וועלטן מיט זיינע העלדן. עפּעס אַ קלייניקייט, לויטער גנבים ... קיין סימן פון קיין „העלדן־טאַטען" האָט דער מחבר ניט אַרויסגעפירט פאַרן אויג, קיין עפעקטן און געשרייען. דערפאַר האָט זיך אים איינגעגעבן אַוועקצושטעלן זיינע מענטשן לעבעדיק פאַר דעם פּובליקום. מיר זעען זיי דורך און דורך. מיר באַקענען זיך מיט זייער מאָראַל, מיט זייער בליק אויפן לעבן, אויף דער פאַמיליע.

... מען האָט די לעצטע צייט ביי אונדז אָנגעהויבן ריידן וועגן פאָלקס־דראַמען, וועגן פּיעסן ווו דאָס פאָלקסטימלעכע ווערט אַרויסגעבראַכט, אַז מען האָט פאַרהודשעט די אויערן און מען באַמערקט גאָרניט, אַז דאָס זיינען אידיליען פון ראָמאַנטיש־געשטימטע מחברים. עס איז אָבער ניט קיין רעאַלער לעבן. עס איז ניט ווירקלעכקייט. בימקאָ האָט אַרויסגעבראַכט פאָלקס־מענטשן און האָט זיי אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון ווירקלעכן לעבן. ער האָט געמאַכט אַלע זיינע העלדן וויכטיק און בולט. ווען איר הערט זייער ווילדן לשון, ווען איר מאָלט זיך אויס זייערע פנימער, זייערע באַוועגונגען, קריגס איר זיי ליב און עס דוכט זיך אייך, אַז עטוואָס געזונטעס, פרישעס און שטאַרקעס האָט אויף אייך אויפגעהויכט.

... כמעט די אַלע, וואָס האָבן גענומען אָנטייל, האָבן זיך אויסגעצייכנט, פּאַסיק פאַר זייערע ראָלן, אָבער אַמשטאַרקסטן האָט זיך אויסגעצייכנט דער יונגער אָבער זייער טאַלענטפולער שוישפּילער מוני ווייזענפריינד. דאָס איז געווען אַן אויטאָריטאַטיווע ראָלע, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט. מען האָט פאַר זיך געזען אַ געניטן מענטשן אין זיין פאַך ווען מען מוז רעספּעק־

טירן, און געטאָן האָט ער עס רויק און געלאַסן, אָבער שאַרף און שטאַרק. הער גוסטאַוו שאַכט האָט אָנגעמאָלט אַ טיפּ פון אַ גנב אַ טרוס און אַן אויסוואורף. ער האָט, אָן ספק, געגעבן אַן אַרטיסטיש אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער, כאָטש אים האָט היבש געשטערט דער געמאַטערטער יידיש־פּוילישער אַקצענט. דובינסקי אַלס סוויטניק איז געווען צו מאַשין און ה׳ טייטעלבוים אַלס נחמן כשר, כאָטש ער איז געווען גוט, האָט אָבער איבערטריבן מיט דער מימיק און מיט די באַוועגונגען. זייער גוט איז געווען מאַדאַם פּערקויף אַלס קיילע.

וואָס עס איז שייך צו די ראָלן פון ה׳ שוואַרץ אַלס שלמהלע שבר, בערטאַ גערסטען אַלס מירקע און ה׳ סאַמואילאָוו אַלס סצערב, איז געווען צו מערקן, אַז זיי האָבן זיך ניט גענוג אַריינגעלעבט אין די כאַראַקטערע. עס איז געווען פלאַץ פאַר מער קינסטלערישע אַרבעט און אויסטייטשונג, אָבער מיר זיינען זיכער, אַז נאָך עטלעכע מאָל שפּילן, וואָלט אַלעס געקומען, אָבער אַפילו אַזוי ווי די פּיעסע אַלס גאַנצע איז אויפגעפירט געוואָרן, האָט עס געמאַכט אַ טיפן און אָנגענעמען איינדרוק״.

### י. ענטין שרייבט:

„אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער״ ווערט פון צייט צו צייט געשפּילט די דריי־אַקטיקע פּיעסע „גנבים״ פון דעם יונגן יידישן שרייבער בימקאָ פון פוילן. די פּיעסע איז צוערשט אויפגעפירט געוואָרן פאַראַיאָרן סוף־סעזאָן, און ווייל די פּיעסע איז אַן אינטערעסאַנטע און זי ווערט אינטערעסאַנט געשפּילט, און ס׳איז וועגן איר בשעת איר אויפפירונג ווייניק געשריבן געוואָרן, איז ניט איבריק זיך אויף איר איצט אָפּצושטעלן. די הויפּט אינטערעסאַנטקייט פון דער פּיעסע איז אין איר האַרבן נאַטוראַליזם. צום ערשטן מאָל אויף אונדזער בינע און אפשר אויך אין אונדזער ליטעראַטור ווערט דאָ מיט שניידנדיקער אָפנקייט געשילדערט דאָס לעבן פון דער יידישער אונטערוועלט אין אַ גרויסער פּוילישער שטאָט, און די שילדערונג איז אַ קרעפטיקע, אַ בילדערהאַפטע. זיצט מען אין טעאַטער שטאַרק פאַרינטערעסירט, מאָמענטנווייז כמעט פאַרגאַפט פאַר עפּעס נייעס, אומגעוויינלעכעס, פאַרביקשאַרף אָפּגעצייכנטעס.

מיר געפינען זיך אין אַ נעסט פון גנבים און אויסוואורפן, אין אַ נעסט פון מענטשן, וואָס לעבן לויט זייערע אינסטינקטן, וועלכע זיי באַמיען זיך קוים־קוים אָדער גאָרניט צו קאָנטראָלירן, און מען קאָן ניט זאָגן, אַז די מענטשן זאָלן זיין שיין אָדער אַפילו סימפּאַטיש, און דאָך קלאָגט און יאָמערט אויך דאָ דער מענטשלעכער פּאַטאָס, דער פּאַטאָס פון מענטשלעכע ליידן, פון זייער ווייטיקרייסן זיך צום לעבן, וואָס ווערט אַזוי זעלטן באַפרידיקט. אַזוי רייסט זיך די שיינע יונגע מירקע נאָך ליבע און פרייד און זי ווערט אָפּגענאַרט און איבערגעלאָזט צו חרטה און טויט. אַזוי בענקט איר מאַן שלמה שבר נאָך אַ שטיל־רויק לעבן און צום סוף האָט ער נאָר פאַרצווייפלונג און אונטערגאַנג. אַזוי זאָגט זיך גאַנץ רויק דער אַלטער בעלם־אויגיקער גנב שטשערב אויפן גרונט פון אַן ערפאַרונג מיט וועלכער ער האָט זיך שוין קענטיק לאַנג איינגעלעבט, אַז, היים, ווייב און קינד, דאָס זיינען אַלץ זאַכן ניט פאַר אַ „נאַש בראַט״ [אונדזעריקן], ניט פאַרן גנב. עפּעס ווי דער פאַטאַליזם פון גאָרקיס סאָציאַלע העלדן און לעבנס־אומשטאַנדן וואָלטן דאָ מיט זיין שווער־שטאָלענעם פאַמפּערדיקל אָפּגעפּסקנט, אָפּגעהאַקט: „אַזוי איז! אַזוי מוז!״.





און די ברוטאַליטעט און די זינדיקייט און די שטרעבנס און די אונטערגעדריקטע ווילנס און דער פאַרזיגלטער שיקזאַל ווערן פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע זיכער־אויסגעהאַקטע מענטשן און קלאָר־קרעפטיקע סצענעס, דעריבער אָטעמט דאָס אַלץ מיט אַזויפיל לעבן און איבערצייגונג. דאָס אַלץ איז אָבער ניט דאָס גאַנצע פון דער פּיעסע. ניט קיין קלענערע ראָלע איידער דאָס פאַרברעכער־לעבן, שפּילן אין דער פּיעסע די געשלעכטלעכע מאָטיוון און ליידנשאַפטן. דאָס הויפּט־סוזשעטל פון דער פּיעסע איז די געשיכטע פון אַן אומגליקלעכער (איבער געשלעכטלעכע סיבות) הייראַט צווישן דעם הויפּט־גנב שבר און דער יונגען שיינער מירקע, פון איר פאַרפירונג פון דעם גנב מזיק, פון שברס אייפערזוכט און אָפּרעכענונג. און דאָ שפּילן זיך אָפּ אַ פּאָר שטאַרקע, אמת־טראַגישע סצענעס, וועלכע גליען און רירן אַזוי טיף, אַז זיי פאַרדינען באמת אָנגערופן צו ווערן סיטואַציעס. עס מוז דאָ אָבער באַמערקט ווערן, אַז די שטאַרקסטע סיטואַציע, שברס אויספאָרשן זיין ווייבס ליבהאָבער וועגן קינד, צי עס איז זיינס, איז ניט גאָר אָריגינעל. באַגעגען מיר עס דאָך אין פּשיבישעווסקיס „זלאָטע רונאַ״ און אין דער אויף־איר געבויטער גאָרדינישער „אומבאַקאַנטער״. אויך שיינט די לייזונג, שברס פאַרברענען דאָס הויז מיט האַק און פּאַק צום סוף פון דער פּיעסע, צו זיין אָנגעווייעט פון ערגעץ אַנדערש. אַזוי איז אפשר אויך די גאַנצע פּיעסע פאַרטראַכט געוואָרן אונטער אַ פרעמדן איינפלוס.

דאָס הויפּט סוזשעט איז, ווי געזאָגט, די געשיכטע פון ליידנשאַפט און אַן אייפערזוכט בשעת אַ נעבן־סוזשעטל ווערט אַרויסגעבראַכט דורך די סצענעס פון ערב און נאָך אַן אומגעלונגענער גנבה, און ווייל דאָס נעבן־סוזשעטל איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט און אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן אין דער גנבהשער סביבה, ווערט עס שיר ניט אַ צווייטער סוזשעט און ווייל די צוויי סוזשעטן ווערן כמעט גאָרניט אַריינגעוואַקסן איינער אין צווייטן, איז אין דער פּיעסע דאָ ווייניק איינהייט און מאָמענטנווייז פרעגט זיך וואָס האָבן די דאָזיקע ליידנשאַפטן, דידאָזיקע אייפערזוכט, דער דאָזיקער ווייטיק פון די אָפּגענאַרטע באַזונדערס צו טאָן מיט גנבים? און צי איז דען ניט דאָסזעלבע ביי אַנדערע, ביי אָנשטענדיקע מענטשן? און ווייל די סביבה איז אַזוי ברייט געמאָלן בשעתביידע סוזשעטן צוזאַמען זיינען אַקעגן איר אַזוי קליין, איז די פּיעסע טעכניש שוואַך אויסגעאַרבעט און אַנשטאָט אָנצורופן זי אַ דראַמע, ווי עס ווערט באַצייכנט אויפן פּראָגראַם, וואָלט געווען פיל גלייכער מען זאָל זי בלויז אָנרופן סצענעס, ווי דאָס ווערט כמעט אימער אין אַן ענלעכן פאַל געטאָן פון רוסישע דראַמאַטורגן.

די פּיעסע ווערט גוט אַרויסגעבראַכט פון די שוישפּילער. וועגן איין זאַך נאָר בין איך מסופק. צי האָבן טאַקע די אַקטיאָרן אויך געדאַרפט פאַרפוילישן זייער אויסשפּראַך. די פּיעסע איז געשריבן אין אַ דאָפּלטן דיאַלעקט, אי אויף פוילישׁ אי אין דעם גנבהשן לשון (שפּייער פאַר רעוואָלווער, גולה עמוקות פאַר מאַכן פּלטה, וכדומה). לייגט מען נאָך צו צו דעם אַ מעטאָדישע פוילישע אויסשפּראַך, מאַכט עס טאַקע דעם דיאַלאָג ערטערווייז אומפאַרשטענדלעך, שוין ניט ריידנדיק דערפון, וואָס די מייסטע אַקטיאָרן באַזיצן דעם פוילישן דיאַלעקט שוואַכלעך, וואָס דורך דעם קומט ער ביי זיי אַרויס עטוואָס גרילצנדיק איבערטריבן. דערפאַר דאָס שפּילן אַלס שפּילן, אַלס די פּערזאָניפיצירונג פון די מענטשן און די אַרויסברענגונג פון די סצענעס, געהערט זיכער צו די בעסערע לייסטונגען פון אונדזער יונג־באַנייטער בינע. מיסטער שוואַרץ, וועלכער האָט אַ גוואַלטיקע ראָלע, ברענגט זי גוט אַרויס,

קרעפֿטיק און זיכער. ער איז אימער רירנד, כמעט אימער טראַגיש, שיר ניט פֿון זיין ערשטן אויפֿטריט, דאָך איז די ראָלע אַזוי גוואַלטיק, אַז מער ווי עפּעס בלייבט נאָך אין איר איבער, וואָס ווערט נאָך ניט אַרויסגעבראַכט. מר. שוואַרץ האָט פיל גוטע איבערגעגאַנגען אין זיין שפּילן, איבערברעכנדיק זיך פּלוצים אין איינקלאַנג מיט פּסיכאָלאָגישער וואָרהייטלעכקייט, פֿון שטורעמדיקן אויפֿברויז און רעזיגנירטער אָפּהענטיקייט, אָבער ביי דעם אַלעמען איז דאָך זיין שפּילן עטוואָס איינטאָניק און אַ פּאָר פּויזן ציט ער (און צוזאַמען מיט אים אויך די אַנדערע) אויס לחלוטין צו לאַנג, בשעת אין איינעם אָדער צוויי וויכטיקסטע מאָמענטן איז ער משמעות ביי זיך אַליין ניט גאָר זיכער וואָס ער האָט צו טאָן.

די מאַד. גערסטען איז זייער אַ גוטע מירקע. איר שפּילן איז לעבעדיק, קרעפֿטיק, און מאַנכעס מאָל אַפֿילו שטאַרק הינרייסנדיק. דער ערשטער מאָמענט ווען זי ברעכט אויס מיטן געשריי: „איך וויל מיט דיר ניט לעבן" אַנטהאַלט זאָגאָר עטוואָס מער טעמפּעראַמענט איידער מ'שפּירט געוויינלעך אין דער מאַד. גערסטענס שפּילן. דאָס איינציקע וואָס מ'קאָן קעגן איר אויסזעצן איז וואָס איר שפּילן דאָ איז ניט אינגאַנצן אַנדערש פֿון איר שפּילן אין אַנדערע ראָלן, בשעת דאַרפֿן וואָלט עס, צוליב דער פֿאַרשיידנקייט פֿון דער ראָלע, יאָ באַדאַרפֿט זיין. דער הער טייטעלבוים פֿירט זייער געלונגען דורך די ראָלע פֿון גנב מזיק, ניט בלויז אין האַלטונג און ריידן (זיין פּויליש איז עכט), נאָר טאַקע אין שפּילן, די מאָמענטן פֿון זיין העלדס פֿאַרלעגנהייט ברענגט ער אַרויס שטאַרק און שיין, כאָטש די דאָזיקע סצענקעלעך זיינען הוילע פֿאַנטאָמימע. פֿריש און מיט ניט ווייניק שאַטירונגען ברענגט י. דובינסקי אַרויס די ראָלע פֿון דעם פֿולבלוטיקן פּראָסט חיוקימדיקן גנבל סוויטניק. גלאַט און קיילעכדיק פירט אויס דער הער סאַמואילאָוו די פיגור פון דעם אַלט-געיבטן גנב שטשערב, בשעת ה' מוני ווייזענפֿריינד פֿירט אינטערעסאַנט, הגם אָפּט איינטאָניק, דורך די ראָלע פֿון דעם גנב רעזינאַר לעפּאַק. די לעצטע צוויי ראָלן, די אַלטע קיילע און דער גאָטס-גנב נחמן כשר, ווערן גאָרניט שלעכט דורכגעפירט פון דער מאַדאַם פערקויף, די צווייטע פֿון דעם הער פֿישקינד".

## ס. דינגאָל שרייבט:

„אין אַן אומאַנגענעמע לאַגע געפינט זיך אַ טעאַטער-קריטיקער ווען אים קומט אויס צו רעצענזירן אַ פּיעסע נאָך איר ערשטער אויפפירונג, באַזונדערס ווען די פּיעסע איז אַ בעסערע און די שוישפּילער באַציען זיך ערנסט צו זייערע ראָלן און יעדער זוכט אַרויסצוברענגען פון זיך דאָס בעסטע. דעם רעצענזענט קומט אויס צַנצווייזן אויף פעלערן, וועלכע זיינען אַמאָל דער רעזולטאַט ניט פון שלעכטן שפּילן, נאָר פון ווייניק אָדער פון איילנדיקער רעזשי. אַלץ זאַכן, וועלכע ווערן אויסגעבעסערט אין ווייטערדיקן שפּילן. אַזאַ איינדרוק איז אונדז פאַרבליבן פון דעם קונסט-אָוונט פון 8 אַפּריל אין „אוירווינג פּלייס טעאַטער, ווו עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל צוויי נייע זאַכן — די דרייאַקטיקע פּיעסע „גנבים" פון פ. בימקאָ און אַן איינאַקטער „משה פידלער" פון יוסף טשערניאַווסקי.

...דער הויפּט-העלד פון דער פּיעסע [„גנבים"] איז נאַטירלעך דער גנב שלמה שבר, וועלכער איז געשפילט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ. שוואַרץ האָט פאַרשטאַנען די קאָמפּליצירטקייט פון זיין ראָלע. פון איין זייט איז ער דער „שטאַרקער" גנב, דער ריז, וועלכער קאָן יעדערן צעמאָלן צווישן זיינע פויסטן, און פון דער צווייטער זייט איז ער דער אימפּאָטענציאָנעלער, שוואַכער, כמעט ווייבלעכער שלמהלע, וועלכער קאָן זיין פרוי ניט באַפרידיקן. ער האָט אין זיין ראָלע מער אַרויסגעבראַכט דעם שוואַכלינג ווי דעם „שטאַרקן". הירשל מזיק, מירקעס געליבטער, איז געשפילט געוואָרן פון גוסטאַוו שאַכט, און זיינע סצענען מיט מירקען האָט ער געשפילט זייער לעבעדיק. דאָס קאָנען מיר ניט זאָגן וועגן די מאָמענטן ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט מירקעס מאַן. ער האָט



אליהו טענענהאָלץ און מאָריס שוואַרץ

אַזוי פיל „געשפילט" זיין ראָלע, דאָס ער האָט זי אַריבערגעשפילט און געמאַכט אומנאַטירלעך. מיר האָבן געזען די גאַנצע צייט, אַז ער האָט מורא פאַר שלמהלע שבר און וויל ניט אַריינפאַלן צו אים אין די הענט, און דאָך האָט ער זיך יעדן מאָל אָפּגעשטעלט ביים טיר און לאַנג אַרומגעדרייט זיך אין הויז, אַזוי, ווי אַ שאָטן, אָן נוצן און אָן נויטיקייט, באַזונדערס האָט אונדז אויסגעזען מערקווירדיק די סצענע ווען ער ווערט באַפאַלן פון שלמהלע שבר מיט אַ מעסער און ער רייסט זיך קוים אַרויס פון זיינע הענט און לויפט צום טיר. יעדער מענטש — און אַ גנב איז אויך אַ מענטש — וואָלט אָדער געקעמפט צוריק אָדער געכאַפּט זיך פאַרן קליאַמקע און שוין געווען פון יענער זייט. שאַכט שטעלט זיך אָפּ ביים טיר און מאַכט אַ „דעיט" [אַ באַשטעלונג] מיט מירקען, און שלמהלע דרייט זיך אַרום אין שטוב און זעט עס אַפילו ניט.

מוני ווייזענפריינד, י. דובינסקי און י. סאַמואילאָוו האָבן געהאַט קלענערע ראָלן צו שפילן, אָבער יעדערער פון זיי האָט געשאַפן אַן אויסגעהאַלטענעם טיפּ און זיי אַלע צוזאַמען האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער לעבעדיקייט פון דער פיעסע. אָ. טייטעלבוים האָט געגעבן אַ מייסטערהאַפטן טיפּ אין זיין ראָלע אַלס נחמן כשר. עס איז ווירקלעך געווען אַ פאַרגניגן צו זען אים. דאָס איז אַ ייד, וועלכער איז אין געוויינלעכן לעבן כמעט אומפאַרשטענדלעך, קושט די מזוזות און האַנדלט מיט גנבות. טייטעלבוים האָט אים ערקלערט פאַר אונדז און געמאַכט אים ניט בלויז פאַרשטענדלעך, נאָר אויך נייטיק פאַר דער פיעסע. דאָס איז אַ פרומער ייד, וועלכער האָט אַ באַגריף איבער דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל אַזוי ווי דער שטעטלדיקער ייד, וועלכער איז מחלל שבת דורך אַ גוי

אָדער דורך אַ קינד. אַזוי לאַנג ווי ער אַליין גנבעט ניט, פילט ער זיך גאַנץ ערלעך. איי, וואָס ער קויפט אויף גנבות? — דאָס איז דאָך פּרנסה! מאַדאַם בערטאַ גערסטען האָט געשפּילט די ראָלע פון שלמהלעס יונגע ווייב מירקע, און האָט אין איר ראָלע אַריינגעבראַכט אַ סך שפּילעוודיקייט. מאַדאַם גערסטען איז אַ ביסל צופיל ראַפינירט פאַר דער ראָלע אין ערשטן און צווייטן אַקט, דערפאַר אָבער האָט זי זייער שיין אַרויסגעבראַכט אירע ליידן אַלס מוטער פון דעם קינד און איר פאַרלוירנקייט צווישן מאַן און געליבטן, אויך איר באַרו:קנדן איינפלוס אויף שלמהלען יעדעס מאָל ווען ער פאַלט אַריין אין כעס. מאַדאַם פערקויף אַלס קיילע האָט געהאַט אַ שווייגנדע, אמתע קונסט־ראָלע צו שפּילן און האָט זי זייער גוט געשפּילט.

„משה פידלער“ איז אַן אינטערעסאַנטער איינאַקטער פון קלעזמער־לעבן וועגן וועלכן עס וואָלט זיך געלוינט אָפּצושטעלן אַ ביסל לענגער ווען דאָס פּלאַץ וואָלט אונדז ערלויבט. דאָס קלעזמער־לעבן איז ביי אונדז אַ רייכער קוואַל פון וועלכן אונדזערע קינסטלער האָבן דערווייל זייער ווייניק געשעפּט. אונדזערע פאַרשטאָרבענע גרויסע דיכטער פּרץ און שלום־עליכם האָבן דאָס קלעזמער־לעבן אָנגערירט, אָבער ווייט ניט אויסגעשעפּט. פאַר די העלדן פון זיין איינאַקטער האָט יוסף טשערניאַווסקי גענומען דעם שמש און דעם קלעזמער, ביידע זיינען זיי משרתים פון קהל. זיי מוזן אַלעמען דינען און פריילעך מאַכן. נאָר אָט איז געקומען די חתונה פון דעם שמשס אַ קינד. דער שמש ווערט פּלוצלינג אויס משרת פון אַנדערע, נאָר זייער הערשער. ער איז דאָך עפּעס דער ערשטער מחותן. ער גיט אַ באַפעל און די קלעזמער שפּילן. ער איז ניט שמש, נאָר ערשטער מחותן ווי יעדער נגיד און בעל־הבית. און דער קלעזמער? ער, דער גאָט־געבענטשטער קינסטלער פון פידל, ער מוז זיין דער משרתביים שמש. ער מוז אויספּילן זיין באַפעל, און אים, דעם שמש, מאַכן פריילעך. זוכט זיך דער שמש מיט דעם קלעזמער אויסטענהן וועגן דעם ענין, איז דער שמש ווערט אַנטשלאָפן און דער קלעזמער הייבט אָן צו שפּילן פאַר זיך. אַלע מאָל געשפּילט פאַר אַנדערע, און איין איינציקן מאָל שפּילט משה פידלער פאַר זיך...

דער איינאַקטער איז אינטערעסאַנט און לעבעדיק אָנגעשריבן, נאָר די אויפפירונג האָט איין גרויסן חסרון, ס׳איז צו לאַנג, לאַנג כמעט ביז לאַנגוויל. דער נאַטירלעכער שלוס האָט געדאַרפט זיין ווען דער שמש פאַלט שלעפעריק אויפן טיש, אין שטוב ווערט פינסטער און דער קלעזמער בלייבט מיט זיך אַליין, אַ פאָר ווערטער פון קלעזמער און טשערניאַווסקיס טשעלאָ וואָלטן געווען זייער און זייער אַ דערפאָלגרייכער שלוס. דאָס וואָלט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן צושויער. אָבער ערשט דאָ הייבן זיך אָן די לאַנגווייליקע טענות פון קלעזמער מיט זיך אַליין, וועלכע שוואַכן אָפּ דעם פריערדיקן איינדרוק.

דובינסקי האָט די ראָלע פון שמערל שמש געשפּילט אויסגעצייכנט גוט און האָט זייער פיין אויסגעאַרבעט זיין עקסטאַז ביז צום טאַנץ מיטן טויט, און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אי דער טיפּ אי די אילוזיע פון דעם שמש, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון זיין געמוטשעטע לעבן. מאָריס שוואַרץ. אַלס קלעזמער האָט געליטן פון צופיל פּראָבן און האָט דעריבער ניט געקאָנט מאַכן דעם געווינטשטן איינדרוק“.



## „זאַזאַ“

**דעם 21 אַפּריל ווערט אַ׳ר פון מאַרק שוויד און אין זיין איבערזעצונג אויפגעפירט „זאַזאַ“ פון בערטאָן און סיימאַן.**

**אוריאל מזיק שרייבט:**

„אויב אַן ערן־אָוונט איז דער יום הדין פאַר די שוישפּילער, דאַן קאָן מאַדאַם וואַליער געוויס צופרידן זיין מיט איר אויפטריט אַלס „זאַזאַ“. דאָס איז געווען אַן אָוונט פון באַגייסטערונג, פון אַפּלאָדיסמענטן און פון אמתער גייסטיקער צופרידנהייט. עס איז געווען קלאָר פאַר יעדן, אַז די דאָזיקע „פרעמדע“ שוישפּילערין האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אינטעליגענטן יידישן



(צייכנונגען פון ש. ראַסקין)

פּובליקום, און אַז מען האָט זי באמת ליב, ניט אַלס אַ פרעמדע, נאָר ווי אַן אייגענע, אַ נאָנטע, און זי האָט די וואַרעמע, האַרציקע באַצי:ונג, וואָס דער גרויסער עולם האָט אַרויסגעצייגט מיטוואָך אָוונט כשר פאַרדינט דורך דער גלענצנדער אַרבעט פאַר דער קורצער צייט, וואָס זי איז אויף אונדזער בינע.

פאַר די, וואָס האָבן געזען מאַדאַם וואַליער אין דער „טענצערין“, איז איר אַרבעט אַלס „זאַזאַ“ ניט געווען קיין איבעראַשונג.

אין אַלגעמיין איז דאָ אַ היבשע ענלעכקייט צווישן די דאָזיקע פּיעסן, און אין מאַנכע שטעלן קומט אויס דער שוישפּילערין דורכצומאַכן די זעלבע מאָמענטן. דער איינציקער אונטערשייד צווישן דער „טענצערין" און „זאַזאַ" איז אין דעם, וואָס די ערשטע איז פיל מער בינע־מעסיק, קירצער און בולטער ווי די צווייטע. עס דאַכט זיך, אַז דער רעזשיסער, הער מאַרק שווייד, וואָלט געקאָנט היבש קירצן די דראַמע. דער ערשטער אַקט איז אומגעהייער לאַנג און היבש לאַנגווייליק. דאָרט איז דאָ צו ווייניק האַנדלונג. דאָס זעלבע איז מיטן פערטן אַקט. עס איז צופיל צעצויגן, און אָט דאָס האָט געמאַכט, אַז מ׳זאָל זיך אָפּטמאָל לאַנגווייליקן. טאַקע נאָר אַ דאַנק דער וואַרעמער באַציִונג פון דער גאַנצער טרופּע, דעם טיפן ערנסט זייערן, איז דאָך מעגלעך געווען אויפצוהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט פון פּובליקום ביז צום לעצטן מאָמענט.

ווי האָט מאַדאַם וואַליער דורכגעפירט די ראָלע פון „זאַזאַ"? אויב וווּ ניט איז האָט זיך געזען דער גרויסער טאַלענט פון דער דאָזיקער אַרטיסטין, איז עס געווען אין דער דאָזיקער ראָלע. „זאַזאַ" ווי „די טענצערין" איז אַ קאָמפּליצירטער כאַראַקטער. זי איז אַ קינסטלערין פון דער נאַטור די דאָזיקע „זאַזאַ", אַ ווילדע, אַ קאַפּריזנע יונגע פרוי. זי ווערט לייכט אויפגערייצט. זי וואַרפט זיך שלאָגן אויף דער קעגנערין. זי קאָן זיך לאַשטשען — אַ קעצל. דאָ איז זי ווייך און גוט ווי אַ קינד, און דאָ איז זי אַ טיגערין. דאָס איז אַ ראָלע, ווו די אַרטיסטין דאַרף איבערגיין פון שטימונג צו שטימונג יעדע מינוט, יעדע רגע. אָט איז זי קאָקעטיש, שטיפעריש. זי פלאַמט אויף פון ליבע און ליידנשאַפט, און באַלד ווערט זי קאַלט און גלייכגילטיק. אין דעם מאָמענט ווען זי דאַרף ערשיינען פאַרן פּובליקום, ווען מען רופט זי, ווען מען פאָדערט זי זאָל אַרויסקומען, קושט זי און לאַשטשעט דעם כמעט פרעמדן מענטשן און וויל ניט וויסן פון גיין טאָן איר פליכט. מען מוז האָבן אַ גרויסן טאַלענט כדי אַרויסצוברענגען די אַלע מאָמענטן, די אַלע איבערגאַנגען, אַזוי, דאָס מען זאָל עס גלייכן און ניט פילן קיין טעאַטראַלע געמאַכטקייט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיין אַ שטיק אמת. מאַדאַם וואַליער האָט די אַלע מאָמענטן אַרויסגעבראַכט אַזוי איידל, אַזוי צאַרט און געצאַמט, אַז עס האָט געמוזט פאַנגען דאָס האַרץ ביי יעדן, וואָס איז כאָטש עטוואָס באַקענט מיט דער בינע־קונסט.

אָט, למשל, איז דאָ אַ סצענע ווי זי קומט אין דער היים פון דעם געליבטן. זי איז פול מיט ראַכע־געפילן. זי מוז פאַרניכטן דער פרוי, וואָס האַלט דעם מענטשן צו וועמען זי איז צוגעבונדן מיט לייב און זעלע. איר פאַנטאַזיע מאָלט איר אַ בילד פון יענער אומבאַקאַנטער פרוי. זי איז אַלט, נאַריש, שלעכט און פרום. זי, זאַזאַ, וועט זיך פאַרמעסטן מיט יענער און זי וועט דעם מאַן אַוועקנעמען. זי איז שטאַרק אין איר גלויבן. זי איז זיכער, אַז זי וועט זיגן, און זי פלאַמט מיט איר נקמה־געפיל. לאָזט זיך אַבער אויס, אַז עס איז דאָ אַ קינד, אַ ווויל מיידעלע, און זי ווייס, אַז דער קאַמף איז פאַרלאָרן. זי ברעכט צוזאַמען. זי יאָמערט און קושט דאָס קינד. עס לאָזט זיך אויס, אַז די מוטער איז אַ שיינע, אַן אָנשטענדיקע, און זי מיט איר חברטע סימאָן פאַרלאָזן דאָס הויז אונטערן אויסרייד, אַז עס איז אַ טעות, אַז דאָס האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט.

אמת, די דאָזיקע מאָמענטן האָט די אַרטיסטין ניט אויסגעטראַכט. דאָס איז געצייכנט פון די פאַרפאַסער. די זאַך איז אָבער, וואָס מאַדאַם וואַליער האָט עס אַזוי דורכגעפירט, האָט עס אַזוי געשפּילט, וואָס מען קאָן קיין בעסערס, דאַכט זיך, ניט ווינטשן. איר פאַרלאָזן דאָס הויז, די העלפלעכקייט אין דער אונטערדריקטער יאָמער, דאָס אַליין איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אויפגעטרייסלט, און מערקט אייך, אַז קיין געשריי, קיין קוויטשעריי איז דאָ ניט געווען. פאַרקערט, זי איז רוּיִק, אָפּגעלאָזן, פול מיט שטילן יאוש, און דאָך (און אפשר טאַקע דערפאַר) האָט זי געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק. איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער אַרטיסטין איז, וואָס זי ברענגט ניט אַרויס דעם גאַנצן שטורם פון דער נשמה. אימער פילט מען, אַז דאָס סאַמע וויכטיקע וועט נאָך ערשט קומען, אַז דער צאָרן וועט אויסברעכן אין דער פולער קראַפט, און דאָס ווירקט ווי אַ צווייבער אויף די צושויער. מען איז אימער פול מיט ערוואַרטונג, פול מיט שפּאַנונג. נו, טאַקע, ווער וואָלט עס דורכגעלאָזט צו רייסן די אויערן, ווען ער, דער געליבטער, באַליידיקט און שימפּט [זידלט], ווען מען מוז אים אַרויסטרייבן פון הויז? דאָ איז דאָך דאָ אַזויפיל פּלאַץ פאַר אַ „שלוס אַקט"... מאַדאַם וואַליער האָט זיך אָבער באַגנוגנט מיט אַ זשעסט, מיט אַ וואָרט, און עס איז גענוג געווען, אַז מען זאָל זען קלאָר די דראַמאַטישע סיטואַציע.

אַלזאָ, מיט איר אויפטריט אַלס „זאַזאַ" האָט מאַדאַם וואַליער ווידער אַמאָל באַוויזן, אַז אונדזער יידישע בינע האָט אין איר געפונען אַ זייער גוטע שוישפּילערין און אַז זי האָט ביי אונדז געפונען אַ דאַנקבאַרן און האַרציקן פּובליקום.

צום באַדויערן ערלויבט אונדז ניט דאָס פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף דאָס שפּילן פון די איבריקע אַרטיסטן, וועלכע האָבן מיט ערפאָלג מיטגעווירקט אין „זאַזאַ". דאָס זיינען געווען: גוסטאַוו שאַכט, א. טענענהאָלץ, מאַקס שקאָלניק [מנשה סקולניק], ליזע זילבערט, י. דובינסקי, י. ווערניק, י. סאַמואילאָוו, מ. ווייזענפריינד, א. טייטעלבוים, מאַרק שווייד, י. פישקינד, מיס זיבעל, מיס שוואַרץ, חנה האָלענדער, סיליע ליפּצין, מיס ליאַנסקי, מאַדאַם פערקויף, מר. מאַנע".

**אוריאל מזיק שרייבט וועגן פאַרגאַנגענעם סעזאָן:**

„. . . און פּונקט ווי ביז אַהער, האָט אויך דער לעצטער סעזאָן אַרויסגעבראַכט נייע קרעפטן, וואָס וועלן אָן ספק פאַרנעמען אַ היבשן אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער בינע. די ערשיינונג פון מאַדאַם דזשעני וואַליער איז פון גרויסן ווערט. זי מיט איר גוטע טעכניק, אַנטוויקלונג און טאַלענט, האָט שוין געמאַכט אַ טיפן רושם סיי אויף די שוישפּילער און סיי אויפן פּובליקום. זי האָט מיט איר שפּילן אין „די טענצערין", „זאַזאַ", „קרייצער סאָנאַטאַ" און „די ווייסע בלום" געשאַפן אַ נייעם טאָן. עס איז ניט געווען דאָס אַלטע, שאַבלאָנע, וואָס עס הערשט ביי אונדז אויף דער בינע. איר באַטאָנונג, די מימיק, די אויסטייטשונג — דאָס אַלץ באַלאַנגט צו אַ העכערע שולע און זי האָט געמוזט דינען אַלס אַ גוטערביישפּיל [פאַר די] וואָס האָבן זי געזען. ה׳ דובינסקי און ה׳ מוני ווייזענפריינד האָבן אָפטמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז זיי זיינען טאַלענטפולע שוישפּילער.

דער ערשטער אַלס „אפרים כלי־זמר" אין „קרייצער סאָנאַטאַ" און דער אַנדערער אין „די „גנבים" פון בימקאָ, אין „די ווייסע בלום" אַלס דער לאָיער און אין מאַנכע אַנדערע ראָלן, האָבן זיי געצייגט, אַז מען קאָן זיך ריכטן אויף זיי גאָר גוטעס אין דער נאָנטער צוקונפט".

**מאָריס שוואַרץ איז מיט אַ טייל טרופּע אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ, און יאָזעף שיינגאָלד האָט איבערגענומען זיין ראָל אין „אַמאָל אין מאַי".**